STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00171

GEZAMELTE LIDER

Aaron Zeitlin

Permanent preservation of this book was made possible by
Irwin & Sara Tauben
in honor of
Nuson & Ruchla Ferdman and Morton & Julie Tauben

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע לידער

אהרן צייטלין

געזאַמלטע לידער

ערשטער באַנד

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק
1947

ארויסגעגעבן
פון פאַרלאַג „מתנות"
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

AARON ZEITLIN

GEZAMLTE LIDER

COLLECTED POEMS

COPYRIGHT 1947
BY FARLAG MATONES NEW YORK, N. Y.

PUBLISHED BY
FARLAG MATONES
22 E. 17TH ST., NEW YORK 3, N. Y.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK CITY
438

באַמערקונגען

אין די צוויי בענדער פון מיינע געזאַמלטע לידער (ווייטערדיקע בענדער ווערן צוגעגרייט) גייט אַריין אַ היבשער טייל פון דעם, וואָס איך האָב געשריבן אין פּערז־פאָרם אין משך פון איבער דרייסיק יאָר.

פון די לידער, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן ביז 1923, גייט אַ טייל אַריין אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון ערשטן באַנד. לידער פון די זעלבע יאָרן זיינען צעשפּרייט איבער ביידע בענדער און וועלן אויך אַריין אין די קומענדיקע ביכער.

„מטטרון", וואָס איז אין יאָר 1923 אַרויס אין אַ באַזונדער ביכל, האָט באַקומען אַ נייע רעדאַקציע און וועט אַריין אין אַ באַנד מיסטעריעס און קבלה־פּאָעמעס.

די לידער זיינען אַלע געוואָרן רעוויִדירט. אין אַסך פאַלן — איבערגע־אַרבעט.

***

קלאַסיפיצירן לידער נאָך זייערע אינערליכע שייכות'ן איז אַ האַרבער ענין. און תּוך דאַרף עס טאָן נישט דער שרייבער פון די לידער, נאָר דער, וואָס דאַרף יענע שייכות'ן אויפדעקן: דער קריטיקער.

געזאַמלטע לידער איז דאָס בעסטע מסדר צו זיין כראָנאָלאָגיש, ס'הייסט, נאָך די יאָרן פונעם געשריבן ווערן. כ'האָב עס נישט באַוויזן צו טאָן צוליב פאַרשיידענע מניעות.

דער סדר, וואָס כ'האָב זיך געהאַלטן אָן אים, איז אַ פרייער: ערשטע אָפּטיילונג פון ערשטן באַנד — ציִנז די יונגע יאָרן; אין די ווייטערדיקע אָפּטיילונגען פון ביידע בענדער — פרייע מישונג פון אַלט און ניי, פריער

און שפּעטער (אין מוקדם ומאוחר בלידער). פּערזען פון דעם גרויסן חורבן־ישראל און משיח־לידער אלטע און נייע, מאָטיוון פון פאַרצווייפלונג און מאָטיוון פון גלויבן, האָב איך — אנשטאָט אבצוטיילן איינס פון ס'אַנדערע — מיט אַ גאַנץ באַשטימטער כוונה גראַד צוזאַמענגעבראַכט: אַ רמז, אַז יאוש און אמונה דאַרפן זיך דערגאַנצן.

***

אַ וואָרט וועגן ווערטער.

אַלע סאָרטן ווערטער זיינען באַרעכטיקט אין אַ ליד, אַחוץ יענע, וואָס שטייען נישט אויף די ריכטיקע ערטער. נעאָלאָגיזמען, אַרכאַאיזמען, פּראָזאַאיזמען מכל המינים; ווערטער נייע שבנייע און אַלטע שבאַלטע; ווערטער פרישע און אָפּ־ערשטיקע און ווערטער באַנאַליזירטע (אַ שטייגער: האַרץ, נשמה וכדומה)—זייער סטאַטוס אין אַ ליד ווענדט זיך נאָר אָן דעם, צי דער זיווג פונעם וואָרט מיט זיין אָרט איז אַ באַשערטער אָדער נישט.

דער סוד פונעם וואָרט איז דער סוד פון דעם וואו, וואָס פון אים איז אָבהענגיק דער ווי.

***

דאָס צוגרייטן צום דרוק די בענדער, וואָס ליגן איצט פאַר'ן לייענער, איז מיר — צוליב פאַרשיידענע סיבות — אַנגעקומען נישט לייכט. זיינען מיר בייגעשטאַנען די וואַרעמע באַציאונג און פיינע פאַרשטענדעניש פון פריינט ליפע לערער, פאַרוואַלטער פון פאַרלאַג „מתנות", וואָס אים געהערט אויך די איניציאַטיוו אַרויסצוגעבן די ביכער. ער האָט פאַרדינט אַן אויפריכטיקן יישר־כח.

אַ באַזונדער דאַנק פאַרדינט פריינד ישראל לאָנדאָן פאַר הויך־קוואַליפיצירטער דרוק־אַרבעט און פאַר אַסך אויפמערקזאַמקייט און באַציאונג סיי צו דער אַרבעט און סיי צום מחבר.

א. צ.

נ. יאָרק, אויגוסט 1947

אַנשטאָט אַ ווידמונג

פון תהומות געעפנטע וועלן בילן
דער טומאה'ס הייזעריקע הינט.
פון הימלען געעפנטע וועלן כרובים
קוקן אויף מיר און אויף מיינע זינד.

צווישן תהומות, וואָס ווילן מיך פאַרצוקן,
און ווייטע כרובים, וואָס לאָזן נישט צו,
וועל איך אין אנגסטן שטיין און קוקן
אויף דיר — און נישט וויסן, אַז דאָס ביסט דו.

מיר וועלן האָבן אַזויפיל וועלטן,
אַזויפיל גלגולים הינטער זיך.
אַז דו ביסט דו וועל איך נישט וויסן,
און דו וועסט נישט וויסן, אַז איך בין איך.

נאָר אָט גיט אַ ליכט צווישן אונדז אַ ציטער,
אָט גיט אַ קינד צווישן אונדז אַ שווים.
איך און דו, צבי־דוב דער דריטער —
מיר ביידע דערקענען זיך אין אים.

— אָרליק, שוין דורות נאָך מאַידאַנעק...
— טאַליע, אַן ערד אַ נייע גרינט:
צו ניי־ישראל לאָמיר אַרונטער —
אַ פאָטער, אַ מוטער און אַ קינד.

1947

שאַטנס אויפֿן שניי
(1913—1923)

א. די קליפּה פֿון עצבֿות

ב. סיגנאַלן און בת־קולס

ג. קעגנאיבערדיקע ברעגעס

ד. וועלט־געפּיל

די קליפה פון עצבות

געשריבן אין 1913

און וואָס וועט זיין, ווען טרער און טויט פאַרשווינדן
און ס׳וועדט די גאַנצע ערד באַדעקט מיט פרייד,
ווי ס׳איז דער פליין פון ים באַדעקט מיט אינדן?
צי וועסטו, מענטש, נישט בענקען שטילערהייט
נאָך וואונד און וויי פון אַלטע בייזע צייטן?
אַן פיין איז פרייד אַ הימל אָן אַ גאָט
און קיין שום גליק קאָן טרערן נישט פאַרבייטן.

יוגנט־ליד

האָסן הייסט — פאַרמאָגן נעגל!
אינעם האָרץ פון דעם געהאַסטן,
ווי אין מיסט אַ פולן קאַסטן,
אייביק גראַבלען מיט די נעגל.
בעסער ליבן!

ליבן הייסט — פאַרמאָגן נעגל,
פרעך אין פרעמדע בלוטן דרינגען,
זיי באַפאַלן און באַצווינגען.
האָס און ליבע דאַרפן נעגל, —
בעסער דיכטן!

דיכטן הייסט — פאַרמאָגן נעגל,
פאַנגען בילדער, רויבן קלאַנגען,
אייביק רויבן, אייביק פאַנגען.

אויך דאָס דיכטן פאַדערט נעגל, —
בעסער לעבן!

לעבן הייסט — פאַרמאָגן נעגל,
ווי אַ שפּיר־הונט אייביק שנאַפּן,
דאָס באַגראָבן, יענץ פאַרכאַפּן.
בעסער שטאַרבן!

פון באָדלער׳ן

אַ געלע שלאַנג אין הארצן טראָגט
איטלעכער מענטש, און זי פּסקנט איר פּסק.
זי שטייט דאָרט ווי אויף אַ טראָן, און זאָגט
דער מענטש: איך וויל! — זאָגט זי: נישט וואָג!

דערטרינקסטו דיין בליק אין דעם שווארצן גלאַנץ
פון אַ ניקסע׳ס אויגן און ס׳ווערט דיר ווארמער, —
פרעגט די שלאַנג: און דיין פליכט, אַ שטייגער?

שלייף דיר פערזן און קריץ אין מאַרמאָר,
האָב דיר קינדער און בוימער פלאַנץ, —
זאָגט זי: ביסט אפשר נאָך היינט אַ פּגר.

נאָך וואָס ס׳זאָל נישט זיין דעם מענטשס פאַרלאַנג, —
נאָך גאָט, נאָך ליבע, נאָך מזל־ברכה, —
אונטער איר אייביקער השגחה
האַלט אים די רשעות׳דיקע שלאַנג.

אַ ש ט ו מ פּ

פֿאַראַן אַ פֿיגור אין שאָטן: לעבן.
זי רויכערט אויס מיליאָנען ציגאַרן
און לאַכט און צינדט אָן מיליאָנען נייע.
וואוילעריש רויכערט זי, די גאַסן־פֿרוי,
די תאוהדיקע חיה.

כ׳בין אירער אַ פֿאַרלאָשענער ציגאַר,
אַ שטומפּ אַן אויסגערויכערטער — — מיט פֿרעכע פּיס
האָט זי מיך געגעבן אַ פֿאַרשאַר.

ליג איך פֿאַרריסט
אין מיסט.

אדם־חוה ביים ים צוקאָפּנס

ווי גרינע מתושלח־אַלטע שלאַנגען
אין טויבן מתושלח־אַלטן וואַלד
הויערט ים אין קאַלטע אויפֿדערנאַכטן.
און כ׳הער ווי ס׳ציטערט איבער אים און פֿאַלט
אַן אָפּקלאַנג פֿון דער וועלט־געשיכטע׳ס שלאַכטן,
אַן אָפּהילך פֿון אַ דורות־לאַנגן גוואַלד — — — —

אים צוקאָפּנס שטייען אָדם־חוה — צוויי פֿיגורן —
גרויע מאַסטן מיט אַרויפֿגעשטרעקטע הענט.
און ס׳רעדט צו זיי דער ים,
דער נחש קדמון, דער פֿאַרשטעלטער ס״ם:
„וואָס וויינט איר? נישט אין מיר איז עס געווענדט!
דער וועג צו גאָט — פֿאַרווישט איז ער, פֿאַרווישט די לעצטע שפּורן!

איך —
דורות גאַנצע קריך איך אויף מיין גרינעם בויך און קריך —
צוריק צו גאָט׳ס גן עדן קאָן איך נישט דערקריכן...
און א י ר ?
אַ סברא, אַז אויך איר וועט נישט דערקריכן אַזוי גיך,
אַ סברא, אַז נישט יעצט און נישט אינגיכן.
וואָס קומט איר דאָ מיט טענות אייביקע צו מיר ? !
אויך איך ליג אויסגעשטרעקט אין אַ געבעט, וואָס קיינער הערט נישט,
פאַר גאָט׳ס פאַרשלאָסענער און שטומער טיר" — — —

STACCATO

אויפן דאַך קריכט אַ טויטער היינטיקע נאַכט.
די לבנה שרייט רויטער היינטיקע נאַכט.
די לאַמטערן ווינקט געלער היינטיקע נאַכט.
עמעץ שטאַרבט אין אַ קעלער היינטיקע נאַכט.
אַלע מויערן וואַכן היינטיקע נאַכט.
ס׳וועלן פלעדערמייז לאַכן היינטיקע נאַכט.

נ אַ כ ט   פ ו ן   ט ב ת

מיט גרינעם גאַזן-טוי
זאַלבט דיך, טבת-נאַכט, אַ לאַמטערן,
באַשיינט פאַרפרוירענע קליינע טרערן
אין אויג פון אַ גאַסן-פרוי.

וואוהין ווילן לויפן
דערשראָקענע קוימענעס ?
אין שוואַרצע רוימען איז
פאַרפאַרן אַ קוימען אַ יוצא-דופן.

ווי מיט צעציטערטע ראשי־תיבות'לעך
— ראשי־תיבות אָן טעקסט, אָן לייענער —
וואַרפט גיך־שפּיזלדיק מיט שניי־פּיסלעך
אַ לץ אַ שנייענער.

די גאַס די פאַרלאָשענע, — מיטה־שמאָל, מיטה־שוואַרץ, —
בלאַנדזשעט אין שניי ווי צווישן מצבות.
צוגלעקלט זיך ווען־נישט־ווען אַ שליטן־האָרץ —
באַגראַבסטו די קלאַנגען, נאַכט פון טבת!

ד ר י י

אַט אַזוי פאַרשווינדט די אומשולד,
אַט אַזוי פאַרשווינדט זי.
עפּעס דאַרף זי, עפּעס זוכט זי —
אָבער וואָס געפינט זי?
ראַש און רוישיק קומט די ליבע
מיט איר פלאַם — און צינדט זי.
און אין רויך צערינט די אומשולד,
אַט אַזוי צערינט זי.

אַט אַזוי פאַרגייט די ליבע,
אַט אַזוי פאַרגייט זי.
עפּעס דאַרף זי, עפּעס זוכט זי —
אָבער ווער פאַרשטייט זי?
עפּעס דאַרף זי, עפּעס זוכט זי —
ס'לעבן פליצט, פאַרפליצט זי.
און אַזוי פאַרגייט די ליבע,
אַט אַזוי פאַרגייט זי.

אַט אַזוי פאַרגייט דאָס לעבן,
אַט אַזוי פאַרגייט עס.
עפּעס דאַרף עס, עפּעס זוכט עס,
אָבער ווער פאַרשטייט עס?
ס'זוכט אַ חבר — און דער טויט נאָר.
נאָר דער טויט באַגלייט עס.
און אַזוי פאַרגייט דאָס לעבן,
אַט אַזוי פאַרגייט עס.

ס מ א ל

עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון גרויסע שטעט
פון פרי ביז שפּעט
און שמידט סמאַל'ן כלי־זין.
אים זינגט די גאַס
אויף איר פאַרשייט־געדיכטן באַס,
און זיינע שדים — רק זיי שרייען.
אַן אויפהער גייט,
אַן אויפהער ציט זי זיך, די קייט
פון זיינע אויטאָס און טראַמוואַיען.

ער לויערט לאַכעדיק (ס'געפעלט
דעם ס"ם זיין וועלט),
טוט הינטער ראָגעס זיך פאַרטאַיען,
און שטייט און האַרכט, ווי ווילד עס ברכ'מ
דער כרך און קראַכט,
ווי ס'הוילן קראַנקע קריגערייען,
ס'אַרע אַקאַרד
עס נעמען הונגער, זנות און מאָרד,
און ווי עס וויינט: „לית דין ולית דיין"...

מיט הייסער פרייד
פאַרנעמט ער קללות, פוסטע רייד,
דאָס גאַנצע בלאָזן, ברויזן, בריִען,
און לוסטיק זעט
זיין אויג, ווי ס'ציט זיך דורך די שטעט
זיין קייט פון אויטאָס און טראַמוואַיען.

דולהויז

שגעון־הויז, דו זאַמל־הויז,
באַגעגן־הויז פון די אומגליקן!
ווילד שרייען זיי אַרויס
פון אַלע דיינע פענצטער.

איך הער זיי שרייען — און ס'וואונדערט מיך,
פאַרוואָס די ווענט דיינע ברענען נישט
און דו שטייסט איבער אונדז נישט אויף
ווי אַ ריזיק הארץ אין פלאַמען.

נאָך האַלבער נאַכט באַפאַל די שטאָט,
כאַפּ אָן ביים גרגרת דאַרע קוימענס,
ווערג אוים אין שלאָף אַ וועלט אָן גאָט —
און שנייד אַלע זייגערס אויף די בייכער!

שעה'ן

שעה'ן — גרויע קעמלען,
טויטע קאַראַוואַנען.
שלעפּן זיך און שלעפּן —
פרעג זיי נישט פון וואַנען.
אַלץ, וואָס איז געשטאָרבן,
שלעפּן זיי אויף האָרבן

צו דער פרוי נירהוואַנע'ן:

שטייען כנופיות שדים,
פינצטערע חבריא׳ס,
שמעלצן בליי פון שעה׳ן —
קיי איך ס׳בליי און קיי עס.
קיי איך גרויע בלייען,
הער איך אייביק שרייען:
„בליי עס, בליי עס, בליי עס!"

שעה׳ן, שעה׳ן, שעה׳ן — — —
ס׳טרייבט די צייט קאַטאַוועס.
שעה׳ן זענען פוסטע
זייגערשע מחשבות.
ס׳לאַכט זיי אויס, די שעה׳ן,
ער, דער שוואַרצער גאון,
דער מייסטער מלאך־המות.

ג ר י י ט ק י י ט

אליין בין איך געבליבן,
מחוץ דעם קאַראַהאַד,
און הימלען ווייטע זיבן
פאַרשטעלן מיר מיין גאָט.

עס שטאַרבן די געפילן,
עס לעבט נאָר איין געפיל:
כ׳האָב אויפגעהערט צו שפּילן,
ס׳איז אָפּגעשפּילט די שפּיל.

היינט לעב איך, מאָרגן שפּרינג איך
אין תהום ווי אַ מעטעאָר,
און איבערמאָרגן זינג איך
מיט גייסטער אין איין כאָר.

די מרה־שחורה

דו זעסט זי אויף בוידעמס, וואו ס׳וויגט זיך אום
דער גוף פון אַ זעלבסטמערדער אויף אַ שטריקל;
ביינאַכט — הינטער איינעם, וואָס בייגט זיך קרום
און וואַרפט־זיך אין וואַסער אַריין פון בריקל.

מיט פינגער, וואָס זענען גרייט טון שלעכטס,
צעציט זי די רויבער־פּיס ביי שפּינען;
זי קויקלט די שטאָל־רעדער פון מאַשינען
און קאָכט דעם ים־שטורעם׳ס ווייס געקעכץ.

אין הארבסט זאָגט זי וידוי מיטן גאָרטן,
צינדט אָן זיינע ביימער מיט איר שטורקאַץ.
זי זיצט צווישן יונגען און שפּילט אין קאָרטן

ערגעץ עק שטאָט, אין אַ פרייליכער הייזל,
און ברענט אין די אויגן פון אַ קאַץ,
וואָס געזעצט, נאָכיאָגנדיק אַ מייזל.

קוואַדראַט אין אַ קוואַדראַט

מיין לעבן איז אַ חלום אין אַ חלום
און איז אַן אָנקלאַפּן פון טיר צו טיר;
עס איז אַ בוך פון אייביקע משלים,
וואָס חזרן זיך איבער אָן אַ שיעור.

נישט איינמאָל, זאָגנדיק הבל־הבלים,
האָב איך געטראַכט: אַלץ וויים אין מיר און וואַכט.
נאָר אויך דאָס וואַכן איז געווען אַ חלום
און ס׳איז ווי פריער נאַכט געווען, נאַכט.

ס׳איז נאַכט געווען אין נאַכט: עס האָט איין חלום
פאַרטאָפּלט זיך, פאַרדרייפאַכט און פאַרפירט.

איין נאַכט דער צווייטער האָט געגעבן שלום,
איין חלום האָט דעם אַנדערן געפירט.

ביי יעדן נייעם טרוים, ביי יעדן חלום,
האָט מיר אַ קול געפּליסטערט אַלט און מאַט:
„דו קענסט דאָך אים, דו קענסט שוין פון אַמאָל אים" — — —
אַ לעבן מיינס, קוואַדראַט אין אַ קוואַדראַט!

נאַכט פון קליפּות

גלעקלעך, לצים־גלעקלעך גלאָקלען:
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!
גלאָקלען, שאָקלען זיך און שאָקלען
דאָ אַהער,
דאָ אַהין.

דאָ אַהינצו, דאָ אַהערצו — — —
ס'איז באַגין,
ס'איז באַגין
פון אַ חגא־נאַכט אַ גרויסער.
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

זיינע קונדס'דיקע קינדער,
זיינע זין,
זיינע זין,
לאָזט ס"ם וויסן, אַז ס'איז צייט שוין.
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

שרעטלעך הערן — און פאַרפּלייצן
אַ רואין,
אַ רואין,
קלינגען, שפּרינגען, מאַכן יעלות.
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

איבער בלאָטעס פליען פלעמלעך,
טאַנצן רויט,
טאַנצן גרין,
גלויבן אויגן זייער כּישוף —
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

ווערן וואַנדערער פאַרבלאָנדזשעט,
אָדמ׳ס זין,
אָדמ׳ס זין,
ס׳שאַלט אַ שאַלן — און זיי פאַלן.
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

דער באַשעפער הערט און ווייטיקט.
הילכיק־דין,
הילכיק־דין,
מאַכט סמאל פון אים חוזק.
דזין, דזין, דזין!
דזין, דזין, דזין!

ס״ם ווייזט גאָט אַן עולם־הפוך,
כאָטש אַנטרין,
כאָטש אַנטרין,
כאָטש אַנטלויף פון אַלע הימלען.
נאָר וואוהין?
דזין —

אַ פערד אויפֿן רעגן

ווער עס האָט אַמאָל זיך צוגעקוקט
און געזען, ווי אין אַ רעגן־טאָג,
אונטער חשון־הימלען קריכנדיק,
שוואַרצע חשון־בלאָטע קנעטנדיק,
טראָגט דאָס מידע פערד אין אויג־אַפּל
טיפֿע, לײַדנדיקע מענטשלעכקייט;

ווער עס האָט זיך דענסטמאָל אָפּגעשטעלט
און דעם אומעט דעם אָן־סופֿיקן,
די פֿאַרכישופֿט־שטומע קנעכטישקייט,
די מחשבה פֿון באַשערט־אַזוי
דורכגעלייענט אין די פֿערד־אויגן, —

יענער האָט ביז טיף אין אינגעווייד
אײַנגעזאַפּט אין זיך די שרעקלעכקייט
און דעם עלנט פֿון זײַן־לעבעדיק;
יענעם האָט זיך פֿונדערווײַטנס דאַן
מיטאַמאָל אַנטפּלעקט די ריזן־האַנט,
וואָס אין גורל־קייטן אײַזערנע
שמידט זי חיה אײַן און מענטשן־קינד.

אָפּן ווערט אים דער גלגולים־סוד:
פֿערד און מענטש — וואָס איז דער אונטערשייד?
איך, וואָס זע דאָס פֿערד פֿאַרבייקריכן,
וועל אַליין, אין יאָרן צענדליקער,
אין אַ פֿערד־געשטאַלט פֿאַרבייקריכן
פֿאַר די אויגן פֿון אַ פֿוסגייער.

קוקו

עס פייפן די פייגל, עס זינגען די זאַנגען,
עס זידן אינזעקטן, עס דאַווענען ווינטן,
עס גיסן זיך קלאַנגען
פון וואַלד און פון סאָד און פון ראָזן דעם צעגרינטן,
נאָר צווישן די טויזנטער קלאַנגען, וואָס גריסן
די זון מיט אַ הייסן סימפאָנישן גרוס,
רייסט זיך אַריין, ווי דאָס קול פון אַ קראַנקן געוויסן,
אַ שאַרפער, אַן איינזאַמער כרוז:
קוקו!

צי רופט דאָס אַזוי אַ נשמה, וואָס האַלט איצט
אין וואַגלען — אָן ציל, אָן באַגער, אָן זכרון?
זי וואָגלט אין וואַלד איצט,
אַזוי ווי אַמאָל אין דעם וואַלד פון די יאָרן,
און ס'איז איר פון אַלע אַמאָליקע טענער
געבליבן נאָר איינער, וואָס טראַציקט און שפּעט,
אַזוי ווי אַ בייזער און בלויז פון דעם טייוול געזע'נער,
אין וואַלד טיף באַהאַלטענער שד:
קוקו!

צי קלאָגט דאָס אינמיטן דעם בליען און גרינען
דער גייסט פון אַ טויטן פאַרצייטישן זומער,
וואָס קאָן נישט פאַרגינען
דער זון, וואָס גיסט שטראַלן ווי יין־המשומר,
דעם הימל, וואָס בלענדט ווי אַ בלויער גן־עדן,
דעם פעלד, וואָס זיין קלייד האָט זיך גאָלדיק צעבליט?
ער קאָן נישט, דער טויטער, פאַרטראָגן קאַלירן
און פריידן —
און מישט זיך אַריין אינדערמיט:
קוקו!

אַסטראַל

ביינאַכט האָב איך אַריינגעקוקט אין שפּיגל
און האָב דערזען אַ טויטן,
אַ טויטן מענטש מיט צוגעמאַכטע אויגן
אונטער אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר,
מיט ליכטלעך אין די ווערעם־גרינע הענט, —
ליכטלעך ווי קאָלירקע קאַליבּערס.

ווי אַ באַן־וועכטער, וואָס שטייט און לייכט
דעם לויפנדיקן צוג,
האָט ער פון שפּיגל מיר אַרויסגעליכטלט.
ער אַליין באַדאַרף עס נישט, דאָס ליכט, —
זיין נאַכט איז גוט צו אים, —
בלויז מיר, דעם לעבעדיקן, איז ער עס אַרויס
אַ לייכט צו טאָן, אַ ליכטל־טאָן.

זיין שמייכל האָט מיך קלוגעריש באַנעבעכט.
ער מיט זיינע ליכטלעך
איז דערנאָך, אַ לאַכיקער,
צוריק אין שפּיגל אַריין.
דער צוג פון מיינע יאָרן איז געפלויגן
אַלץ קאַטאַסטראָפיקער, קראַכיקער,
אין חושך אַריין.

נ ש מ ו ת

עס וויינען ציגל אין די ווענט:
זע אונדזער קריוודע, אל נקמות!
פאַרמויערט האָבן אונדז אין ווענט
דעם מענטשנס רשעות'דיקע הענט —
און וויי! מיר זיינען דאָך אַמאָל
געווען נ ש מ ו ת.

און אין אַ מענטשן שלוכצן אויף
פאַרנאַכט-צײַט זײַנע פיל נשמות:
מיר, אַלטע פײגל, זײַנען קראַנק.
אַן וואַלד שוין לאַנג, שוין אַזוי לאַנג!
ברעך-אויף דעם גוף און לאָז אונדז פרײַ:
תיקונים וואַרטן און השלמות.

אַ פויגל הערט עס אויף אַ צווײַג
און זינגט אַזוי צו די נשמות:
אויך איך בין אַלט שוין, אַלט אַ גוואַלד.
ווער ווייס, בײַ וועלכן ספר ס'האַלט
אַצינד דער בורא — און ווער קען
זיך איצט דערמאָנען די הקדמות?

אָ י ך און ע כ אָ

כ'וועל נישט הי־זײַן... אויף מײַן אָרט
וועט זיך ווײַזן — כ'ווייס נישט ווער,
און וועט נאָכמאַכן מײַן וואָרט,
נאָכוויינען מײַן טרער.

אַלץ אין אים וועט זײַן ווי מײַן,
זשעסט און נאָמען און געשטאַלט, —
נאָר אַן עכאָ וועט ער זײַן
פון אַ ווײַטן גוואַלד.

א י ך וועל ווײַט זײַן... מײַנע ליכט
רײַסט פון האַנט מיר בייזער ווינט,
רײַסט און פאַטשט מיר אין געזיכט:
שאָטן דו, פאַרשווינד!

און מײַן גוואַלד צעטראַגט זיך ווײַט
(איך אַליין וועל אויסגיין גיך)
און זײַן עכאָ צווישן לײַט
מיינט, אַז ער איז איך.

1915

די זון האָט געפּלאַצט

די זון האָט געפּלאַצט
ווי אַ האַרץ פול אַנטוישונג.
עס רוישן נאָך איר
שוואַרצע בוימער אַ רוישונג.
די זון האָט געפּלאַצט.

אַ מענטש צינדט אַ לאָמפּ.
ער האָט מורא, האָט מורא:
אין ווינקל, אָט דאָרט,
זיצט די פרוי מרה שחורה — —
אַ מענטש צינדט אַ לאָמפּ.

ס׳איז פינסטער דער גאַס —
צינדט זי אָן אַ לאַמטערן,
און גאָט איז פאַרזאָרגט —
זוכט ער טרייסט ביי די שטערן.
און גאָט איז פאַרזאָרגט — —

1917

פּרעש

אַ פאַרנאַכטיקע שרעק
וויינט אַרויס פון די פּרעש:
„באַלד טוט אַלץ זיך אַ לעש —
קוואַ־קוואַ!

„ס׳איז די זון שוין אַוועק,
בלויז אין מערב אַ פלעק
ברענט נאָך, ברענט ווי אַ טרער —
קוואַ־קוואַ!

באַלד פאַרלעשט זיך אויך ער,
און עס שרעקט אונדז, די פּרעש,
אַ לבנה פון מעש — —
קוואַ־קוואַ...״

מ י ר ב ל י נ ד ע

מיר בלינדע, מיר בלינדע
וואָגלען אין טיפֿן וואַלד,
צווישן טויזנט געהיימנישן —
און שטרויכלען, און שטרויכלען.
מען זוכט ביז מען פֿאַלט
און פֿאַלנדיק שטאַרבט מען.

מיר אָרעמע בלינדע
בויגן די מידע קני
פֿאַר די אייגענע שאָטנס
און בעטן זיך: פֿירט אונדז!
שטאַרבן מיר פֿרי —
און שטאַרבן פֿאַרפֿירטע.

אָפֿט, ווען אין חושך
טאַפּן מיר אַרום,
כאַפּן מיר די נאַכט אָן
און קושן, און קושן.
אָבער מ י ר פֿאַלן אום —
און חושך בלייבט חושך.

אין אונדזער האַנט דער שטעקן
שטעלט אונדז אויס אַ צונג.
עס ביילן און פֿאַרוואונדן אונדז
די פֿינצטערע ביימער.
שטאַרבן מיר יונג,
מיר בלינדע, מיר בלינדע.

פעדעם פון סוף זומער

פעדעם פון סוף זומער, פעדעם דינע און לאַנגע,
לאַנגע און דינע,
צעצויגן אין דער לופטן און צעהאַנגען איבער צווייגן
האַלב געלע און האַלב נאָך גרינע, —
ווי פינגער, וואָס זוכן, און בלויליך ווייס
ווי די האָר פון אַן אַלטן,
גלאַנצט איר אויפן ווינט און אייער דינקייט טאַנצט
אין זיין אָטעם דעם קאַלטן.

איר צאַפּלט אויף דער זון מיט דער שרעק פון אַ נשמה,
אַ לאַנג שוין געשמדטער
ביים שטן אין קלויסטער, ווען זי קלאַפּט אין גאָטס טיר
מיט אַ פלאַטער.
די הויכע טיר — עס פאַריאָגט זי פון איר
אַ מלאך אַ פרומער,
און אייך וועט פאַריאָגן, צעטראָגן דער ווינט,
פעדעם פון סוף זומער!

וועלף

און ווי דער זייגער וועט שלאָגן צוועלף
אַזוי וועלן קומען די טשאַטעם וועלף,
אַש־גרוי קומען צוגיין —
און פאַרפירן אַ ווילד געוויין.

אַ גאַנצע נאַכט הוילען אַפּ די וועלף,
און ווען צומאָרגנס שלאָגט ווידער צוועלף —
איז אָפן אין דיר אַ טיר,
און זיי לויפן אַריין — אין דיר.

און די צווייטע נאַכט וועלן קומען די וועלף,
און דו רופסט צום אייגענעם שאָטן: העלף!
נאָר דיין שאָטן בלייבט שטייניק שטיין
אויף דער וואַנט — און דו ביזט אַליין.

וואָס קען דיר העלפֿן דיין רופן: העלף — ?
צוועלף איז, צוועלף, און ס'הוילן די וועלף.
פון דיר, פון דיר אַליין
קומען די וועלף צוגיין.

מ ת י ם

מיט מחנות מתים בין איך פול,
ווי ביינאַכט אַן אַלטע שול,
און יעדער מת — צו זיין בית־עלמין ציט ער:
בלייבער! בלייבער!
אויף מ י י ן בית־עלמין שלאָפט זיך בעסער,
דאָרט איז די קרקע ווייכער — — —

באַלד קומט דער טויט און קרייט
און מיין נאַכט פאַרגייט.
אין גריבער פאַרקריכן
די מתים אינגיכן
און נעמען מיך מיט.
די זון וועט אויסברענען די טריט.

פאַר נישט־גלויבן

עס האָט מיר געחלומט: אַ רויט שטיקל האַרץ
וואַרפט זיך אום אויף אַ תליה,
און ס'פאַרנאַכטיקט, און ס'ציטערט אַ שטערן
ווי אַ טרער אויף אַ וויע.

און ס'גייט דורך אַ מאַטראָס און אים וואונדערט:
דאָס האַרץ איז אַ ברודער
געוועזן דעם י ם — און איצט הענגט עס
גאָר אַן גערודער.

און אַ קצב־יונג קומט — און ער טוט
אַ צי פאַרן שטריקל:
ס'האָט די ש מ אַ ט ע געמוזט אַמאָל זיין
אַ פריש שטיקל.

און אַ הפקר־פרוי נעמט עס מיט ווערטער
נישט־ריינע באַשמוצן:
פליש צו פלייש איז נישט גלייך —
וואָס קען עס נוצן?

און אַ זילבערנעם פינגער ציט אויס
איינער פון אויבן,
ווייזט אויפן האַרץ און זאָגט שטרענג:
פאַר נישט גלויבן.

סיגנאַלן און בת־קולס

אַ כרוב

װען ס'שטייט די זון אין װינקל מערב
און ס'זאָגט אַ שר מיט איר „ה מ פ י ל",
ביז זינקען נעמט איר קאָפּ — און פּלוצלינג
באַפאַלט אַ זומער־שלאָף איר אַפּל; —

װען ס'עפנט אויערן צו הערן,
װי מידע גאָרטן־ריחות זיפצן,
דעם טאָג'ס געפאַנגענע, די שטילקייט,
און לעזט פון שאָטנס די געשריפטסן; —

װען ס'נעמען גיין צוריק צום מקור
דער װעלט'ס צעװאָרפענע ניגונים,
און אַ פאַרהערטע ציט דעם האַלז אויס
די שטאַנג, װאָס שטאַרט איבערן ברונעם; —

װען ערגעץ הויך דאָרט, ערגעץ װייט דאָרט,
אין װאַלד פון הימלען בלױליך־מאַטע,
פאַרבלאָנדזשען שטערן װי די קינדער
און פרעגן: װאו איז אונדזער טאַטע? —

דאַן רעדט צום גייסט, װאָס לעבט אין מענטשן,
אַ כרוב פון װאונדער־אַלטער עלטער,
אַ כרוב פון װאונדער־קלוגער קלוגשאַפט,
און טיפע רעטענישן שטעלט ער.

און ס'קוקט אַרויף צום הויכן װאונדער
דער גייסט, דער שקלאַף, װי צו אַ קייסער,
און קען נישט טרעפן, װאָס עס פרעגט אים
דער כרוב, דער אָפּגרונט־טיפער װײַסער.

בעטלער

עס שטייען בעטלער אַלטע, בלייכע, הייליקע,
אויף פֿאַרשטעטעט־גאַסן ברייטע, ווייטע, ליידיקע,
און שאָקלען קוים מיט לעפּצן מיט אַנריידיקע
און מורמלען תּפֿלות סוד׳יקע, אַנצייליקע.

די נסתּר־אויגן זייערע — וואו בלאָנקען זיי?
דאָס קאַלטע פּנים שיינט זיי אור־הגנוז׳דיק,
גלייך ספֿירות וואָלטן מאַמעדיק־רחמנותדיק
מיט ליכט, לעתיד־לבוא־ליכט באַשאָנקען זיי.

זיי דאַנקען נישט: זיי נעמען די נדבות אָן,
ווי ס׳וואָלטן די מטבעות שטיקער זינד געווען
און קדושה אָרעמע דאַרף געבן תּיקון זיי.

עס קוקט זיי פֿון דער זייט דער מלאך־המוות אָן
און גאַפֿט. זיין בייזע איינזאַמקייט דערקוויקן זיי
און ליכטיק ווערט אים ווי ער וואָלט אַ קינד געווען.

ראַביאַ
(אַראַבישער סיוזשעט)

אַ גאַנצע נאַכט פֿלעגט ראַביאַ זיין וואַך.
זי פֿלעגט זיך שטעלן דרויסן אויפֿן דאַך,
פֿון אַלדאָס פֿינצטער־ערדישע זיך אויסטאָן,
צו גאָט די שלאַנקע אָרעמס אַ שפּרייט־אויס טאָן,
און זאָגן: דיך באַגריסן טו איך איצט,
מיין איינציקער באַגערטער, וואָס דו זיצסט
און קעניגסט צווישן שטערן! ס׳ווערט דיין הויך
אויף שטראַלן מיר געטראָגן פֿון דער הויך,
און כ׳שפּיר דיין קוש אין אָטעם פֿון דעם ווינט,
אין יעדן שאָרך, וואָס פֿלאַטערט און אַנטרינט,
און ס׳קלאַפּט מיין האַרץ און וויל דיך און באַגערט.

עס ליגן איצט די פרויען פון דער ערד
אויף תאוה׳דיקן דומפיקן געלעגער.
זיי קניען פארן מאן, דעם ווילדן יעגער,
ווי חיות ארעמע. נאר מיר איז פרעמד
די תאוה, וואס צערייסט אויף זיך דאס העמד.
אויף מיינע ליפן ציטערט א געלעכטער:
איך לאך פון חוה׳ס לייכטזיניקע טעכטער,
וואס האבן נאך דיין ליבשאפט נישט דערקענט;
דאס בלוט דערקוויקט זיי — און דאס בלוט פארברענט.
זיי קענען נישט דיין ליבשאפט, וואו פאראייניקט
איז רואיקייט מיט גליק; דיין קוש, וואס רייניקט,
דיין גנאד-בליק, דו מיין שטערן-רייכער קייסער!
א, קוש מיך מיט די ווינטן דיינע הייסער
און רעד צו מיר אלץ שטילער אויף דיין שפראך״ —

א גאנצע נאכט פלעגט ראביא זיין וואך.

אַלקאָראַניש

א.

די נאכט א ל-ק א ד ר — ס׳פארגייט אין איר
די שפור פון אלדאס בייז;
ביז מארגנרויט איז פרייד אין איר
און רו פון דעם וואס ו ו י י ס.
אין יענער נאכט האט אויפגעגליט
דער ליכטפולער קאראן.
מיין רויז האט דעמאלט אויפגעבליט,
באגאסן פון גאטס קאן.
געשיקט האט ער זיין שר צו מיר,
צום קנעכט זיינעם מאבמעד,
און הויך האט זיך דאס הארץ אין מיר
אויף נביא-שפראך צערעדט.

די נאַכט אל־קאַדר — ס׳פאַרגייט אין איר
די שפּור פון אַלדאָס בייז;
ביז מאָרגנרויט איז פרייד אין איר
און רו פון דעם, וואָס ו ו י י ס.
דעם שטנ׳ס ווערטער שטומען דאַן,
עס ווייכן זיינע דזשין*);
מיין גאָט׳ס מלאכים קומען דאַן
צו אָדמ׳ס בעסטע זין.
זיי קומען און זיי נידערן, —
זאָל זיין מיין גאָט געלויבט, —
מיט הימלען צו פאַרברידערן
דאָס מענטשנקינד, וואָס גלויבט.

ב.

נישט ווייט איז שוין די שעה פון זייער טרויער!
עס נענטערט זיך די פירכטערלעכע צייט,
וואָס ברילט, ווי יונגע לייבן אויף דער לויער,
און נעמט נקמה פון די שלעכטע לייט.

אין מויל וועט זיך פאַרטריקנט ביי זיי שוואַרצן
די צונג, וואָס האָט געלעסטערט און געזויפט;
דאָס בלוט, וואָס האָט געשטראָמט אין זייער האַרצן,
פאַרלאָזט דאָס האַרץ דאָס פאַלשע — און אַנטלויפט.

קומט אָן דער טאָג — וועט אויפציטערן יעדער!
רשעים וועט מען שלעפּן פאַר די פּיס.
דעם הימל׳ס פּנים ווערט ווי רויטע לעדער
און שפּאַלט זיך מיט אַ פייערדיקן ריס.

אַ בריק וועט זען דאָס מענטשנקינד זיך הויבן,
אַ תהום וועט זיין צופוסנס פון דער בריק —
וועט דער גערעכטער אויף דער בריק גיין אויבן
און ברעכן וועט דאָס רשעות איר געניק.

*) בייזע גייסטער

איר אַלע ווערט פאַרבעטן אין גן־עדן,
מאַשלעמס, וואָס גייט אויף ווענן פון דער וואָר!
אָן גרינע קישנס לענט איר אייך אין פריידן
און הורים יונגע גלעטן אייך די האָר.

מיין גאָט האָט זיי מיט וואונדערלעכע חנען
באַשאָנקען פאַר די קינדער פון איסלאַם,
און זעסטו זיי אין גאָרטן — קערסטו מיינען:
עס שימערן דאָס כוואַליעס אין אַ ים.

גן־עדן־יינגלעך העלע וועלן ברענגען
דעם בעסטן ווייַן אַ גלויביקן מאַשלעם.
אין שאָטן פון באַנאַן וועט ער פאַרברייינגען,
און וואָס ער זעט־נאַר — בעט זיך ביי אים: נעם!

תיקון

מיר חלומט זיך אַ ייד אַ למד־וואָווניק,
אַ נסתר אין אַ וואַלד־שטיבל. זיין באָרד
איז גרינער וואַלד־מאָך. מאָדנע גלאַנצט די זעג
אין זיינע שטילע הענט די סענקעוואַטע:
אַט־אַט און זי דערלאַנגט אַ פלי אַרויף,
אַט־אַט און זי ווערט אויבן אַ לבנה.

דער נסתר האָט קיין חבר נישט, חוץ אים,
דעם גרויסן ע פ ע ס, וואָס באַשאַפט דעם ג אָ ר נ י ש ט.
זיין וואַלד־שטיבל, באַהאַלטן צווישן ביימער,
איז אַ געהיימער יחוד אינעם הארץ
פון דער יצירה: טרוימען, וואָס זי זעט
בשעת זי שלאָפט אין טוי־העמד אין דעם קילן,
מחשבות, וואָס באַלאָדן אירע וואָלקנס,
באַגערונגען, וואָס שרייען אין איר ווינט, —
אַלץ זוכט ביים שוועל פון שטיבל זיך אַ תיקון.

זע, ס׳בויגט זיך חשבון־נפש׳דיק און פרום
דאָס שטיבל, ווי אַ ייד אונטערן טלית.
פאַרטאָג קלאַפּט אָן אַ ווינט אין זיינע לאָדנס —
ניין, נישט קיין ווינט: עס איז אַ שטילער שמש
פון בית־דין פון דעם אויבערשטן. נשמות,
וואָס דאַרפן אַ ישועה, זיצן, וואַרטן
ווי שוואַרצע טשאַטעס פייגל אויפ׳ן דאַך.
די פענסטער זיינען נידעריק און שטיל,
ווי נידעריק און שטיל עס איז דער אמת.
עס גרינט אין זיי אַ גלאַנץ, וואָס איז נישט אָבשיין
פון דרויסן: ס׳איז דער שימער, וואָס שלאָגט־אָפּ
פון אינעווייניק, פון דעם שטיבלס האַרצן.
אַ וואַנדערער בלייבט שטיין ווען ער דערזעט זיי:
עס טראַכט זיך אים פון קינדהייט, פון דער מאַמען,
פון תפילות און פון אַלץ, וואָס איז נישטאָ מער.
כאַטש זיינע תפילות זיינען אויפן וועג
צום שר סנדלפון, האָר פון די געבעטן,
געבליבן הענגען מיט די קעפּ אַרונטער,
ווייל ס׳האָט זיי אָפּגעשטעלט אין מיטן פליען
דעם שטן׳ס האַנט, — באַגערט ער פון דאָס ניי
צו שיקן זיינע תפילות צו כביכול.

אַ תפילה

דער נשמה׳ס תיבה נישט לאָז פאַרלירן
וועגן, וואָס פירן
צו דיר אין מיטן דעם לעבנ׳ס מבול.
דיין ליכט זאָל דרינגען צו איר אין צוהר,
ווען ס׳ליגט אויף דער לויער
און וואַרט אויף איר אונטערגאַנג דער מחבל.

פאַריאָג דעם שטן, אַז נישט געראָטן
זאָל אים, דעם שטן,

די תיבה צו עפענען פאַרן געוויסער!
די שליסלען גיב נישט אַוועק דעם שענדער,
דעם בייזן פאַרלענדער:
זיי דו איר אויפשליסער, דו — איר פאַרשליסער.

פאַרשליס זי פאַר אינדן, וואָס וואַקסן אַלץ גרעסער.
און עפן די שלעסער
ערשט ווען זי גרייכט דיין אַרט דעם שטילן.
און טו מיט איר דאָרטן — נאָך אַלע ליידן —
אַ בונד פאַרשניידן,
און טו דיין ליכט־בויגן אַן ווי תפילין.

טו תפילה צו זיך אין די העלע תפילין,
אַז זיין זאָל דיין ווילן
צו היטן דעם בונד ווי אַמאָל מיט נח׳ן.
און איר פאַרשלאָסנס באַפריי — און זאָל עס
אַרויס פון גלות
און טאַנצן אין גראָז אויף אַררט׳ס הויכן.

אַ פּ א ט ע אָ ז

נשמות מיט אויסגאַנג צום ים,
נשמות — פאָרט־שטעט! אייער יעדע גאַס
האָט דעם שימערירנדיקן פאַס
פון ים פאַר אַ מיטלויפער.

די ליניע די ימיק־ווייטע
נעמט אייך אַרום ווי אַ קרוין.

פון אייך גייען שיפן צו לענדער,
וואָס דאַרפן ערשט ווערן אַנטדעקט.

פון אינזלען, וואָס זיינען נישטאָ אויף דער לאַנדקאַרט,
קומען אורחים צו אייך,
ברענגען מיט זיך אינזלדיקע ווינטן,
און יענע ווינטן די מרחקים׳דיקע טרעפן זיך אין אייך
מיט ווינטן פון פאַרלאָשענע יבשות.

קעגן־ווינטן קומען זיך צונויף
און לויפן זיך פאַנאַנדער מיט אַ ווידערפּראַל.
שטורעמס ברעכן אוים,
שטורעמס, וואָס נאָר פאַרט־שטעט קענען.

נשמות, צום ים אייביק אָפן!
אין אייך האָבן זיך נאַנטקייטן מיט ווייטקייטן צעקריגט,
אין אייך זיך געטראָפן.

נשמות פאַרמויערטע — די וועגן זייערע לויפן
קרום און קרימער.
איר אָבער — גלייך און אָן־סופיק
לויפט אין אייך יעדע גאַס.
וואו מען זאָל נישט ערגעץ טרעפן אייער וואָרט,
גיט אַ שלאָג דערפון דער שימער
פון דעם ים׳יקן פּאַס.

קאַראַן־מאָטיוו

פון דושנע, מיט תאוה באַגאַסענע נעכט,
וואָס פייניקן קינדער פון אָדמ׳ס געשלעכט
און רופן צו זינד דעם פאַרפירטן, דעם שלאַפן, —
אַנטלויף איך צו יענעם, וואָס האָט זיי באַשאַפן,
אַנטלויף איך צו גאָט.

פון פינצטערן שטן, וואָס רעדט אַזוי שטיל,
און רוימט מיר זיין סוד איין, און מאַכט ווי אַ מיל

דאָס בלוט אין מיר רוישן, און וויל מיך פֿאַרשקלאַפֿן, —
אַנטלויף איך צו יענעם, וואָס האָט אים באַשאַפֿן,
אַנטלויף איך צו גאָט.

און פֿון דעם בעל־קנאה׳ס פֿאַר אויגן, וואָס גליט,
און פֿון מכשפֿות, אין שפּרוכן געניט,
וואָס ווילן מיר טויט און עינויים פֿאַרשאַפֿן, —
אַנטלויף איך צו יענעם, וואָס האָט זיי באַשאַפֿן,
אַנטלויף איך צו גאָט.

גלגולים־ליד

כ׳בין געווען, געווען, געוועזן,
נישט פֿון נעכטן בין איך הי!
נישט אײן קראַך בין איך געקראַכן
און געפֿלויגן נישט איין פֿלי.
כ׳בין געשוואומען צווישן פֿישן
אין דער נאַכטיקייט פֿון תהום,
זיך געטראָגן צווישן שטערן
אויף דעם הימל׳ס היפּאָדראָם,
זיך געשאָקלט, זיך געשפּיגלט
אין דער שויב פֿון טעלעסקאָפּ,
פֿון דער הויך געגאָסן שטראַלן
אויף אַ יתומדיקן קאָפּ.
כ׳האָב אַריינגעטרערט מיט טויען
אין דעם בעכער פֿון אַ רויז.
כ׳בין געווען אַ קלויזניקס חלום
אויף זיין שלאָף־באַנק אין דער קלויז.
כ׳בין געווען אַ תּפֿילה זכּה,
פֿול מיט שרעק פֿאַר סמך־מם,
און אַ טרער אויף איינעם׳ס ברעמען,
און אַ טרייסט איז איינעם׳ס קלעם.

לאַנגע יאָרן, שוואַרצע יאָרן
בין איך אָפּגעווען אַ קרעט,
שטיקער ערד געקייט, געוועלגערט,
נישט געזען און נישט גערעדט.
כ׳בין געווען אין אַ מפּולת
צווישן לצימוואַרג אַ לץ,
און אַ קאַץ אין שוואַרצן קעלער,
די פאַרוואָרפנסטע פון קעץ.
איבער דורות, איבער לענדער
האָב איך בליצנדיק געהיפּט
אין אַ דענקער־קאָפּ, און ערגעץ
שווער געווייטיקט, טיף געליבט.
אַלע לענדער אין מיין טיפקייט,
זייער שטורעם, זייער מאַי,
דאָרטן רוישט די מיסיסיפּי,
טרוימען נילוס און דונאַי.
קליינע שוועסטער אינפוזאָריע,
שוואַרצער ברודער האָטענטאָט!
אַלע איילן מיר צום אויסלייז,
צום גלגולים־אויפלייז — ג אָ ט!

נ י ש ט אָ ק י י ן ס ו ף

יעדע רגע וואָס זי בליט
קירצט די בלי־צייט פון דער בליט,
און די מאַיאונג טויט דעם מאַי,
און דאָס זינגען טויט דאָס ליד.

לעבן פרעגט דאָס לעבן אָפּ,
טאַנצט ביז ס׳עקן זיך די טענץ,
און דער טויט פרעגט אָפּ דעם טויט —
און ווערט ווידער עקזיסטענץ.

לעש און פלאַם און ווידער לעש,
שטאָף ווערט גייסט און גייסט ווערט שטאָף.
ס'ווערט דער אַין אייביק יש,
יש ווערט אַין — און דער סוף?

נישטאָ קיין סוף.

1918

זערבאַרעם דיך

מייז אין לעכער, קעץ אויף דעכער,
און דער וויין, וואָס וויינט אין בעכער,
און די מושל אויפן טיש,
וואָס איר איז די קלאָג פון תהום
אין זכרון אייביק פריש, —
זייער תפילה איז אַזוי:
וויי און אוי!
גאָט, דערבאַרעם דיך אויף אונדז,
דערבאַרעם דיך אויף אונדז!

אויף דעם שוואַרצן ראָג די זונה,
וואָס וואַרט שעה'ן אויף אַ קונה,
אויף דער קאַלטער שויב — די פליג,
און דער צוג, וואָס שרייט ביינאַכט,
ווי אַ האַרץ, וואָס שרייט נאָך גליק, —
זייער תפילה איז אַזוי:
אָך און אוי!
גאָט, דערבאַרעם דיך אויף אונדז,
דערבאַרעם דיך אויף אונדז!

א ו ר ח י ם

מיר אורחים — מיר ווארצלען זיך קיינמאָל נישט איין
אין ערדישע זאמדן, אין ד י י ן און אין מ י י ן.
און פרעמד איז אונדז אַלץ, וואָס געזעצט איז און פעסט,
אונדז, פייגל אָן נעסט, אונדז, די אייליקע געסט.
מיר זיינען אַ הויך נאַר, אַ ווינט, אַ מינוט,
אַ וואָלקן פאַרנאַכט־צו, האַלב שאָטן, האַלב בלוט,
אַ וואָלקן פאַרנאַכט־צו, וואָס האָט נישט קיין צייט
און איילט זיך און בייט זיך אַ בייט נאָך אַ בייט.
מיר האָבן קיין אָרט נישט — די וועלט איז אונדז קליין.
מיר האָבן קיין צייט נישט — מיר דאַרפן פאַרגיין.
מיר האָבן קיין צייט נישט — מע וואַרט אויף אונדז וואו.
שנעל, שנעל! טאָמער מאַכט מען די טויערן צו.

פ אַ ר ב י י

אייליק זינגען אונדזערע טריט,
זינגען גלוסטונג צו מרחקים,
און די גלוסטונג האָט קיין סוף נישט,
די מרחקים האָבן קיין שיעור נישט.
מיר דאַרפן אייער הויז נישט,
קלאַפּן אין אייער טיר נישט.

דער אָפּגלאַנץ פון דער שווערד,
וואָס היט די פריידן פון גן־עדן,
פאַלט אונדז צו די פיס.
אונדזער האַנט געדענקט עד־היום
יענע צייטן, ווען זי איז
געווען אַ צווייג פון עץ־החיים.

אָן ענטפער אָן אייביקן אַנטקעגן
לויפט אונדזער אייביקער ה ל מ א י.

אין גליאיקע ערד־נעכט זינגען פרויען:
אונדזער לייב איז קיל ווי טויען,
קום צו אונדז — מיר זיינען מאַי.

מיר האָרכן — און לויפן זיי פאַרביי,
לויפן פאַרביי.

עולם־הבא׳דיקע גאַסן

עס ציען זיך עק שטאָט פאַרטראַכטע גאַסן,
וואו ס׳גיסט זיך רו ווי וויינען פון גאָט׳ס פּאַסן,
וואו שלאַנקע קוימענס, איינגעקוקט אין בלאַסן
פאַרמיטאָג־הימל, רויכערן געלאַסן.

און ס׳וויגן זיך פון דאָרטן און פון דאַנען
די הויכע רויכן, ווייסע ווי די שוואַנען.
עס איז ווי אַ מזבח וואָלט געשטאַנען
און ס׳גייט אַן אויפהער קטורת פון די פאַנען.

ס׳איז אַלץ פאַרמאַכט. בלויז קערנער זעסטו פּיקן
אַ סטאַיע טויבן, ווי עס וואָלט דעם בורא׳ס
באַפעל געשיקט נשמות דאָ נאָך תיקון.

דאָ קומט דער ווינט צוגיין פון עולם־הבא׳ס,
וואָס דרעמלען לייטזעליק, — און פון דעם שבת,
וואָס האָט קיין סוף נישט, ברענגט ער אָהער אורות.

ברונעם־שטאַנגען אָוונט־צייט

ברונעם־שטאַנגען אָוונט־צייט,
דאַרע מקובלים,
האָרכן ווי דער ב ר ו נ ע ם שווייגט,
האָרכן ווי אין חלום.

ברונעם־שטאַנגען אָוונט־צייט —
טונקעלע פּרצופים;
קוקן איבער וועלט אַוועק,
מאַכן שטיל צירופים.

זע, ווי שטום זיי הויבן זיך
און ווי שטאַר זיי שטאַרצן,
און ווי שוואַרץ זיי שניידן זיך
אין דעם אָוונט׳ס האַרצן.

זאכן ווייטע זעען זיי,
זעען ווי אין חלום.
ברונעם־שטאַנגען אוונט־צייט,
דאַרע מקובלים.

התגלות

האָסטו געזען פאַרנאַכט־צייט, ווי עס שווימען
די לייכטע לייכטנדיקע שוואַנען,
איז ווען געשוואומען מיט זיי דיין אויג
צו עפּעס אַ הייליקן נישט־פאַראַנען?

קיין מערב פאָרן בלוטנדיקע פענצטער,
נידעריק, נידעריק זעצט אַ זון זיך,
און אַלץ שווימט מיט, און נישטאָ קיין סוף,
עס שווימט אַלץ, שווימט און באַוועגט־זיך פון־זיך.

די שוואַנען פאָרן שטיל בראש פון אַלע,
די לייכטע לייכטנדיקע שווימער.
דעם הימל ווענן זיי, וואַגשאַלן זיי —
אויף פליגלען פול מיט ווייסן שימער.

און ווען דעם טויטן טאָג דעקט צו אַ לאַנגער,
פון פלעקיקע שאָטנס געוועבטער טלית,
לייכטן די שוואַנען דער יונגער נאַכט
און בלענדן איר אויג ווי אַ התגלות.

אור־פּרוי

פאַרנאַכט, פאַרנאַכט, ווען ס׳מישן־זיך
אין מערב גאָלד מיט אַש,
און שרפים ריידן צווישן־זיך
און ס׳טרויערט אַ בר־נש;

ווען קערפּערס ווערן ווינקלדיק,
פֿאַרלירן דעם קאָליר,
און שטערן קומען פֿינקלדיק,
ווי שומרים פֿאַר גאָט'ס טיר;

ווען ס'וועבט זיך דאָס געפּילדער אויס
פֿון ברוק און טראָטואַר,
און ס'מאָלט אין שאָטן בילדער אויס
אַ קדמונ'דיקער שר; —

שטיל גיסטו דאַן אַ שווים צו מיר
און נאָענט ווערט די ווייט.
אַ רגע שאָרכט דיין שטים צו מיר —
זי שאָרכט צו מיר ווי זייד.

דיין גאַנץ געשטאַלט באַנעם איך נישט,
איך פֿיל נאָר, אַז דו ביסט;
וואו ליגט דיין גאָרטן ווייס איך נישט —
איך ווייס נאָר, אַז דו בליסט.

אַ בילד, מיט גינגאָלד דורכגעשטראַלט,
דערלאַנגט זיך אַן אַנטבלויז:
איך זיץ — אין פֿאַר־געבורט־געשטאַלט —
אין זומער פֿון דיין שויס.

כ'הער פֿייגל אַלטע ריידנדיק
לשונות אַלערהאַנט.
עס צערטלט מיך גן־עדנדיק
דיין שטראַלנדיקע האַנט.

די ברישט די בלאַנקע זונען מיר,
זיי זונען — און איך זויג — — —
אַ קוק — דו ווערסט צערונען מיר
און נאַכט איז אין מיין אויג.

תטהרו

ווי פון דער חופה טרעט אפער דער חתן
מיט לייטזעליקער שטראלונג אין די אויגן,
און ווי פון כמארעס גייט ארויס דער בויגן,
דעם הימל'ס ענטפער אויף דער ערד'ס פארוואסן, —
פלעגט כהן-גדול צו זיין פאלק פארצייטן
ארויס אין טאג פון הייליקן פארגעבן,
ווען ס'האט זיין תפילה אויסגעבעטן לעבן
און שלום פאר דעם נאענטן און ווייטן.
און ס'איז אין הארץ דעם פינסטערן און פוילן
אריין זיין ווארט און גבורה'דיק באפוילן:
תטהרו!

און, ווי מיט קלארע וואסערן א ברונען,
איז זיין געזיכט געפילט געוועזן מיט גייסט,
און ס'איז געוועזן ווי ס'שוועבט זיין האנט און ווייזט
דעם וועג צום הימל און צו זיינע זונען.
דאס גאנצע פאלק, ווי ביימער אין א וואלד,
פלעגט טאן א ציטער, בויגן זיך און לויבן,
און פון דעם כהן-גדול דאס געשטאלט
האט ווי דער בוים דער העכסטער זיך געהויבן.
און הארץ מיט הארץ פלעגט תשובהדיק פארקניפן
דאס ווארט, וואס פלעגט ארויס פון זיינע ליפן:
תטהרו!

און מיר, א דור א לאמער און א קרומער,
וואס האט שוין לאנג פארלוירן זיין פארמעגן,
וואס פרעגט און קען צו גארנישט זיך דערפרעגן
און ס'לעשט זיך אים די זון אין מיטן זומער;
א דור, וואס שלאגט זיין גאט און ווערט געשלאגן,
וואס קען זיין אייגן פנים נישט דערקענען —
מיר האבן נישט קיין כהן, וואס זאל קענען
מתפלל זיין און וידוי פאר אונדז זאגן,

וואָס ווי אַ דונער אין פאַרמאַכטע טירן
זאָל אונדז זיין וואָרט אַ קלאַפּ־טאָן אין געהירן:

תטהרו !

ע ו ל י מ ת א

שלאַנגען — שלאַנגען — שוואַרצע שלאַנגען —
שוואַרץ — שוואַרץ — אינגאַנצן שוואַרץ.
פאַנגען וויל מען מיך — פאַנגען — פאַנגען —
מאַכן מיין האַרץ אַ שוואַרצם — אַ האַרטס.
שוואַרץ — שוואַרץ — אינגאַנצן שוואַרץ.

אויגן — אויגן — דעם טייוול׳ס אויגן —
זינד — זינד — אינגאַנצן זינד.
בויגן וויל מען מיך — בויגן — בויגן —
שאַ — אַט בינדט מען — מען בינדט — מען בינדט.
זינד — זינד — אינגאַנצן זינד.

כרובים—כרובים—איר הייליק העלע—
וויים — וויים — אינגאַנצן וויים.
נעמט מיך אַרויס פון דעם טייוול׳ס קעלער,
פון צווישן דער סיטרא־אַחרא׳ס מייז.
וויים — וויים — אינגאַנצן וויים.

עולימתא — עולימתא — עולימתא שפירתא —
ריין — ריין — אינגאַנצן ריין...
טרערן שענקסטו צו פאַרפירטע—
זע, אַט ווין איך — איך ווין — איך ווין.
ריין — ריין — אינגאַנצן ריין...

ד ע ר ר ע אַ ל י ז ם פ ו ן אַ י י ד

אויך איך האָב פיינט די בונטע מליצות,
איך בין, ווי דו, אַ רעאַליסט,

נאָר מ י י נ ע ווירקלעכקייטן זיינען
נישט אויסגעוואקסן אויף דיין מיסט.

כ׳פאַראַכט פּאַטעטיק, נאָר וואָסדען זשע?
פאַר מיר איז גאָט רעאַליטעט,
נשמה איז פאַר מיר ממשות,
קאָנקרעט דער טייוול און דער חטא.

אין מיר — אַן עלטער־זיידנס תפילות
און זיין כל־נדרי׳דיקע נאַכט,
און די־לה־רינה און די לילית —
ס׳ווערט זייער שלאַכט אין מיר געשלאַכט.

דאָס אַלץ, וואָס איז פאַר דיר מליצה,
איז וואָר פאַר מיר און איז נאַטור,
נישט ווערטער סתם, אַ ליד צו פּוצן,
נישט טעמע, נישט ליטעראַטור.

עס האָט מיין וואָר אַן אַנדער פּנים —
עס האָבן דורות זי געשמידט,
און אַנדערש איז מיין רעאַליזם:
ס׳איז רעאַליזם פון אַ ייד.

פון סיני ביז ניסקע

פון משה רבנו׳ס סיני גייט
אַ קייט, אַ קייט, אַ גלייכע קייט
ביז שליסקע, ביז ניסקע.

פון שליסקע ביז ניסקע,
פון מאַראַנאָו ביז באָניפראַטן —
וואוינט ס׳וואַרשעווער יידישע פאָלק:
חסידים און, להבדיל, וואוילע יאַטן,
ריסטאָקראַטן,
בעל־עגלהם —
היים־פאַרביקער יידישער גלות.

איבער ווארשע גיי איך
און ס׳באַגלייט מיך דער טעם און דער ריח
פון די נאַינס און די שאַינס און די יאַכן,
פון די וואועס און כ׳וואָים־ניש און גו׳ניש־צי־מאַכן.
סאַרנע גויישקע שפּראַכן
קענען מיט דיר זיך פאַרגלאַכן,
מוזיק פון מיין ווארשעווער יידיש פאָלק! ?

און גאָט

און קומט איר און רייסט פון חלומות מיך אָפּ,
נאָך בלייבן די טרערן מיין גוטס און מיין האָב.
און טריקענען אוים אויף דער ערד מיינע טרערן,
נאָך בלייבן מיר איבער אין הימל די שטערן.
און פאַלן די שטערן און ווערן פאַרשוואונדן,
פאַרבלייבט נאָך דער גאָט מיר, וואָס האָט זיי געצונדן.

נאָר קומט איר און נעמט איר מיין גאָט פון מיר אָפּ —
וואָס בלייבט פון מיין גוטס און וואָס בלייבט פון מיין האָב ?
דאָ אונטן די טרערן, דאָרט אויבן די שטערן —
וואָס קען פון זיי ווערן, וואָס וועט פון זיי ווערן ?
די טרערן — נאָר וואַסער, וואָס קען מער נישט וואַשן
דעם שמוץ פון דער וועלט, און די שטערן — נאָר אַש,
און איבער די חורבות, און איבער די שפּליטער,
מיט קויטיקע פליגלען, צעבראָכן אויף העלפט,
וועט וויינען אַן טרערן דער מלאך מיין היטער,
נישט האָבן קיין הימלען צו בעטן זיי: העלפט!
און קומט איר און נעמט איר מיין גאָט פון מיר אָפּ —
וואָס בלייבט פון מיין גוטס מיר, וואָס בלייבט פון מיין האָב ?

זיין אַ ייד

זיין אַ ייד הייסט אייביק לויפן צו גאָט,
אַפילו אַז מ׳איז אַן אַנטלויפער;

דערוואַרטן צו הערן אַ ליאַדע טאָג
(אַפילו אַז מ'איז אַ כופר)
ס'קול פון משיחס שופר.

זיין אַ ייד הייסט נישט קענען אַרויס פון גאָט
אפילו אַז מע וויל עס;
נישט קענען אויפהערן תפילה צו טאָן
אפילו נאָך אַלע תפילות,
אַפילו נאָך אַלע אפילו'ס.

איבערלעבונג

עס צעפּאַלט זיך די שטאָט,
עס צעפאַלן זיך גאַסן.
צו אַ ים אין דער טיף
לויפט אַ שלל מיט טעראַסן.

און דער ים לויפט און שרייט,
עפּעס לויפט ער און שרייט ער,
און פון יענער זייט ים
ווינקט אַ ווייסער, אַ ווייטער.

די נשמה אין גוף
ווערט אַלץ לייכטער, אַלץ לייכטער...
ס'פּליט און פלאַקערט דאָס ליכט,
ס'ליגט צעבראָכן דער לייכטער.

אחד

אַלץ איז יאָ און אַלץ איז ניין,
פון צעברומטן ים-אוקינוס
ביז צום שווייגנדיקן שטיין,
און פון ווערעם ביז נשמות.

אלץ איז יאָ און אַלץ איז ניין,
אַלץ איז אָפּדוכט און איז וואָר.
אַלץ באַשטייט און טוט פאַרגיין,
אַלץ איז גאָרנישט, אַלץ איז גאָר.

לייב פון וואָרעם שיידט די ג ר ו י ס,
בלוט פון וואַסער — דער ק אָ ל י ר;
אין אַ דאָרן בליט אַ רויז,
אין אַ קללה קלינגט אַ שיר.
און נאָר איינע איז די לייטער:
גרייכט צום הימל, גרייכט צום תהום.
פון איין בלי צו דער צווייטער
גיסט-זיך אַלץ דערזעלבער שטראָם —
אַלץ איז קערפּער, אַלץ פאַנטאָם.

וואָלט די וועלט זיין פּוסט און טויט
און פון גאָרנישט נישט באַשטיין,
חוץ פון עפּעס דאָרט אַ שטיין
ביי אַ וואַקלדיקן פּלויט, —
וואָלט פון יענעם שטיין אַליין
אַלץ אויפסניי געקאָנט אַנטשטיין.
ווייל אין אַלץ, וואָס האָט געשטאַלט,
שלאָפט אַ וועלט, ווי אין אַ וויג,
און עס ברומט אַ גאַנצער וואַלד
אין דעם זשומען פון אַ פליג.
מיט דעם שעפער׳ס ערשטער פרייד
לעבט אָן-אויפהער די יצירה,
און אַ זאַך איז גאָט׳ס אַ קלייד,
איטלעך וועזן איז אַ ספירה.

קעגנאיבערדיקע ברעגעס

רות

ויאמר בעז לנערו הנצב על
הקוצרים: למי הנערה הזאת?
(רות ב׳, ה׳)

און בועז׳ם האַרץ האָט דערלאַנגט אַ ציטער,
און ער האָט געפרעגט ביי דעם יונג דעם היטער:
„ו ו ע ר איז די יונגפרוי, וואָס קלייבט די זאַנגען
אונטער געזאַנגען
פון מיינע שניטער,
און גייט זיי שטיל־שעמעוודיק נאָך?״

האָט יענער געזאָגט: „די, וואָס אירע ברעמען
גלאַנצן ווי גאָלדענער, ווייכער ש מ ן?
זי האָט אַזאַ פרעמדן און שיינעם נאָמען,
דעם שענסטן פון נעמען.
די שנור פון נעמי׳ן —
רות איז עס, האַר מיינער, רות!״

האָט בועז׳ם אויג זיך צעגליט אין גרוסן
און זיין רויטע ליפּ האָט געזאָגט צו רותן:
„צו אַנדערע גיי נישט, מיין טאָכטער, קלייבן,
נאָר זאָלסט דאָ בלייבן,
און ס׳וועט נישט רות׳ן
געשען — איך שווער עס — קיין בייז״.

האָט אין דער לופטן פאַרשמעקט מיט ניסים
און ס׳איז געפאַלן רות צו די פיס אים:
„פרעמד בין איך, האַר, אין בית־לחם׳ס טויער!״
איז וואונדערלעך־זיס אים
אין לאַגעל פון אויער
געפאַלן איר נכרי׳שע שטים.

און בית־לחמ׳ס פעלד האָט אַ בלויע מנוחה
פאַרהילט מיט הימל און שטיל געצאַנקט.
אַ וואונדער, וואונדער! — געשמידט האָט גאָט שוין
אַ כסא־מלוכה;
און ערגעץ האָט שוין
די קרוין פון בן־ישי געבלאַנקט.

צוויי פּאָר אויגן פאָרן פאַרביי

צוויי פּאָר אויגן קוקן
חידוש׳דיק זיך אָן.
האַסטיק גיט די ערשטע
פּאָר זיך אַ דערמאָן:

„ס׳האָט אַמאָל פאַראייניט
אונדז אי פּיין, אי פרייד.
האָבן זיך געקענט,
האָבן זיך געשיידט.

זיך אַמאָל געקענט,
זיך אַמאָל געשיידט.
דורות שוין פאַרביי!
חלום אָן באַשייד!"

זאָגט די צווייטע פּאָר,
זאָגט פאַרטראַכטערהייט:
„ערגעץ אין אַ וועלט
וועט נאָך זיין באַשייד.

זייט דערווייל געזונט —
מיר פאָרן בלויז פאַרביי."

און די צוויי פּאָר אויגן
שיידן זיך אויפסניי.

1917

יידיש־פויליש

פאַר מוזיק

דרויסן אויף די פעלדער
שניידט דאָס ג אַ י ע ם היי.
גייט אַ יידיש יינגל:
אויגן פרומע צוויי —
דאַנאַ מאַיאַ, דאַנאַ.

שטייט אין פעלד מאַרישיאַ:
צעפּ געדיכטע צוויי.
מאַכט צו אים מאַרישיאַ:
שטיי אַ רגע, שטיי!
דאַנאַ מאַיאַ, דאַנאַ.

קול און קאָסע קלינגען:
ווילסט אפשר אַ טרונק?
און די אויגןווינקען
מיט אַ בלויען וואונק.
דאַנאַ מאַיאַ, דאַנאַ.

תורה לערנען גיי איך,
גיי איך פון ווי ווייט.
תורה גיי איך לערנען,
האָב איך נישט קיין צייט.
דאַנאַ־דאַנאַ־דאַנאַ...

אָן לבוש

פאַרנאַכט־צייט עפן מיר די קוואַלן
פון ריינער רו,
און לייג דיין האַנט מיר אויפן אַקסל,
און זאָג מיר: דו.

און רייד קיין וואָרט נישט מער. דאָס איינע,
דאָס קליינע וואָרט
זאָל צווישן ביידן אונדז די בריק זיין —
און דער אַקאָרד.

און קוש מיין נאַקעטע נשמה,
און זאָל דער קוש, —
ווי אַלץ וואָס הייליק, ווי טוי, ווי אומשולד, —
זיין אָן לבוש.

זקן און פּאַווע

עס שטייט עק שטאָט אַ רויט איינשטאָקיק הויז.
פון הויז גייט קיינער קיינמאָל נישט אַרויס.
פאַרחתמעט טיר און לאָד. אַרום — שטאַכעטן,
און הינטער זיי — אַ הויך־באַגראָזטער הויף
און אָפּ און אויף
שפּאַצירט אַרום איבערן הויף אַ פּאַווע.
זי שאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס טורעמט הויך און קליין,
צו זיך אַליין.

עס טרעפט, אַז אין פאַרנאַכטן
קומט אַרויס פון הויז אַ זקן,
וואָס שרייבט דאָרט גאַנצע טעג ביים שיין פון ליכט
זכרונות פון פאַר דורי־דורות.
אויף דער פאַרגעסנסטער פון שפּראַכן
רעדט ער צו דער פּאַווע.
ער רעדט פון זאַכן,
וואָס ציען זיך פון צייטן פון דער מאַמע חוה
אין גן־עדן.
ער רעדט, די פּאַווע הערט — און צאַנקנדיקער הימל
פּלאַטערט איבערביידן.

יידישער ראָמאַנס

אוי, דאָרטן שטייט אַ יתום־בוים,
אויף קני, אַז ווי אים, שטייט ער —
געוועזן אַמאָל אַ מאַי ביי אים,
נישטאָ שוין מער קיין צווייטער.

אַ דונער האָט געטראָפן אים,
געמאַכט פון אים אַ הויקער,
זינט דעמאָלט שטייט ער נעבעכדיק
און פינצטער מעשה־חוקר.

רחמנות האָבן פייגעלעך
און ווילן דאָרט נישט גאַסטן:
ער קען נאָך פלוצלינג איינפאַלן —
וואָס דאַרף מען אים באַלאַסטן?

אוי, עלנט שטייט דער יתום־בוים
און אייביק טוט ער קניען.
און דיך זאָל גאָט דערבאַרעמען,
אין נחת זאָלסטו בליען!

און דיך זאָל גאָט דערבאַרעמען,
וואַקס ליכטיק און געראָטן.
אַ מיד־און־מאַטן וואַנדערער
באַשירעם און באַשאָטן.

נישט שרעק זיך פאַר קיין דונערן,
נישט בויג זיך פאַר קיין רעגן, —
און איך, דער מידער יתום־בוים,
וועל קניען דיר אַנטקעגן.

אַ טורעם

און וואָלט אַ וואלד געווען מיין ליבע,
אַ בוים אַן אַלטן און אַ פעסטן
וואָלט איך געפונען און געבויט דיר
די פאַרבאַהאַלטנסטע פון נעסטן.

און וואָלט מיין ליבע זיין אַן אָפּגרונט
פון אַ צעזונגענעם אוקינוס,
וואָלט איך דיך, טייערסטע פון פּערל,
אין אים דערטרונקען אָן רחמנות.

נאָר זאָל אַ טורעם זיין מיין ליבע!
איך וועל אין טורעם דיך פאַרשפּאַרן
און דיך באַהאַלטן פון די אויגן
פון בעל־עבירהס און פון נאַרן.

דאָס אויג פון אַלטע בעל־עבירהס
און יונגע נאַרן טאָר נישט שענדן
דאָס פרומע גאָלד פון דיינע ליפּן,
די צאַרטע ליניע פון די לענדן.

פאַר אַ ווייסער וואַרשע

אין איר קלייד דעם שוואַרצן
זיצט מיין רויז די שוואַרצע
ביי דער שוואַרצער פּיאַנאָ.
דרויסן — ווייסע וואַרשע.

דעכער ווייסע לייכטן.
אויגן שוואַרצע ברענען.
טרוימישע עטיודען
שפּילט זי פון שאָפּענ׳ען.

שפּעטער — פּאַדערעווסקי׳ס
מענועט דעם לייכטן.
אויגן שוואַרצע ברענען.
דעכער ווייסע לייכטן.

שנייען גייען טאַנצן,
און מיין רויז די שוואַרצע
שפּילט דעם מענועט אויס
פאַר אַ ווייסער וואַרשע.

פלאַטערדיקע ליפּן

האָסט זיך געזעגנט און אַוועק. דו ביסט געפאָרן
אַהיים. און מיטאַמאָל — ביסט ווידער דאָ.
פאַרגעסן עפּעס? ניין. און אפשר יאָ.
דו שווייגסט. און פּלוצלינג גיבן זיך אַ הויב
די ווינקלען מויל. עס פּלאַטערן די ליפּן.
און רייד? נישטאָ. בלויז פּלאַטער און באַוועג.
די אויגן דיינע — סאָמנאַמבוליש גרוים.
די אַקסלען בויגן זיך. וואָס קומען נישט אַרויס
די ווערטער? וואָס פאַרהאַלט זיי אויפן וועג?

ביסט בלייך. קומסט זיך אַליין ווי אַ שטיק חלום פאָר.
אַ רגע וואַרטסטו: אפשר קומען פאַרט
די רייד? אומזיסט. דו דרייסט דיך אוים. דו גייסט.
עפּעס, וואָס איז שווערע מוז־זאַך אָן אַ טרייסט,
בלייבט הענגען אויף די ווענט ווי אַ געשפּענסט.
איך לאָז דיך גיין.

אַריבער זיינען יאָרן.
מיט תפילה טיפער, קיינמאָל נישט דערהערטער,
ציטערן די ליפּן דיינע אויף אין מיין זכרון:
זיי וואַרטן, וואַרטן אַלץ אויף ווערטער.

אַ חתונה

זיינען פידלען מעביר סדרה —
מעביר סדרה — מעביר סדרה —

טראַפּ —

טאַנצן אַלע, אַלע, אַלע,
אַלע, אַלע — און די כלה?
וואָס מיר כלה?
האָפּ!

זע נאַר: ווייסע, סאַמע ווייסע,
פראָסטיק־ווייסע, ווייסע, ווייסע,
פראָסט —

אַלע ווייסע, אַלע, אַלע,
אַלע שלעפן זיי די כלה.
שרייט די כלה:
—לאָ—אָזט!

„ביזט אַ שיינע, שיינע, רויטע,
שיינע—רויטע—שיינע—רויטע—
בלום —

קום צו ווייסע — קום צו טויטע —
ווייסע—טויטע—ווייסע—טויטע—
קום!"

טראַמטאַ־דראַטאַ —— טאַטאַ —— טאַטאַ —
טאַטאַ — טאַטאַ — טאַטאַ — טאַטאַ —
טאַ —

אַלע, אַלע, אַלע, אַלע
פרעגן פּלוצלינג: וואו די כלה?
טויט די כלה!
אַ — — —

אַ גאַסן־מיידל

געקליידטערהייט אפילו
גייט זי אַ נאַקעטע.
אייביק גייט זי אַ נאַקעטע.

פונעם שניי ברענט אַרויס אַ לאַמטערן.
אין דער לאַמטערן שוידערט נאַכט ביי נאַכט
דאָס געלע פלעמל, ווען עס זעט זי
אַ פאַרלאַשענע שטיין
אין פליענדיקן שניי —
אינגאַנצן אַ פאַרלאַשענע.

וואָס קוקט זי אַזוי?

דער שניי, דער פֿלינקער דראַטן־גייער, דער מכשף,
ווייזט איר, אין ווייסקייטן געוויקלט,
אַ נישט־געבוירנס,
אַ בלייך פֿיגורל פֿון אַ קינד
מיט נאָס־פֿאַרקלעפּטע ווימפּערן.

שווידערט זי אויף:
„גיב עס מיר אַהער, דאָס ווייסע קינד, —
דאָס ווייסע קינד איז מײַנס!
איך וועל עס קיינמאָל נישט געבוירן,
נאָר —
דאָס ווייסע קינד איז מײַנס.״

טויט און תאווה

ווען די נאַכט שעכט אויס אין צאָרן
שטראַלן, צאַפּלענדיקע טויבן,
לאָזט אַראָפּ די שוואַרצע שטאָרן
איבער מערבֿ׳ס רויטע שויבן, —
ווערט די לופֿט אַלץ ענגער, ענגער:
טויטע אורחים איז זי מכניס.
ווי געיאָגט פֿון אַ באַדרענגער,
לויפֿן מתים אָן אין מחנות.
ס׳ריידן אויסגעהוילטע שטימען,
ס׳קוקן אויסגעלערטע אַפּלען.
זע, קאַננוואולסעס בייזע קרימען
זיי די גלידער — און זיי צאַפּלען.

אָרעמס הויבן זיי צו גרייכן
דער לבֿנה׳ס פּולע ברוסטן,
קושן ווילד אַ וואַנט אַ בלייכע,
האַלדזן קוימענס מיט אַ גלוסטן.
ס׳גראַבט די תאווה, די היענע,
נאַכט ביי נאַכט זיי פון די קבֿרים,
שלעפּט פון זאַמד און גרינעם וואָרעם,
רופט צו יענע, רופט צו י ע נ ע...
און צום אַלטן מייסטער ש ט ן
ברומען זיי ווי קראַנקע חיות:
„ס׳איז אונדז ס׳לעבן נישט געראָטן —
זיי געשטאָרבענע מפּיים.
ס׳איז אונדז ס׳שטאַרבן נישט געראָטן —
פרי פאַרשאָטן די געביינען!
הער געוויינען, מייסטער שטן,
הער געברומען און געוויינען!"

און דער שטן טוט זיך מיען,
און, צו שאַרפן זייער גאַרן,
קומט מיט שדיכעס צופליען
לילית, שענסטער פון קאָשמאַרן.
ס׳בלענדט מיט שמייכל כשר־טרייפן
איר פאַרפיר־בילד אין דער פינסטער,
ס׳בלענדט די בלאַנקסטע פון די שלייפן,
ס׳לאָקט דער בליק דער פלאַמיק־גרינסטער.
נאַכט און כישוף — ווייט אָרום־איר,
אין דער לופטן ברענט מיט סוטה,
און ווי קעץ אין נעכט פון זומער
וויינען תאווהדיק די טויטע.

די ליבע און דאָס שטאַרבן

דאָס אויג מיינס האָט פאַרבלאָנדזשעט ווי אַ קינד אין וואַלד
און קאָן פון דעם פינסטערקייט־וואַלד נישט אַרויסגיין.
באַגליקט וויל עס פאַלן אויף דיין העלער האַנט
אַ מינוט פאַר'ן אויסגיין.

מיין תפילה האָט אומזיסט געקלעטערט צו אַ גאָט,
צו אַ הימל, וואוהין זי זאָל קאָנען אַריינגיין.
נעם זי אויף אין דיין אויער אַ מינוט פאַרן טויט —
און דער טויט וועט איר איינגיין.

די ליבע איז געזעסן צו טיף אין מיין ברוסט
און צו אָפט האָט זי געוויינט אין איר שטאָלצן מסתּרים.
שטאַרבן וויל זי און קאָן עס נישט, איידער זי לייגט
איר קאָפּ אין דיין אָרעם.

וועלט־געפיל

וועלט־געפיל

ביינאַכט, ווען ס'פּראַוועט כּישוף
אַ קוימען אויף אַ דאַך,
ביינאַכט, ווען קערפּערס שלאָפן
און גייסטער ווערן וואַך,
דערהערט זיך מיר אַן אַלטע
און וואונדערשיינע שפּראַך.

אַ שפּראַך איז דאָס אַ שיינע,
די שענסטע אויף דער ערד,
און הייליק ווי אַ מקדש,
אַ מקדש לאַנג צעשטערט:
פאַר איינציקע געשאַפן,
פון איינציקע געהערט.

אַ וועלט הויבט אָן צו ריידן —
צו ווייסטו וואָס זי וויל?
אין בלומען־טאָפּ די בלומען,
אין וואַנט ערגעץ די גריל,
ביים פענסטער די גאַרדינען —
זיי ריידן אין דער שטיל.

די מויז פאַרהאַלט איר אָטעם,
נישט געבנדיק קיין ראַץ,
קבלה־צייכנס ברענען
אין אַפּל ביי דער קאַץ,
און זילבער־גאַפּלען דריקן
זיך נענטער צו דער טאַץ.

די אייביקייט — דאָס ברעכט זי
איר שטילקייט־נדר דאַן,
מישט אַלץ, וואָס איז געווען,
מיט אַלץ וואָס איז פאַראַן:
עס שלאָגט אָן שוואַרצע פעלזן
איר טיפער אָקעאַן.

און ס'ריידן אַלע צייטן
פון אָדם ביז אַהער,
דער נחש רעדט און חוה,
און אַלץ איז איין באַגער, —
און אַלץ איז אָדם־חוה,
און אַלץ איז ז י און ע ר.

אַ גרויס, אַ גוואַלדיק שפּילן!
אַ גאַנצע וועלט אין קאַן!
און ס'וויל אַוועק צום אור־וואַלד
אין קיך אַ דאַרער שפּאַן,
און ס'ברומען אַלע לאָמפּן:
„קומט, צינדט אונדז ווידער אָן!"

ר ע ג נ ס

זיי ברענגען גרויל, די חשונדיקע רעגנס,
פאַרקוילערן די זון, דעם דיסק דעם קליינעם,
דערשרעקן מויערן — די געלע זקנים —
און ס'פערד, וואָס קניט אין בלאָטע אונטערוועגנס.

דו הערסט אין זיי אַ רעטונג־רוף אַ ווייטן,
געבעט און קרעכץ און הילפלאָזע בקשה,
און דאָס געבריל פון פייניקער דעם רשע,
און מיטאַמאָל — אַ שנעל משוגע רייטן.

פון גאַרנישט-וועלט פאַרבלאָנדזשעטע קלעזמאָרים,
מיט פיבער-פידלען ציטעריגע אין אָרעם,
ווי קינסטלער קראַנק — און גרויזאַם ווי פאַרברעכער;

אַזוי גייט דורך דער וועלט די חברה רעגנס,
מאַכט וויינען קאַלטע קוימענס אויף די דעכער
און פידלט דער נשמה אַ געזעגנס.

אַ צוג אַנטלויפט פאַר ליליתין

ס'האָט זיך אין נאָענטן דאָרף די שטאָל
לאַנג פאַרמאַכט נאָך דער לעצטער קו.
אַ קוימען-קאָפ שטייט ווי אַ שוואַרצער חשד
און פאַרשט דער לבנה'ס געהיימע רו.

לייכט, ווי אַן רעדער, פליט דורך אַ פור.
מעלאַנכאָליע, צום מידן טאַקט
פון דער פעלד-גריל'ס האַמער, מאַכט שפּילן שטיל
די פאַרדאַגה'טע בוימער ביים עק פון טראַקט.

אָפּט פאַלט אַ בליץ, ווי גאָט'ס אַ טרער,
און אימהדיק שרייט ערגעץ אויף אַ צוג:
דאָס האָט אויפן צוג די לילית נאַכט
מיט משוגענע אויגן דערלאַנגט אַ קוק.

דער צוג איז אַנטלאָפן מיט אַ געוואַלד.
באַלד גיט ער אין הימל אַריין אַ פאָר,
צעשליידערט די שטערן — און הויך פאַר גאָט
פייפט ער אוים זיין פחד ביז גאָר, ביז גאָר.

אַ בשורה

ווי אַן עופעלע מורמלט דער זיידע וואַלד...
אויפגעוועקט האָט מען דעם זיידן וואַלד.

פאַרחידושט מורמלט ער אַ מורמל:
וואָס איז געשען?

גאָרנישט איז געשען.
די זון האָט ס׳בעט אירם נישט פאַרלאָזט;
נאָך זויגן וואָלקנס, פון שלאָף אַרוים,
דעם נעפּל׳ס קאַלטע ברוסטן.

נאָך שלאָפט דער פויגל אויפ׳ן קאַרק פון בוים,
אַ פליגל נישט גערירט נאָך.
עס איז אַ בשורה נאָר אַדורך,
אַן אָנזאָג נאָר אויף טאָג־שפּראַץ.

עס איז אַ בשורה נאָר אַדורך,
אַ שטילע און פלינקע אינדין.
אין טיפן גראָז האָט זי געטאַנצט —
און אויפגעוועקט דעם וואַלד.

שוואַרצע באַלאַדע

ליידיק די קברים. ס׳בית־עלמין איז פּוסט.
די מתים וואו זיינען? עס האָט זיי פאַרגלוסט
צו גיין אין פאַרנאַכט אַריין, גיין אין דער שטאָט אַריין.

גרעסער, אַלץ גרעסער אין שטאָט דאָס געדראַנג.
ס׳האָבן זיך וועלדער געלאָזן אין גאַנג,
פינסטערע וועלדער שפּאַצירן אויף גאַסן אום.

מע גייט און מע גייט און עס האָט נישט קיין שיעור.
עס שיט זיך פון טויער און טיר. דער שפּאַציר
גייט הין און צוריק און ער וויל זיך נישט ענדיקן.

טויט איז די דאַמע, וואָס לויפט מיטן הונט.
אַ הער הויבט דעם הוט (ער האָט האָר מיט אַ שרונט)
און שמייכלט און שאָטנט פאַריבער אין איילעניש.

מע גייט און מע גייט און מע גייט דורך דער שטאָט.
שוואַרץ אַלע גאַסן. איר שימערדיק ראָד
האָט די לבנה פאַרקוילערט בית־עלמין־צו.

שוואַרץ מבול'ט און מבול'ט — פון דאַנען, פון דאָרט.
די שטאָט ווערט אַלץ שוואַרצער. דאָס הייליקע אָרט
ליגט לײדיק און ווײַס אין לבנה־ליכט.

אַ לבנה אויפ'ן דערפל

די לבנה איז אַ שטילע
און וואָס ווייטער ווערט זי שטילער.
אויגן מאַכט צו איר דער חושך —
וואָס, אַ שטייגער, וויל ער?

זי דערשרעקט זיך און נעמט וואַרפן
שטיקער גאָלד אין שוואַרצע פעסער —
אָבער ס'העלפט נישט. פון די שטראַלן
ווערט דער חושך גרעסער.

ס'לויפט פאַרביי דאָרט ווייט אַ פורל,
לויפט פאַרביי און ווערט פאַרשלונגען.
זיינען שדים דאָרט געפאָרן,
אויסשטעלנדיק צונגען?

און אָט קריכט אַ רויך אַ זקן,
קריכט און זוכט עפּעס... ווער ווייס אים?
ס'איז זיין באָרד אַ טונקל־בלויע
און זי שרעקט ווי מתים.

לויפט אין אימה די לבנה
זיך באַהאַלטן הינטער בוימער.
יאָגט איר נאָך אַ שוואַרצער כומר:
ס'יאָגט איר נאָך אַ קלויסטער.

אַ ב ע כ ע ר

שטייט אַ העל געשניצטער,
שמייכלענדיקער בעכער.
מיט זיין רויט-וויין בליצט ער
איבער שוואַרצע דעכער:
ס׳איז ז י , ס׳איז די לבנה.

נעמען קריכן גרויסע
שאָטנס פון די לעכער.
צו דער פולער כוסע
ציט זיי הויך און העכער,
די דורשט-געפּלאָגטע שאָטנס.

אוף! זיי ציען אָטעם,
ווינט איז זייער פעכער.
שאָטן ווינקט צו שאָטן:
„העכער, ברודער, העכער,
לבנה-וויין צו טרינקען!״

נאָר דער הימל לאַכט שטיל,
לאַכט איבער די דעכער,
און עס ברומט די נאַכט שטיל:
„נאַרן, ס׳בלייבט דער בעכער
אַ פולער ביז באַגינען״.

ל ב נ ה ־ ש ר ע ק

וועלפיש שאָטנס זיך דאָס דערפל.
עס פאַרוואַרפט נאָר וואו-נישט-וואו
חברה שטראַלן ווייסע נעצן
איבער שוואַרצע טייכן רו.

ווייסע שטראַלן, פלינקע שטיפער,
און זיי לאָזן נישט געמאַך:
שלעפן שאָטנס פאַרן אַרבל,
גאַלאָפּירן אויפן דאַך.

די לבנה, זייער מאַמע,
לויערט, לויערט מיט אַן אויג;
קאַלטער כישוף גיסט און גיסט זיך
פון איר פּנים׳ס געלן רויג.

פון איר פּנים ווילד־דערשראָקן,
בילט אַ הינטל פאַר אַ פּלויט,
ווי דער נאַכט׳ס אַ דולער נביא,
ווי אַן אָנזאָגער פון טויט.

„האַוו, האַוו, האַוו!" — אַט די לבנה,
דוכט אים, טוט זיך באַלד אַ וואָרף
און פאַרברענט מיט אירע פלאַמען
אים צוזאַמען מיט׳ן דאָרף.

פ אַ ר ׳ן מ ל א ך ד ו מ ה

מלאך־דומה איז צו און האָט דומפּיג געפרעגט:
גייסט אין פלאַמען, ווי הייסטו?
נאָר דער גייסט, דורכאויס פייער און פאַרב, האָט געלאַכט:
און אַז כ׳זאָג דיר — וואָס ווייסטו?

מלאך־דומה האָט צאָרניג פאַרצויגן אַ ברעם:
גייסט אין פלאַמען, דו לאַך נישט!
נאָר דער גייסט האָט געבריט מיט די אויגן: „דו ווייסט,
שוואַרצער מלאך, קיין זאַך נישט!

וואָס איז אָרט מיר און צייט וואָס איז? גייסטער ווי איך
זיינען וועלטן און דורות.
ווער דערגייט ווי איך הייס? גאָט אַליין סיידן ווייס
מיין אמת׳ן שורש".

האָט דער מלאך פאַרטראַכט געלאָזט היינגען דעם קאָפּ
און האָט זיך פאַרוואונדערט,
און דער גייסט האָט גערעדט: „ווילסט מיין נאָמען? איך האָב
נעמען הונדערט.

רוף מיך שד, רוף מיך מענטש, רוף מיך לעבן אַליין,
אַלע נעמען פאַרדין איך.
כ׳האָב געלעבט אומעטום, כ׳בין געווען אומעטום —
און אַלץ בין־איך.

איך בין ערד־קינד געווען און געווען אַ פאַנטאַם,
אַ שטיין און אַ שטערן,
הויך אין וואָלקן אַן אָדלער, אַ כוואַליע אין תהום
און אַ טונקל באַגערן״.

— קומט שכר פון גן־עדן דיר, אָדער דאַרף זיין
גיהנם דיין וואוינונג?
און דער גייסט האָט געזאָגט: „איך אַליין בין מיין שטראָף.
איך אַליין — די באַלוינונג״.

אַ געשטאַלט פון פאַרנאַכטלעך

איז פאַרביי אַ געשטאַלט,
האַלב צעשטראַלט און האַלב גראָ,
אָן אַ זייט, אין דער קרים,
נישט פון דאָרט, נישט פון דאָ — —
אַ געשטאַלט — —

זיך אַ הויב געטאָן וייך
דאָרט, ביים ברעג האָריזאָנט,
ווי אַ קאָפּ פון אַ קינד,
ווי אַ קעפּעלע בלאָנד — —
אַ געשטאַלט — —

און געטאָן מיט אַן אויג
אַ פאַרחידושטן גאַף
אויפן גאַנצן באַשאַף,
אויפן גאַנצן באַשאַף — —
— — אַ געשטאַלט

און דערנאָך, ווי אַ בוים,
זיך צעצווייגט ערגעץ ווייט,
זיך צעדאַוונט, צעוויגט —
אין דער קרים, אַן אַ זייט — —
— — אַ געשטאַלט

און אין שאָטנס דערנאָך
זיך צעפאַלן, צעטיילט,
און אַריין אין דער נאַכט,
וואָס און ווען — נישט דערציילט — —
— — אַ געשטאַלט

דער האָר שגעון

מיר האָט אַ הויכער שאָטן זיך באַוויזן,
אַ שאָטן מיר באַקאַנט און נישט באַקאַנט.
ער האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט זיין האַנט
און אָנגעגלאָצט מיט בליקן ווי די שפּיזן:

„הא, שלעכטער קנעכט! דו האָסט אין יעדער וואַנט
פאַרמויערט מיינע קאַפּריקע קאַפּריזן,
און מיך געשמידט, דעם גוואַלדיקסטן פון ריזן,
אין קייטן פון גרוי־ערדישן פאַרשטאַנד.

„יעצט, שלעכטער קנעכט, גיב חשבון פאַר די זינד!
אַ שטראָף האָסטו אַ גרויזאַמע פאַרדינט.
האָסט מיין באַגער געדערט און געשאַבטן!

„האָסט לערנען מיך געוואָלט, דו קנעכט, דו קנעכט!
האָסט שווייגן מיך געניט, דעם היים-צעקאָכטן!
אַז ווײ צו דיר — כ׳קום אויפמאָנען מיין ר ע כ ט!"

און שטאַרב איך...

און שטאַרב איך —
ווי וועל איך צום בית-דין של-מעלה דערלאַנגען?
נישט זיין וועט קיין דיין און נישט קיין געריכט.
נאָר עפּעס אַ גיין דורך אַ גאַנג דורך אַ לאַנגן,
און אָנהויב פון עפּעס אַ נייען געדיכט.

און שטאַרב איך —
נישט גיט מען קיין שטראָף און נישט גיט מען קיין שכר מיר.
קיין טיר נישט, קיין טויער, צומאָל נישט קיין שפּאַלט.
נאָר טויזנטער בת-קולס אי הינטער, אי פאַר מיר,
און עפּעס אַ נייער פאַרפלאָנטערטער וואַלד.

און שטאַרב איך —
באַגעגן איך מחנות פון פרעמדע געשטאַלטן
און וואַנדער אַרום פון געשטאַלט צו געשטאַלט,
און פרעג, וואו זיי האָבן מיין לעבן באַהאַלטן;
ביז וואַנען עס קומט אַ געשטאַלט און זאָגט: האַלט! —
דאַן ערשט שטאַרב איך.

נייע שפּראַך

געקומען זיינען קלאַנגען
פון עפּעס אַ ווייטער שפּראַך,
זיך איבער דער וועלט צעגאַנגען
ווי יתומים אָן אַ דאַך,

אויף סלופּעס זיך צעהאַנגען,
געלאָפן מיט יעדן שליאַך.
פון כרובים שטאַמט די שפּראַך?
צי — פון אָראַנג-אוטאַנגען?

צי וועלן שטאַרבן שפּראַכן
און זי — מיט איר מאָדנער מוזיק —
וועט זייער קבר באַוואַכן?

און אפשר ווערט זי אַ בריק,
די דאָזיקע שפּראַך די נייע,
צווישן הימל און מענטש און חיה.

ביימער ערב פרילינג

בוימער נאַקעט-דאַרע, בוימער פון פאַר פרילינג,
הויך און פול באַגערן, ווי אַ פרוי פון האַרעם!
רערנדיק-צעשויבערט שטייט איר ווי מנורות,
דאַרשטיק ווי אַ מענטשנ׳ס גלוסטנדיקע הוריות,
ווען די נאַכט פון זומער מאַכט דאָס בלוט אים וואַרעם.

וועלכער ווילדער מאָלער האָט עס נישט דערמאָלט אייך,
אייך דעם גוף געלאָזן שטיין אַ נישט-באַקליידטן?
וועמעס מידער כישוף קיַיט עס אייך די גלידער?
ו ו ע ר האָט עס, ווי פערזען פון פאַרקלערטע לידער,
אויסגעשטעלט אייך — שטילער איינער פאַר׳ן צווייטן?

טונקל ווי אַ נביא׳ס חלום אין דער מדבר,
ווען די שטערן יוירן און די טויען טענה׳ן,
שטעלט איר קעגן הימל צווייגן אויס ווי שאָלן,
און איר וואַרט, אַז זונען, זונען נייע זאָלן
אייך די פּוסטע שאָלן אָנגיסן מיט ווייגען.

אייער קאָפּ דעם שוואַרצער וואַרט אויף גרינער הילונג,
ווי חלומות יונגע וואַרטן אויף דערפילונג.
און מיט אייך צוזאַמען שווייגט זיך מיר אַ תפילה,
און מיט אייך צוזאַמען קוק איך אויס אַ גילוי —
ביימער ערב יום-טוב, ביימער ערב פרילינג!

לידער נאציאָנאַל-סוביעקטיווע
חורבן-לידער און משיח-לידער

הויך איבער די שלאַכטן

הויך איבער די שלאַכטן פון דעם עולם תחתון,
הויך איבער דעם מענטשנס בנין דעם צעקראַכטן,
הייבט זיך די געשטאַלט פון אַ מלאך אַ פאַרטראַכטן,
אַ בלויען ווי פאַרנאַכטן.

אַלע גרוילן פאַרנעמט ער, דער מלאך דער פאַרקלערטער,
טויט פון מיליאָנען זעט ער, געשריי פון מיליאָנען הערט ער,
נאָר אַז ער קוקט צום ס ו ף — רעדט ער אַרויס צוויי ווערטער:
ס׳איז גוט.

פאַר די לעצטע רעשטלעך מענטש, ווי אַ ייד פאַרן כותל מערבי,
שטייט גאָטס שכינה און וויינט. עס ווייזט זיך נישט קיין נביא.
אויף חורבות זיצט דער טייוול ווי אַ בלינדע סאָווע
און קוועלט: ס׳איז שלעכט.

נאָר ער, דער בלויער מלאך, דער מלאך דער פאַרקלערטער,
וואָס טויט פון מיליאָנען זעט ער, געשריי פון מיליאָנען הערט ער,
גיט אַ קוק אויפן ס ו ף — און רעדט אַרויס צוויי ווערטער:
ס׳איז גוט.

אַלאַרם

כ׳געדענק אין פוילן אַ פאַרנאַכט.
ס׳האָבן פעלדער זיך פאַרטראַכט
ווי פאַר אַ יום־הדין.

לבנה־שאָטנס האָבן זיך געפלאָכטן שנעל און דין,
זיך איבערגעוואונקען שטיל, שטיל,
ווי ווינטמיל־פליגלען געפּאָכעט,
פליגלען פון אַן אַלטער מיל,
געשריבן ווייס אויף שוואַרצן קוסט,
אַט זיך אַנטפּלעקט, אַט זיך ווידער פאַרהוילן.
כ'האָב זיך צוגעקוקט — און ס'האָט מיין האַרץ געוואוסט
אַ ווייסן פון גרוילן.

ס'האָט פון נאָענטן זומער־הויז געשאַלט געלעכטער. וואָרעם
האָט געברענט אַ לאָמפּ. אויף אַ וועראַנדע
האָט מען מיט פריילעכן ליאַרעם
געשפּילט אין קאָרטן.
און קיינער האָט נישט געזען, ווי איבערן גאָרטן
גליווערט אין שטומען אַליאַרם
דער לבנהס אויג —
אַן אויג, וואָס זעט אַנקומען פאַרכטיקע פייערן.

הרוגים

כ'הער זיך צו צו דער נאַכט,
צו דער יידישער נאַכט,
און איך הער ווי זי רופט :
מתים, ווערט באַגופט.

ווערט נישט קיין פאַרשווינדער,
פאַרלאָזט נישט די ערד.
זוכט מאַמעס אויס און ווערט
מגולגל אין קינדער.
בלייבט דאָ און ווערט
דער ערדס נייע גרינדער,
דערלייזער, פאַרקינדער,
ליכטיקע צינדער
פון גאָט אויף דער ערד.

אין לעבנס נייע זאָל
אויפגיין אייער קול;
אין לעבנס נייע זאָל
אייער שטאַרבן אַריין,
צו ווערן געלייטערט
ווי געצערטער וויין.
גייט נישט אַוועק
אין דער טויט-נאַכט דער בלינדער —
הרוגים, ווערט קינדער!

1943

אַ חלום פון נאָך מאַידאַנעק

א

אויך דאָס וועט ווערן פאַרגעסן, אויך דאָס.
פאַרברענט געוואָרן מיין פאָלק,
און ס׳וועט ווערן פאַרגעסן אויך דאָס.
וואו די נאַלעווקעס האָבן געדרוישט —
בלאָז פון ווינט צווישן גראָז,
ווינט און גראָז.

בוימער זויפן זאַפט פון לעבנס טויטע.
צו אַ זונה אַ זון
זינגט אַ פויגל אַ שוטה.

אַ קוימען אַן אַ דאַך,
אַ קוימען אַ בלינדער,
שטאַרצט פון מיסט ווי אַן אַלטער צילינדער —
אַ צילינדער אַן אַ קאָפּ.

אויף אַ הויפן ציגל
ווי אויף אַ פּיעדעסטאַל
בלייבט שטיין, גלייך נאַפּאָלעאָן ביי די פּיראַמידן,
אַ גרויסער אומעטיקער שטשור,
קוקט אָן די אַזויגערופענע נאַטור,
אַ וועלט אָן גאָט און אָן יידן.

ביינאַכט
יאָגט זיך אַ משוגענער נאָך ווילדע קעץ,
ווערט מיד און זעצט זיך אויף די שטיינער קלאָגן:
וואו איז משיח? וואו איז דער קץ?

ב

איך קען אַ זאַץ אין אַ בריוו פון געטאָ,
איך קען אים און וויים אים אַ טראַגיש וויסן:
„טאַנטע סכנה וואוינט דאָ מיט אונדז,
טאַנטע סכנה לאָזט האַרציק גריסן".

פאַרברענט די האַנט וואָס האָט דאָס געשריבן,
פאַרברענט אונדזער הויז, אונדזער לייב צעריסן,
נאָר טאַנטע סכנה איז נישט פאַרברענט —
טאַנטע סכנה לאָזט גריילעך גריסן.

זי גריסט דיך, וועלט, פון אומעטום:
זי לאָזט דיך גריסן פון פאַרלאַמענטן,
פון לאַבאָראַטאָריע, צייטונג, בוך,
פון וויסטע גאָטלאָזע קאָנטינענטן.

זי פירט מיט דעם געלערטנ׳ס האַנט,
וואָס אַ שרייבער שרייבט — האָט ז י געשריבן!
זעקס מיליאָן יידן זיינען אַוועק —
טאַנטע סכנה איז געבליבן.

ג

כ׳זיץ אין נאַכט פון קאָפּ ביז פיס —
און איך זע, איך זע די ט א נ ט ע.
לעש דיין קינדער-גיהנום אוים,
פוסטער ליגנער, אַלטער דאַנטע!

כ׳קען דעם גיהנום פון אַ פאַלק.
נאַכט פון ספירות, נאַכט טאַטאַלע.
כ׳קען אַ צייט פון ל י ק ו י-ג אַ ט
ליקוי-גאָט אין וועלטן אַלע.

מאַכט אַ שרעטל: בדליכא —
אַז נישטאָ — איז דאָך נישט שייך.
בדליכא — בדליכא — — —
שטום איך, נאָר אין שטומקייט שריי איך:

גאָט, וואו ביזטו? גאָט, איכה?

ד

פון עצבות ווערט דער קאָפּ מיר שווער
ווי פון וויין.
ער גיט זיך הין און קריק אַ וויג
ווי אַ זייגער׳ס אומרו — און דרימלט איין.

דערזע איך זיך אין אַ גערוימען זאַל.
ס׳איז די שטילסטע, קילסטע פון לאַבאָראַטאָריעס.
אָן אַטאָם-פאַרשער בין איך. קיל איז, נאָר אין מיר
שפּרינגט אַ פייער אום
ווי אין היטלער׳ס קרעמאַטאָריעס.

קאַלט געפּאַנצערט אין אכזריות
האָבן פעלקער-צוקוקער זיך צוגעקוקט,
ווי עמלק האָט פאַרוואַנדלט אין אַטאָמען
מיינע זעקס מיליאָנען.

שטיי איך ביים גרעסטן פון ציקלאָטראָנען,
און ווי מ׳רייסט מיט אַ האַמער ברוק-שטיינער אויף
רייס איך אַטאָמען אויף —
לעצטן חשבון קום איך מאָנען.

ערד, וואָס מאָרד פון קינדער איז דיין ספּאָרט,
בלוט-גרוב, שאַנד-הייל, סדום פון סדום׳ען!
הער דעם שווידער פון מיין וואָרט:
פאַר אַטאָמען
צאָל איך מיט אַטאָמען.
ווי עשו האָט די עופּעלעך די יידישע געריסן
וועל איך מיט אַטאָמען דיך צערייסן —
ווער צעריסן!
טאַנטע סכנה לאָזט דיך גריילעך גריסן,
אַטאָמען צעשמעטערטע לאָזן דיך גריסן —
ווער צעריסן!

— אָמן!
מיר אַטאָמען
ענטפערן אויף דיין קללה: אָמן!
פּלאַצן זאָל די ערד, די וויסטע סתירה!
זאָל אין תהום זיך וואַלגערן איר פגירה!
אַ סוף צו אַלדי סדומערייען אירע —
געשפּאָלטן מוז זי ווערן און פאַרשניטן!
אונדזער סוד האָט זי צעקלאַפּט,
אונדזער הארץ האָט זי צעשניטן.

אויפגעריסן האָט זי ווי אַ גנבֿ
וואָס גאָט'ס אָרעם האָט פֿאַרריגלט,
נאָכגעמאַכט גאָט'ס שליסלען,
זיין חותם אַנטזיגלט.
אַ שוועסטער צו דיין הייליקער נקמה,
דער נקמה פון געוועכטן,
איז די נקמה פון דעם וועלט־סוד דעם פאַרשוועכטן —
אונדז וועט מענטש, דער עבד, נישט פאַרקנעכטן!

אַזוי צעקלינגען זיך אַטאָמען,
צעקלינגען זיך און שאַלן
אין פּלאַנעטאַרישע כאָראַלן,
ווי אין באַגינען פון באַשאַף
די בני אלהים,
און ס'פּאַלן
די טענער הילכיק, טאָן נאָך טאָן,
און אַרום דעם ציקלאָטראָן
קרייזן לויז־געלאָזטע וועלטן,
קרייזן, קרייזן, צינדן זיך
אין חלל דעם צעגליטן,
טאַנצן אוים אַ ברוגז־טאַנץ,
אַ בליצנדיקן שטורעם־טאַנץ,
אַ ברוגז־טאַנץ, אַ שטורעם־טאַנץ —
און איך אין מיטן.

ח

נאָר שטום ווערט. שאַ.
איך קוק זיך אום.
פון גיי־ווײס־וואו דערלאַנגט אַ קום
אַ מלאך אַ הויכער.
אַ שקלאַפן־נומער גליט אים אויפן אָרעם,
נאָר ווי גאָטס וואָרט אין דעם ספר הספרים
קעניגן אויגן אין פּנים ביי אים.

וואס וויל ער? וואס דארף ער דא? נאכט איז —
מיין האנט רייסט אטאמען אויף —
דיך רוף איך, שאול תחתית!

שא — —
דער מלאך הויבט דעם ארעם אויף
(אין א טיפער גימטריא
פארוואנדלט זיך דער שקלאפן-נומער אויפן ארעם)
און טריפט אויף מיר א שטילקייט אן
ווי כלאראפארם —

ציילן הייסט ער מיך —
וואס זאל איך ציילן?
— נעמען פון יידישע קינדער צייל!
א קינד וועט דיך היילן.

ו

בלימעשי. טויבעשי. ריוועלע.
לאהניו. פייגעניו. פערעלע.
חאצקעלע. מאטעלע. קיוועלע.
הערשעלע. לייבעלע. בערעלע.

שאיעשי. חיה'שי. גאלדעשי.
מענדעלעך. גנענדעלעך. מינדעלעך.
כ'צייל אין דער נאכט אין דער שלאפלאזער
נעמען פון יידישע קינדערלעך.

נעמען פון יידישע קינדערלעך,
רחלעך, ראכעלעך, נעכעלעך,
געצעלעך, וועלוועלעך, וויגדערלעך,
יאנקעלעך, יונהלעך, מעכעלעך.

קאפּעלע, וואו איז דיין קעפּעלע?
וואו איז דאָס ליכט פון דיין אייגעלע?
וואו איז דיין הענטעלע, יענטעלע?
וואו איז דיין פּיסעלע, פייגעלע?

נעמען — אָט דאָס איז געבליבן נאָר:
דבורהלע — דוואָשעלע — חיה'לע.
שמערעלע — פּערעלע — סערעלע.
שימעלע — שיעלע — שאָיעלע.

ווער קאָן געפינען איצט משהלען,
שוויליקן, שמוליקן, שראָליקן?
גאָט האָט אויף זיי נישט דערבאַרעמט זיך,
האָט זיי געשאָנקן עמלקן.

בלימעשי — טויבעשי — ריוועלע.
לאהניו — פייגעניו — פּערעלע.
חאַצקעלע — מאָטעלע — קיוועלע.
הערשעלע — לייבעלע — בערעלע.

אוים און נישטאָ מער די העשעלעך,
העשעלעך, פּעשעלעך, הינדעלעך.
קלאַנגען, בלויז קלאַנגען, בלויז ליד־קלאַנגען —
נעמען פון יידישע קינדערלעך.

וואו איז דיין פּיסעלע, זיסעלע?
ציפּעלע, וואו איז דיין צעפּעלע?
רויך ביסטו, יענטעלעס הענטעלע!
אַש ביסטו, קאָפּעלעס קעפּעלע!

ז

און ווידער שטום.
און האָרך — אַ שטים:
— האָסט מיך גערופן, פּעטער?

דער מלאך גלעט אַ קעפּל שטיל —
אַ קינדער־קעפּל גלעט ער.

אַ שאָטן שטייט פאַר מיר, אַ שאָטן
פון אַ יידיש יינגעלע,
אַ דערשראָקן יינגעלע
אין אַ פאַרבלוטיקטן טלית־קטן.

— ווי איז דיין נאָמען, יינגעלע?
— האָסט ערשט געזאָגט דאָך! קאָפּעלע!
— פון וואַנען קומסטו, קאָפּעלע?
פון וואַנען, הבן יקיר לי?

— פון ד אָ ר ט ן! כ'מוז געבוירן זיין!
דער מלאך צווינגט געבוירן זיין!
ער הייסט מיך דיין רפואה זיין —
דיינע און דער וועלט'ס —
נאָר כ'וויל נישט: כ'וויל צוריק אין שמעלץ,
כ'וויל צוריק אין שמעלץ —

— געבוירן ווערן? פּאָלג אים נישט!
געבוירן ווערן? משוגעת!
פאַרמשפּט איז די ערד — און פּלאַצן,
פּלאַצן מוז דאָס אַלטע פּאַס.
ס'אַ זינד צו ווערן אַ יידיש קינד,
אָנהויבן פון דאָסניי איז זינד.
ווערן מוז די ערד צוקראַכט
און אויף אייביק ווערן פאַרמאַכט
די יידישע טראַכט!

און אויפגעשטורעמט האָבן די אָטאָמען:
אָמן, אָמן!

פלאַצן מוז דאָס אַלטע פּאָס!
רייסט עס אויף, דאָס פּאָס מיט מיסט!
טראַכט פון יידישן לייב, פאַרבלייב
וויסט און פוסט! פוסט און וויסט!
קער דיך אום, קליין קאַפּעלע —
אַ שאָד, אַ שאָד דיין קעפּעלע —
דיין קומען איז אומזיסט!

צום מלאך'ס אָרעם, צום מלאך'ס האַרץ
האָט קאַפּעלע געטוליעט זיך,
געהויבן אַ הענטל אַ פאַרדאַרטס:

— געבוירן ווערן
נויט מיך נישט,
מאַך מיך נישט לעבן
און טויט מיך נישט!

שטריינג האָט געבליקט דער מלאך,
זיין וואָרט איז געווען מאַכט:
— גיב די ערד אים, גיב די ערד,
און אַ מאַמע'ס טראַכט!

— אַ טראַכט פאַר דיר, קאַפּעלע?
נאָך וואָס, בן יקיר לי?
מיר פאַר דיין קעפּעלע!
מ'עט דיך פאַרגאַזעווען!
נאָך וואָס גיין אויפסניי
אין עשו'ס גאַז-אויוון?

— ס'איז גורל און זכות! —
האָט דער מלאך געזאָגט. —
קאַפּעלע מוז
אין גאַז-אויוון אַריין

און פון גאז־אויוון ארויס,
אזוי לאנג, ביז ער לייזט אויס
מיט גוואלד דעם גאנצן מין.
מיין שליח הייסט ער,
מיט זיין בלוט דערלייזט ער.
הער אויף צו נקמה'ן!
די ערד לאז צו־רו,
צוים איין די אטאמען!
קאפעלע מוז צוריק,
קאפעלע קומט צוריק
הייליקן גאט'ס נאמען.
אזוי איז דער באפעל —
אמן ואמן!

ח

דער פארטאג איז אין פענצטער
געהאנגען וויס.
אין די ווינקלען זיינען שאטנס
געלאפן ווי מייז.
ס'האט געווארט אין קן־ציפור
בן־דוד'ס טראן.
ס'האט געבלייכט דער סקעלעט
פון דעם ציקלאטראן.
ס'הענטל געשטרעקט
ווי א צווייגל א פארדארט,
אין פארבלוטיקטן טלית־קטן —
האט ס'קינד געווארט.

די אטאמען האבן
געזונגען שטיל
ס'געזאנג פון וואסער
אויף ראד פון א מיל.

דער מלאך איז געשטאַנען
ווי זון איבער קברים.
ס'האָט די גימטריא
געגליט אויף זיין אָרעם.

קאַפּעלע האָט געוואַרט.
די ערד האָט געוואַרט.
לאַנג האָב איך געשטאַרט,
דער בליק פאַרשטיינט,
נישט געוואוסט וואָס צו טאָן,
דערנאָך האָב איך געוויינט — — —

און אָט האָט איר מיין חלום.

1946

מאָנאָלאָג אין פּלעינעס יידיש

שור בין איך אַ לאַנדסמאַן, מיסטער זאיטלען.
אַז כ'בין אַוועק פון ווארשע, מיינדזשיו,
האָבן אַלע ווייבער נאָך געטראָגן שאַיטלען
און אַלע יידן האָבן געטראָגן בערד.
אויף דער גאַס איז געלאָפן אַ טראַמוויי מיט פערד.
ביי העקסלמאַנען האָט אַ מיטאָג געקאָסט אַ ריבל.
סוחרים זיינען געזעסן אין קאַנאַרעקס קאַוויאַרניע.
חסידים האָבן געגוואַלדעוועט אין גערער שטיבל.
מיינדזשיו, אַז כ'פאַרגעס אַמאָל דאָס פּלעינע דזשואיש,
קען איך נאָך ביז אַצינדער
דערלאַנגען ס'אמתע ווארשעווער לשון.
הלוואי אויף אַלע יידישע קינדער.

און איר, הער איך, שרייבט אויף די פּעיפּערס.
דזשואיש איז שלעכט אַפּ ביי אונדז, מיסטער.
איר מעגט האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער,

ס׳טויג נישט — און דעטס אָל.
די וואָרע איז דאָ גאָרנישט ווערט.
איר אַליין זייט אַלרייט,
באָט אייער לאַין טויג אין דר׳ערד.
וויפיל איר זאָלט זיך נישט מענטשלען,
וויפיל איר זאָלט זיך נישט אַלרייטלען,
וועט עס העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.
סוויטשט צו אַן אַנדער לאַין, מיסטער זאַיטלען.

צי איך געדענק
דעם עץ מיטן ענק?
אין קליינקייט! באָט איך מיט מיין מיסעס —
מיר יוזן אַ דזשואיש אַ ה י נ ע ד י ק ן, יו נאָו, אַ פּלעינעם,
און ביסאַידס רעדט מען אינגליש, יו נאָו,
ביקאָז אָוו די ביזנעס און ביקאָז אָוו די קינדער.
שור, גרינערהייט האָט מען אַנדערש גערעדט,
באָט אַצינדער —
ריידן מיר אַ פּלעינעם יידיש מיט אַ פּלעינעם אינגליש.
אַלץ פּלעין.

גרינערהייט בין איך געווען ניט איבעריק זאַט.
וועל, אין יענע יאָרן,
האָב איך אַריינגעקוקט אין אַ יידיש בלאַט.
ס׳ליגט מיר נאָך אין זכרון
אַ שטיק פון איינעם — דזשאָסט ווי האָט מען אים גערופן?
דזשעיקאָב גאָרדן.
ס׳איז אַלץ געווען אַמאָל! היינט קען איך נישט אַפּאָרדן,
ביקאָז איך בין שוין לאַנג אַ סיטיזן, יו נאָו.

ביי אונדז אין די יונייטעד סטעיטס
אַז מ׳ווערט אַ סיטיזן, יו נאָו,
באַדערט מען זיך נישט מיט די גרינע זאַכן:

מען לעזט נישט מער קיין יידישן פּעיפּער
און מען גייט נישט זען קיין זשאַרגאָנישע שטיק.
כאָטש אַז מ׳זאָל אַ שמים־טאָן ס׳אייגענע צוריק,
טויג עס דווקא גוט אין דר׳ערד,
ביקאָז עס בענקט זיך און עס געדענקט זיך.
און אַז מען מאַכט שוין געלט — איז עס עפּעס ווערט?
מיין זונדל, דער תכשיט רב מאַיק,
האַלט מיך עניוועי פאַר אַן אַלטן קאַיק.
מע האָרעוועט אויפן שוואַרציאַר, יו נאָו, אויף שדים.
מיין טעכטערל גלייכט נישט קיין יידישן באָי,
האָט זי זיך פאַרליאַפּעט אין אַן איירישן גוי,
האָב איך אייניקלעך שקצים און אַ גוי אַן איידעם.
און מיין מיסעס, מיין יידענע — דאָנטשיו נאָו האַר?
קריכט אַרום אין הויזן, וויקעט זיך אויפן ביטש,
און מאָלט זיך און פאַרבט זיך און שאָבט זיך,
און אַלץ מיט אַ קוויטש —
און ס׳האָט נישט קיין יידישן טעם.

עך, וואַרשע...
מאַראַנאָוו, באָניפראַטן...
דער פאָוויאַק מיט די גראַטן...
נאַלעווקעס, פראַנציסקאַנער...
איטשע־מאיער פּריוועס...
זשעלאַזנע בראַמע...
אַ וואַרשעווער האָט געגליכן זיין שטאָט
ווי אַן אייגענע מאַמע.
אין חלום זע איך נאָך דעם גזשיבאָוו אַמאָל,
איך גיי מיר אַהער, איך גיי מיר אַהין,
און אַמאָל פאַרבלאָנדזשע איך קיין מאָנקעטאָוו,
וואו די וועלט איז גרין.

איז וואָס זשע הערט זיך, עניהאַו?
נישט גוט מיט יידן, האַ?

היטלער . . . מאַידאַנעק . . .
אוים וואַרשע, אוים וועלט...
אוים... אַלץ אוים...
וועל, יעס, אַבער איר פּוירסנ׳לי —
ווי מאַכט איר דאָ אוים?
שור, אייער לאַנד איז אין דר׳ערד,
באַט אַ שטיקל לעבן מאַכט איר כאַטש?
וואָס? העל!
איר זאָגט, איר זייט געשטאָרבן,
באַט איר מאַכט דעם אַנשטעל, אַז איר לעבט?
וואַטדיו מין געשטאָרבן? איר מיינט צו זאָגן, אַז —
חלילה וחס —
איר זייט פּלעין און סימפּל געשטאָרבן?
אַהאַ, אַי גאַד׳איט. ס׳אַ דזשאָוק אַזאַ, אַ שפּאַס.
אַן אמת, זאָגט איר?
איר זאָגט, אין אַמעריקע זייט איר געשטאָרבן,
נאָר מ׳האָט אייך נישט געטאָן אייער רעכט?
וועל, איך וועל מיך נישט שפּאַרן.
אפשר זייט איר גערעכט.
באַט עניהאַו,
געשטאָרבן, געשמאָרבן — אַ לעבן מאַכט איר?

וואָס טראַכט איר?
ס׳איז אייך, זע איך, אַנגעזאַלצן אויפן האַרצן.
וועל, קיינער הערט דאָך נישט —
וועל איך אייך זאָגן, מיסטער:
עפּעס בין איך אויך נישט מיט אַלעמען.
ביקאָז, נאָך אַלעמען,
אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם —
נאָר ווי לאַנג שיסט ער?
נישט גאָט — דער בעזעם מיין איך.

איר זייט דאָך אַ לאַנדסמאַן,
וועט איר מיך אפשר פאַרשטיין.
ווי איר קוקט מיך אָן — בין איך איינער אַליין,
דזשאַסט איינער אַליין,
אַן אַלטער ייד אָן אַ באָרד,
ווי אַ יאַלדישער מלך אויף אַ קאַרט,
און אין די נעכט, ווען ס'נעמט נישט קיין שלאָף,
ליג איך און ליג,
און ס'ביסל יאָרן לויפט מיר פאַרן בליק,
און איך טראַכט: אָט ליגט אַ ייד אַ נאַר,
אַ נאַר, אַ נאַר, אַ נאַר מיט אַ קאַר,
אַ ייד אין אַמעריקע.

ווייט אַ מיניט:
וואָס איז עס געווען אַזוינס, דאָס אַמעריקע?
וואָס האָט עס געמיינט —
און וואָס מיינט עס?
ס'האַרץ, בעג יור פּאַרדן, וויינט.
פאַרוואָס וויינט עס?

עך, וואַרשע...
איך בין, זאָגט איר, אויך אַ שטיקל טויטער?
וועל, כ'וועל אייך זאָגן, לאַנדסמאַן:
אַביסל זייט איר — ביטווין אַס — גערעכט.
ביקאָז היינט איז יעדער ייד אַ שטיקל טויטער,
אַ מת, וואָס שלאָפט נישט נעכט.
זיי זאָגן: מאַידאַנעק...אַלץ פאַרברענט...
רילי,
אַי קען'ט אַנדערסטענד, אַי קען'ט!
טאַקע פלעין פאַרברענט?
און איך, אַלטער נאַר,
איך נאַר מיט דער קאַר,

עפעם געדענקט זיך מיר
און עפעם בענקט זיך מיר
נאָך ווייס איך וואָס, נאָך ווייבער מיט שאַיטלען,
נאָך יידן מיט בערד,
נאָך טראַמוואַיען מיט פערד,
נאָך היימישע גריץ,
אַפילו נאָך מיינע מלמדים מיט די טאַיטלען
און מיט די שמיץ,
אַפּלו נאָך דעם טאַטנס פּאַטש:
׳עסט רויכערן שבת, יונגאַטש?
עס בענקט זיך אַפּילו נאָך פענסטער, נאָך ווענט —
דזשאַסט נאָך פענסטער און ווענט — — —

אַלץ פאַרברענט?
טאַקע פלעין און סימפּל פאַרברענט?
א י ר פאַרשטייט דאָס, לאַנדסמאַן?
נאַט מי!
אַי סימפּלי קענ׳ט אַנדערסטענד!
פאַרברענט? וואָס זשע בלייבט?
מיין זינדל רב מאַיק? מיין איידעם דער גוי?
מעיבי אין פּאַלעסטאַין, יו נאָו...
ס׳איז דזשאַסט אַזוי,
אַז כאַטש נעם און ווער פלעין משוגע.

וואַט די העל, ביזנעס איז אַלרייט,
א קערטל בראַקט מען, באַט —
מע ליגט ביינאַכט און מע טראַכט:
וואו שטעקט דאַ ערגעץ גאַט?
אין דער אַלטער היים איז ער געווען, —
זאָל ער דזשאַסט אין אַמעריקע נישט זיין?
ווי קען דאָס זיין?...

וואס קומט ארויס, אז ביזנעס איז אלרייט?
צום קבר איז נישט ווייט,
און רב מאיק וועט קיין קדיש נישט זאגן,
ס׳עט אפילו נישט זיין קיין וואגן.
צו דער סעמעטערי פירט מען דיך אין קאר,
נישט אין קיין עגלה.
דער חזן מיסטער פעמפיק
וועט קאלט און טעמפיק
מאכן א מלא,
און דו וועסט ווי אין אן עלעוויטאר
ארונטערפארן אין דר׳ערד,
און ס׳וועט דיך אראפלאזן א מאשין,
און די קארס וועלן אנטלויפן מיט א בהלה —
און גודבאי, סא לאנג!
נישט קיין עגלה,
נישט קיין ארון, נישט קיין מיטה,
נישט קיין טהרה־ברעט,
און דהי מעין טהינג —
נישטא קיין קדיש!
כאטש גיי און דינג!

וועל, אי דאנ׳ט גיוו א דעם
פאר א געדונגענעם אמעריקאנער קדיש.
ס׳איז טאקע אך און אוי,
באט וואט קען יו דו?
מ׳עט שוין מוזן פוילן דזשאסט אזוי.
עלעהאי זאל זיך דאכטן — א גוי.

יו נאו, מיסטער זאיטלען:
ווי מ׳פלעגט ביי אונדז אין ווארשע
אויף נאכט די טיר פארקאיטלען,
אזוי איז מיין הארץ פארשפארט אויף א קייטל
פון זינט איך בין א סיטיזן אין דעם אמעריקע.

באַט ווי זאָגט מען? טעיק איט איזי.
געווער מאַינד די טרערן אין מיין קול:
ווילאַנג די מתים לעבן
מוזן זיי מאַכן אַ לעבן —
דעט׳ס אַל!

1945

אויף די חורבות

ביסטו דאָס, מוטער רחל, מוטער אָן קינדער?
אויף שוואַרצע שטיינער זיצסטו אַ פאַרלאָשענע.
פאַרשטאַרטע, צוזאַמענגעשלאָסענע
ליגן די הענט אויף דיינע קאַלטע קני.
הויבסט זיי צום געבעט נישט מער —
טויט איז אַלץ סיי ווי.

דיר און דיינע שוואַרצע שטיינער ווי־זאַווי
ליגט די נשמה פון אהרן בן־הלל.
אָן ארונטערגעשאָסענע
ליגט זי אויף אַ באַרג מיט יידן־אַש.
צי אוים די קאַלטע פינגער,
נעם זי צו זיך אויף דיינע קאַלטע קני,
און זאָל זי מיט דיר נאָך־אַלעמדיק נאַכטן,
נישט טראַכטן פון קיין אינדערפרי —
נעם זי צו זיך אויף דיינע קאַלטע קני.

ביים סיני איז זי געשטאַנען אַמאָל —
ווי קאָן זי נישט גלויבן? זי גלויבט!
נאָר וועט זי אים לויבן נאָך ווען,
ווי זי האָט אים געלויבט?
וואָלט זי אין אים נישט געגלויבט,
וואָלט איר לייכטער געווען.
זי אָבער וויים: ער איז דאָ.
און זי וויים, אַז ער האָט געזען.

אלץ האָט ער געזען,
איז אַליין אין מאַידאַנעק געווען,
האָט זיי צו די אויוונס באַגלייט —
וואו איז ער נישטאָ?
זייער לעצט געשריי געהערט
ווען עמלק׳ס פייער האָט זיי פאַרצערט,
און — גאָרנישט, אייטל גאָרנישט.

און נישט געוויזן האָט זיך מיר דער גייסט
פון קיינעם פון זיי,
צו זאָגן מיר: דאָס טו, כדי צו קאָנען לעבן!
ניין, פאַרכטיק שווייגן זיי,
און בלויז דרשנים ציען גלעקער,
גלאָקיק לייגן זיי
דעם לעצטן שקר,
און די דיכטאָרעס דיכטן.

פרעך טראָגט זיך עשו׳ס קול, הקול קול עשו,
און הענט, ידים ידי יעקב, שרייבן.
עס שרייבן און באַשרייבן לעצטע הענט
ווי אַ פאָלק איז געוואָרן פאַרברענט,
שרייבן, באַשרייבן, פאַרשרייבן.
פאַר וועמען? פאַר דעם צוקונפטיקן היסטאָריקער,
וואָס וועט קאַלט ווי אַ שרץ
זיך גריבלען אין אַש און געפינען
אַ געלערנטן תירוץ —
אַ פּראָפעסאָר אַ באַברילטער און אַ האָריקער.

און ער איז דאָ — איך וויים, אַז ער איז דאָ!
און ב׳וויים: ער זיגט, אין אַלע אייביקייטן זיגט ער!
אין זיין דועל מיטן שטן
שטיי איך צו זיין רעכטער האַנט,
און וויל דער שטן קען אים גאָרנישט טאָן —

שיסט דער שטן מיך, זיין סעקונדאַנט.
איך פאַל —
און טריאומפאַל
גייט אויף אַ הלוויה.

און קינדער לאַכן נאָך. ער דאַרף נאָך קינדער
אויך איצטער, אויך אַצינדער!
און מגוג'ן דאַרף ער און גוג'ן,
און באָמבעס ווארטן, ווייבער קינדלעך,
מערדער מאַרדן און עס שווינדלען
דעמאַגאָגן —
ס'ענדערט זיך די וועלט זיינע אַ האָר נישט.
גאָרנישט,
זעקס מיליאָן מאָל גאָרנישט!

צווישן פּלאַצק און וואַרשע

אין נאָך-מאַידאַנעק-יאָרן אָן גאָט
זע איך אַמאָליקע יאָרן.
אַמאָל אין אַ זומער זע'מיר קאָ' פּלאָצק
איבער דער ווייסל געפאָרן,
קאָ' פּלאָצק מיט דער ווייסל געפאָרן.

אָן איינציק כמאַרעלע פאַרט אין דער הויך —
ווי קומט אַ ווייסל-פיש אויבן?
ס'כמאַרעלע פאַרט און די ווייסל פאַרט.
כוואַליעס ווי סטאַדעס טויבן,
אַ פישל אַ פריילעכס אויבן.

און איך אויפן דאַמפּער'ס דעק מיט איר,
דער ליבסטער פון וואַרשעווער טעכטער.
זיין חופה די בלויע שפּרייט גאָט איבער אונדז,
די זון ווי אַ טעלער צעברעכט ער,
די זון אין דער ווייסל צעברעכט ער.

זאָל זיין מיט מזל! אויף שערבלעך זון,
אויף זון־בראָך טוען מיר פאָרן.
און ווייסל־ווינט שפילט, און אין העלם געהילט
לויפן די גרינע ברעגעס,
מיט זיי די גרינגע רגע׳ס.

גרין פינקלען די ברעגעס און ווייס איז דער טייך
און אויגן האָט זי ברוינע —
אין שענסטן פאָלקס־ליד האָט נישט געגליט
אַ פּאָר הייסע אויגן אַזוינע,
גליקלעכע, ברעניקע, ברוינע.

און אַז מיר שווימען קאַ׳ ווארשע צוריק,
פלאמט סוף טאָג איבער פוילן.
די זון צינדט אין וואַסער אַ גאָלדענע בריק
און די בריק לויפט ווייט און פארהוילן
צו ברעגעס — נישט ערד און נישט פוילן.

אַצינד בין איך ווייט אין נאַכט פון דער צייט,
אין נאַכט פון מיין דור פארפאָרן,
נאָר וויל איך — פאָר איר מיט דיר קאַ׳ פּלאָצק
ווי אין פארגאַנגענע יאָרן,
די פארב־און־קלאַנגענע יאָרן.

איך, דו און די ווייסל — מיר פאָר׳ מיר קאַ׳ פּלאָצק.
וויל איך — ווערט עס פאראַניק,
כאָטש דו ביסט נישטאָ און נישטאָ מיין פאָלק
און דער סוף איז געווען מאַידאַנעק.
וויל איך — ווערט עס פאראַניק.

פארוואָס פאראַניקט אין מיר יענער טאָג?
פארוואָס איז ער אייביק אַצינדיק?

אין גייסט איז מאַידאַנעק אויך נישט דער סוף —
אין אים איז גאָרנישט פאַרשווינדיק,
אין אים איז גאָרנישט פאַרשווינדיק.

אַלץ אַצינדיקט — און וואָס איז סוף?
שטיל ווערט אין מיר ווען איך פרעג עס,
און פאַר מיין בליק נעמט לויפן אַ בריק —
זי לויפט צו געהיימע ברעגעס,
ווי די בריק, וואָס די זון האָט געצונדן אין טייך
אויפן וועג צווישן פלאַצק און וואַרשע.

די לעצטע ווייטקייט

זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז ס'איז די צייט
פון אינגלישע גראַמען און אינגלישן טרויער,
ווען אַלץ איז נאָך אומבאַשטימט, וואַרעם און לעכציק.
אָט איז די מויער, די וואַרשעווער מויער,
דאָס הויז שליסקע זעכציק.
אָט איז דאָס העפטל, דאָס גרינע העפטל,
וואו ס'ווערן פאַרשריבן די יונגע ווערטער.
און אָט — די ערטער
פון וואַנדערייען און טרוימערייען:
אָט איז דער שלאַגבוים און די ראַגאַטקע,
און אָט די פעלדער אַרום אָכאָטע,
און שוואַלבן און בוימער און דער גערוך
פון פרילינגדיק-שוואַרצער בלאָטע.

אַלץ איז פשוט
און אַזוי פאַרבאָרגן.
די וועלט ווערט געבוירן
יעדן פרימאָרגן.
גאָט זיצט ביי זיין אָפענעם הויכן געצעלט
וויזאַווי דער וועלט.

און אַלץ איז גלייך אינטערעסאַנט:
אַ וואַלקן געפורעמט טשעקאַווע,
ביילקע׳ס הייסע האַנט,
ס׳גראַטעסקע פּנים פון ש. ל. קאַווע,
די דינע פענסטע
אויף דער שלאַנקער נאַז פון ראָזנבוים טערעזע,
און דרויסן אויפן לאַנד —
דער הויכער זילבערנער פּוס פון אַ ברעזע,
אַן אַוונט־זון, אין גאָלדענע טיכער געהילט.
אַלץ איז פּאָעזיע, אפילו די שילד,
די קליינע שילד אויף דער טוואַרדע:
פּאַמאַשטשניק פּריסיאַזשנאַוואַ פּאַווערענאַוואַ
נאַי פּריילוצקי.
און גוט איז צו זען,
ווי פּרץ שטורעמט פאַרביי
פון דער גמינע אַהיים אויף צעגליאַנע.

פון צעפלאַסענע מאַאיקע וואַלקנס אַפּער
ווינקט אַ גאָלדענע פאַננע.

די שכנה האָט געהערט: איך שרייב צום גראַם.
פאַרשטייט זי: דאָס מאַך איך מן־הסתם
די לידלעך פאַר די הויף־זינגער.
גיט זי צו דער מאַמען זיפצנדיק אַ מאַך:
„כ׳על ענק פרעיגן אַ נאַרישע זאַך.
נאַבוואָס האָט עמץ געלאַרנט ענקער אינגל
אַזאַ ביטער שלאַכט פאַך —
מאַכן לידלעך פאַר די זינגער אָף די האָיף?"

דער קליינער בראָניע׳ס אויגן
פינקלען עלעגיש. די ליפּן זיינען שטייף
פון בייזקייט אויפן טאַטן, דעם ראַדזימינער חסיד.

א וואָך אַ גאַנצע לייענט זי ראָמאַנען
און שבת קוקט זי פון באַלקאָן
מיט אַ דאָרשטיק-לאַנגן האַלז, ווי ביי די שוואַנען
אין זאַקסישן גאָרטן.
דאָס קוקט זי פון באַלקאָן אין די מרחקים,
דאָס בליקט זי צום ד אָ ר ט ן ,
בליקט פאַרבענקט, פאַרליבט, פאַרוויינט.
אָ, אין די ווייטקייטן טוען זיך וואונדער אָפּ!
אויך איך האָב אַזוי געמיינט,
בראָניע פון דער פאַנסקע.

ווי געפּלאַצטע קינדער-באַלאָנען
ליגן אַלע ווייטקייטן ביי מיינע פיס.
כ׳בין שוין לאַנג נישט זייער שקלאַף.
איין ווייטקייט איז געבליבן נאָך: די ווייטקייט
פון יענער זייט מענטש און יענער זייט באַשאַף.
פון מיין אַנגסט און ענגשאַפט
קוק איך צו דער ווייטקייט יענער—צו דער לעצטער—
מיט דער זעלבער בענקשאַפט,
ווי דו האָסט געקוקט אַמאָל
שבת פון באַלקאָן אַראָפּ,
בלייבע בראָניע פון דער פאַנסקע.

אַ מ אָ ל א י ן פ ו י ל ן

א רויז אויפן דאַך,
א ליכטיקע׳נאַכט.

(פון אַ פאָלקס-ליד)

אָט ערשט — אָט איצט —
און ס׳איז שוין אַמאָל.
ס׳איז אין צלמות,
דעם טיפן טאָל.
איצט — און שוין אַמאָל,
אַמאָל אין פוילן.

וואַרשע. שיִענגע
זעכציק און ניין.
דער פּאַרנאַכט גיסט אָן
פּולע שויבן מיט וויין.
אויפן שמאָלן באַלקאָן
זיינען איך און דו — — — —
ניין, נישט אמת.
נאָר וואו — וואו ?
אין טאָל, אין טאָל,
אין טאָל צלמות,
טאָל פון אַמאָל —
אַמאָל אין פּוילן.

אַ רויז אויפן דאַך,
אַ ליכטיקע נאַכט,
און איך און דו,
אין דיין אויג די רו,
און אַ הימל באַשאָטן
מיט גאָלדענע נאָטן —
אַלץ שפּילט אונטער דער האַנט
פון גאָט דעם מוזיקאַנט —
הער — דו הערסט ?
אָט איצט — אָט ערשט —
ניין — ניין —
לאַנג איז עס אין טאָל,
אין טאָל צלמות,
טאָל פון אַמאָל.
געווען איז עס אַמאָל,
אַמאָל אין פּוילן.

פּאַרצייטיקער אָט ערשט.
אָט-ערשטיקער אַמאָל.
הער אויף, הער אויף,
די בילדער נישט מאָל !

לאַנג, לאַנג איז עס געווען,
לאַנג, לאַנג איז עס געשען,
און טיף און שמאָל
איז דער טאָל פון אַמאָל.
געווען איז עס לאַנג,
אין ערגעץ אַ לאַנד,
אַמאָל, העט לאַנג —
אַמאָל אין פּוילן.

1946

דאָס אויג פון דער טרער

יענער טאָג האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט קאַפּווייטיק,
געגעגנעצט מיט פּייכטן רעגענדיקן שליִים.
מיין לעצטער טאָג איז עס געווען אין וואַרשע,
מיין לעצטער טאָג אין דער היים.

פאַר'ן אָפּגאַנג פון צוג אויפן ווינער וואָקזאַל
איז מיט אַ נאַס־פאַררעגנטן בוקעט
געקומען צולויפן אַ יונגער פּאָעט.
אַ, דער בלאַסער פּאָעט מיטן נאַסן בוקעט,
דער טונקעלער וואָקזאַל, די לעצטע קושן די נערוועזע,
און די טייערע אַלע, וואָס כ'האָב דענסטמאָל נישט געוואוסט,
אַז ס'איז ס'לעצטע מאָל, וואָס איך זע זיי...

לאַנג האָט מיט מיר זיך געזעגנט
מיין פרוי
און ס'האָבן אירע טרערן אויף מיין באַק גערעגנט
אַבל'דיק אַזוי,
אַז כ'האָב אַ זאָג געטאָן: וואָס איז? איך פאָר
סך־הכל אויף חדשים דאָך אַ פּאָר —
וואָס זשע איז ס'געוויין?

געענטפערט האָט זי (ווי יעדער פּרט געדענקט זיך!):
כ׳קען נישט אַנדערש — ניין —
די טרערן גייען פון זיך אַליין —
עס וויינט זיך.

פאַרשוואונדן אַלץ. ווי ווינטער-צייט אַ נעסט
איז שוואַרץ מיין וועלט און פּוסט.
יענע לעצטע טרערן האָבן אַלץ געוואוסט.
זיי האָבן אַלץ געוואוסט.

און ס׳האָבן טרערן נייע אין מיין לעבן זיך געוויזן
זינט יענעם לעצטן וואַרשעווער פרימאָרגן —
און אויך זיי האָבן געוואוסט אַלץ: מ׳האָט בשתיקה זיי באַוויזן
וואָס פון מיר האָט מען פאַרבאָרגן.
פון וואַנען נעמט זיך עס, דאָס גרויסע וויסן
פון אַ טרערל ציטערדיק און קליין?
מער ווי ס׳אויג, וואָס טוט די טרער פאַרגיסן,
זעט דאָס אויג פון דער טרער אַליין.

1946

דו ביזט דאָ

ווען כ׳זע, ווי נאָך מיין פאָלק׳ס פאַרברענט ווערן אויף גאַז
לאַכט זון און ס׳שפּילן קינדער אויף דער גאַס
און גאָרנישט איז געענדערט אין דעם גאַנג
פון מענטש — דעם וויסטן שפּראַץ פון חוה׳ן און דער שלאַנג,
ווילט זיך מיר לייקענען און זאָגן: ביזט נישטאָ!
ביזט נאָר די גראַנדיעזע היפּאָטעזע
פון מיין אומגעבראַכטער גזע,
אַ חלום פון אַ תהילים-פאָלק, וואָס איז
פאַרברענט געוואָרן מיט׳ן פאָלק צוזאַמען.

נאָר טראַכט איך טיפער פון מיין אומה׳ס לעצטע פּיינען,
וואָס אַלע גיהנום-פלאַמען זיינען קעגן זיי
צעגייענדיקער שניי,

הער איך, ווי די פּיינען גופא שרייען,
אַז דו ביזט דאָ.
ווען ס׳וואָלטן קיין יסורים נישט געווען אַזעלכע —
וואָלסטו געקאָנט נישט זיין. נאָר ווייל עס זיינען
פאַראַן אַזעלכע, אַ, אַזעלכע פּיינען —
ביזטו פאַראַן אַזוי געוויס ווי ס׳איז
געוויס מיין בראָך. אַזעלכע ליידן אָן אַ גאָט
וואָלטן געווען אַזאַ מין הפקר׳דיק געשפּעט,
אַזאַ מין תוהו׳דיקער אָפּפרעג פון דעם עיקר,
אַז ס׳וואָלט פון צופיל אומזין דער פּלאַנעט
זיך שוין לאַנג אַ וואַקל־געטאָן שיכור —
און צעפלויגן זיך אויף שטיקער.

1946

זינד און טויט פון דער־האָן, דעם קראַנקן ייד.

. . . ACHERONTA MOVEBO

א

איך בין פון יענעם שטאַם, מיין האָלענדיש קאַלט ווייב,
וואָס טראָגט פאַרקויפן פייערן געגנב׳עטע פון סיני.
דערפאַר האָב איך דיך פיינט מיט עפּעס גאָר אַן אַנדער שנאה,
ווי יענע לוסט־שנאה פון מאַן צום ווייבערישן לייב.
כ׳האָב פיינט די רואיקייט אין דיר און די פּאַטאַלקייט די אור־אַרישע
פון ערד, וואָס גייט צו ערד שיקזאַליק און האַרמאָניש־גריכיש,
אָן גוואַלד־געשריי צו גאָט, אָן לוחות און אָן שליחות.
ביזט קעזיק און שטומפּנעזיק — און פאַרשווינדיק.
ביזט A גלייך A. ביזט ברויט מיט ברויט. עמלק.
איך אָבער בין אַ ייד. בין באַרגיק, תהומותדיק און טאָליק.

און כ׳לויף פון דיר צו יינגלעך — און איך זינדיק.

ב

דו קושסט אומזיסט מיין ליפּ. דו רופסט אומזיסט מיך: טייערער.
כ׳האָב פיינט די רואיקייט אין אייך און די פּאַטאַלקייט די אור־אַרישע.
און אַנדערש איז מיין גאַנג צום טייוול איידער אייערער.

ס׳איז אייער טייוול קאַלט און שיין, מיט אויגן פון אַן אַלטן גריך.
איך — צו אַ הייסן טייוול קריך איך, הויב מיך אויף און פאַל און קריך.
ווייל ערגעץ וואַגלט אין מיין בלוט אַ הייליק־מאַנענדיקער זיידע
און זוכן מוז איך אַן עבירה גרויס און הייס ווי מיין אבדה.

אַ זינט איר האָט אונדז אויפגעפּראַלט די געטאָס און גענומען
צו זיך אין פּאָדערהויז און אָנגעשטעקט מיט לועס —
האָבן מיר אַ גאָט פאַרלוירן, הייס ווי מדברשע סאַמומען,
אַ גאָט פון איוב און פון סנה, פון קאַטאַסטראָפעס און נבואות.

ג

נישטאָ קיין זינד־עקסצעס, וואָס זאָל נישט קלעפּן זיך צו מיר, דעם קראַנקן ייִד.
כ׳בין קראַנק און קיין שום קראַנקס איז מיר נישט פרעמד, דו האַלענדערין לענדיקע.
און מיינע לידער זענען נאָר אַן אויסצוג פון די קרענק מיינע די טויזנטבענדיקע.
אָ, ווי רעצעפּטלעך קורצע שרייב איך זיי — צוויי צײַלן אין אַ ליד.

דו האָסט נישט איינמאָל מיך געפרעגט, נאָך וואָס איך בין געפאָרן
קיין רוסלאַנד זען די תפיסה־שטייגן, וואו געהאַלטן האָט דער צאַר
פאַרשפּאַרט די רויטע פייגל פון דער רעוואָלוציע. יענע יאָרן
האָב איך געלעבט אין תהומות פון סאַדיזם — און דערפאַר

געוואָלט די אויגן די פאַרזינדיקטע מנוולדיק דערקוויקן
מיט תפיסה־פּיין פון קעמפער, וואָס ס׳שטאַרבט די זון זיי אין די בליקן,
באַשטעטיקן פאַר זיך אַליין, אַז אַלץ איז אומגליק און רציחה.

אַ פרעג נישט! איך בין גרייט צו ווערן נערא, צינדן רוים —
און קוקן אויף אַ וועלט־שׂרפה ווי אויף אַ בלענדנדיקן טרוים.
ברען, וועלט הינטישע! ביזט מיר אָן גאָט נישט ניחא.

ד

איך האָב מיך נישט געוואונדערט, ווען איר זענט
אַרוים אין פעלד און אָפּגעשפּילט אַ פֿלאַמענרויטע שפּיל.
איר האָט זיך אָפּגעצאַפּט דאָס בלוט מיט אַן אַזאַרטיש בלינד געפֿיל,
אַן איוב־שטורעם יידישן, אינגאַנצן מוז און עלעמענט.

ס'איז נישט געווען קיין בונט — בלויז פּאַטוס און נישט מער!
און אָפּגעשפּילט — גאַלאַנט זענט איר געזעסן אין ווערסאַל,
פּאַרפּירט אַ שפּיל אויף טרוקן נאָכ'ן נאַסן באַל
און אָנגעטון אַ שלום־פֿראַק דעם בער.

געשפּילט — און מיטאַמאָל געשטעלט אַ נסים־קאַרט אין קאָן.
מיין קראַנקער טייוול קוקט דערשטוינט אייך אָן.
עס טוט אַ בלאָז מיט גאָט, מיט וואונדער מיט אַלט־נייעם.
איר זאָגט: דו ייד, גיי נעם דיר ניי־ירושלים.
הא, וואָס? איר גיט אונדז גאָט צוריק? דאָס ווערט אינטערעסאַנט.
אַנו, מ'עט פּרוּוון.

ווייב, איך גיי אין יענעם לאַנד,
וואו ס'האָט אַמאָל געטון מיין שבט הויזן —
און איז פון דאָרט אַוועק צו האַנדלען מיט טאַלאַנט,
מיט סיני־בראָכוואַרג און מיט אַלטע הויזן.

ח

אַ גאַנצע נאַכט געקראָכן אויפ'ן דעק אַנטקעגן שטערן.
אַ כוואַליע, ווי דער נחש מיט'ן קרוינדל אויפן קאָפּ,
האָט מיך אָנגעקוקט פֿאַרליבט אַ מינוט פֿאַרן נישט־ווערן
און אויסגעזמר'ט זינד — דע־האַן, די אויערן פֿאַרשטאָפּ!

פאַרמאַך די אויגן! אויך אויף ימען קומט פ ע ר ו ו ע ר ס י ע ווי אַ פרוי
מיט לייב היים-שלאַנגיקן, פאַרלאַנגיקן, — גיי קיל אים!
ניין. שווינד, דו זינד. אָט זע — איך נעם אַרוים אַ תהלים.
ברכי! ברכי, נפשי, את אדני!

ו

און אָט איז ס׳לאַנד. אהאַ! דו קוק עס אָן. פון דאַנען
איז עס אַוועק און זיך אַוועקגעצויגן שווער
דורך דורות, וועלטן, לענדער — ביז דע-האַנ׳ען.

אָט איז דאָס לאַנד. איך זע. ס׳איז דאָ פאַראַנען
אַזוינס, וואָס מוז מיר ענטפערן אויף עפּעס,
וואָס איז צו מיר דורכ׳ן קאַנאַל דעם טונקעלן פון בלוטן
פאַרקראָכן איבער דורות — און איך שלעפּ עס.

ז

ס׳איז האָלענדיש קיין וועלט-שפּראַך נישט, געווים,
איירָאָפּע איז נישט אַמסטערדאַם, איירָאָפּע איז פּאַריז,
נאָר ווען עס שרייבט אויף האָלאַנד-שפּראַך אַ ייד —
דער וועלט׳ס פרימאָרגן-חלום, וואָס איז געוואָרן אַ קאַשמאַר —
ווערט אויך די שפּראַך די דאָרפּישסטע אַ וועלט-שפּראַך,
ווייל ייד איז צער און וועלט איז צער.
גוט-מאָרגן, לאַנד. אָט בין איך. כ׳שטעל מיך פאָר.
איך קום פון איירָאָפּעאישן שוואַרציאָר
און בין פערוועדם
ווי אַ ראַפינירטער פערז:
עס דאַוונט אין מיר מוטער רחל — און ס׳קלאָגט אין מיר אַ צויג.
איך בין די סתירה, וואָס עפנט-אויף אַן אויג
צווישן יאָ און ניין —
און קוקט-אָן, — אַ בראָך איר, — זיך אַליין.

ח

היינט פאָרן לעצטן כותל געוויינט אַ גרוים געוויין.
(נאָטאַ-בענע: מוהאַמעד איז שמוציק, אָבער שיין).

גאָט, דאָ פּילט מען דיך. דאָ איז דיין וואוין. ס׳איז וואָר.
(מוהאַמעד איז אומפּלייטיק ביז גאָר).
און אפשר ביזטו נישט פאַראַן? מ׳דאַרף נאָך טון אַ קלער.
(מיר שרייבט דאָס ווייב: איך בענק... ווער דאַרף זי, ווער?)

דאָ זענען נעכט ווי מרימס,
וואָס פּויקן אין די פּויקן פון דער שטילקייט.
שאַקאַלן וויינען דאָ אָן אַלט געוויין.
משיח זיצט דאָ אין לבנה-ליכט אויף שוואַרצן שטיין.
(מוהאַמעד, דער איזל־יונג, איז שיין).

ט

איך האָב געטראָפן אַ מקובל. זיין באָרד — אַ קרומער ווייסער שטראַל.
ס׳ברענט אַ מזבח אין זיין אויג. דאָרט ווערט די וועלט געבראַכט אַ קרבן.
געהיימסטע חכמה טרינקט ער פון זיין אַלטן קוואַל,
ווי קעמלען שעפּן נאַרונג פון די האָרבן.

אַלט איז ער און ווי אַ חלום — אַזוי דין.
ער האָט געזאָגט: די וואַסערן פון חסד שווענקען
די פעלזן די שוואַרצפינסטערע פון ד י ן.
און כתר וויל אַראָפּ, און בינה וויל זיך שענקען.
דערפרייט באַהעפט זיך מלכות מיט י ס ו ד.
נישט ווייט איז שוין, נישט ווייט דער טאָג פון גאָט.
אָדם ווערט פאַרגעטלעכט, און מט״ט — פאַרמענטשלעכט.
באַלד וועט ווערן שבת און ס׳וועט צינדן בענטשליכט,
ס׳וועט אין אַלע וועלטן בענטשליכט צינדן ר ו ת.
— — — — — — — — — — — — — — —
כ׳וועל ריין ווערן. כ׳דאַרף ריין ווערן. איך מ ו ז!

י

נאָר כ׳קאָן נישט. ס׳קומען נעכט אין זילבערנע וואָאַלן
ווי זינדיקע אַלמנות.
און שאַקאַלן
יאָמערן ביז פאַרטאָג דעם יאָמער פון פ א ר פ א ל ן.

איך קאָן נישט. כ׳ווער דערדריקט. גאָט לייגט זיך ווי אַ משא
אויף מיינע פּלייצעס דאָ. און ברעמען האָב איך נאַסע
פון טרערן. נאַכט און גאָט... געהיימניש... ראַסע...

יא

איך האָב אַ בריוו געשריבן צו מיין גוט און קעזיק ווייב:
דאָ בלייב איך שוין. פאַרשטייסט? איך וויים נישט ווי, נאָר כ׳בלייב.
קאָן איך נישט הייליק זיין אַפילו דאָ, אַפילו איצט —
מוז איך דאָ און איצט מיין זינד אַזוי פאַרטיפן,
אַז ווי אַ מעסער, אין אַ מערדערהאַנט צעבליצט,
זאָל זיך מיין שולד צעבליצן — און מיין בלוט זאָל טריפן.

יב

ביזטו אין דער אמתן פאַראַן?
איז דאָס דיין פּלאַן,
ווידער צו ווערן אַ גאָט
צו אַ פאָלק, וואָס האָט
דיך אויסגעביטן אויף אינטערנאַציאָנאַלע אַקציעס
און דיך פאַרשלעפּט
איבער האָטעלן, באָרדעלן, רעדאַקציעס — ?
אָדער — —
אָדער דאָס האָט ווייצמאַן בלויז גענומען אַ פּאַפּיר
ביי אַן אַלטן לאָרד
און עס געגעבן אַ רעקלאַמיר
לויט אַלע געזעצן פון פּאָליטישן ספּאָרט
און — דאָס אַלץ?!

(האַ, אויב אַזוי — וועל איך אויך גיין צו אַ לאָרד —
אויף מיין ערנוואָרט —
צו נאָרטקליפ׳ן, אַ שטייגער) — — —

ווי דערגייט מען אויף זיכער, אַז דו ביזט פאַראַן?
איך, אַ מויז אויף דער שיף פונעם אומזין, דע־האַן,

מוז דיך פראוואצירן,
דיך — זשורנאליסטיש געריעדט —
צווינגען צו רעאגירן.
פארשטייסט? איך בין גרייט צו באצאלן
מיט אייגן בלוט
פאר א י י ן מינוט —
זי מעג זיין א לעצטע —
וואס זאל מיך איבערצייגן,
אז דו ביזט דא
און אז דו קאנסט צו לאנג נישט שווייגן.

כ׳בין היינט לאנג געזעסן ביים רב פון אלט־ירושלים,
ביי ר׳ חיים.
פארפירט מיט אים א שמועס וועגן
מיתה בידי שמים.
אזא מיתה קומט מיר.
איך מיין, איך בין זי ווערט.
אויב דו ביזט דא און דיר איז היילק אט די ערד —
טויט מיט דער אייגענער האנט!
אין בראנד
שטיי אויף,
גיב א רים,
פארוואונד —
און לייג ווי א הונט
צו דיינע גוואלדיקע ביבלישע פים.

יג

אוודאי בין איך מסור און פאררעטער.
נאר כ׳מסר נישט בלויז אייך — איך מסר גאט אליין.
און אמת א לעצטן — אים מוז איך דערגיין.
דער חשבון — אויב ער קומט — וועט קומען שפעטער.

אַ מסור בין איך — און כ׳וועל אייך מסר׳ן כסדר
פאַר אַלע די, וואָס איר זענט פון זיי געלאָפן,
נאָר נישט געענוג אַנטלאָפן! אָ, איר האָט געלאָזט
צו זיי אַזויפיל טירן אָפן!

יד

ניין, איר געפעלט מיר נישט. עס זעט נישט אויס,
אַז איר זאָלט בויען גאָט אַ הויז.

איר הערט שוין טריט? ניין, כ׳הער נאָך נישט קיין טריט
איך הער נאָר זעלנער-טריט פון פאַלשן בריט.

דערעיקרשט אָבער וויל איך וויסן: דער,
וואָס האָט דעם בונד דעם בלוטיקן פאַרשניטן
מיט ווייטע אבות — קומט ער נאָך אַהער,
אויף אָט די חורבות? טוט ער זיי נאָך היטן?
זעט ער נישט, ווי איך פאַרזינדיק זיך פאַר אים?
וועט ער שווייגן, אָדער, ווי עס פּאַסט
פאַר דעם אַלטן אלהים,
מיך, זיין ערדס מזוהמדיקן גאַסט,
טויטן אין זיין גרים? —

טו

כ׳האָב געזען אייער שיינדל, כ׳האָב געזען אייער ב י א ל י ק
איר ווייסט? ער איז פאַרדעכטיק.
ווער קאָן וויסן, ווי גאַליק,
ווי גאַליק ער לאַכט
אין איינער אַ נאַכט,
ווען אַלץ אין אַ מענטש ווערט הארב,
נכפּהדיק-פאַליק,
און טרויעריק און גערעכטיק,
און עמיץ זאָגט אים: שטאַרב!?

יאָ, אייער ביאַליק —
ער איז מיר פאַרדעכטיק.

טז

פיינט האָב איך אייער טעל־אוויוול
מיט דעם איווריטישן געשטאַמל.
עס ווערט דאָ דער ים אַליין אַ ימל —
פיינט האָב איך אייער טעל־אוויוול.

ערשט נעכטן ביינאַכט האָב איך אייך פאַרמסרט,
אַ גאַנצע נאַכט געטינטלט אַ בריוול,
אַ קאָרעספּאָנדענץ אַזאַ געוואַסערט —
פאַרמסרט אייער טעל־אוויוול.

אַזוינער בין איך. און איר מעגט —
איר דאַרפט מיך טרעטן מיט די שטיוול.
נאָר פיינט האָב איך אייער טעל־אוויוול,
פיינט האָב איך אייער טעל־אוויוול.

יז

נו, יאָ. איר ווייסט דאָך. כ׳בין געקראָכן
צו נאָרטקליפן, דעם קאַלטן לאָרד.
אַ שאָד צו פאַרלירן דאָ אַ וואָרט.
אוודאי אַ מסור — און נאָך וואָסער!

דער שטן אַליין — ווען ער זאָל קומען
אַהער צופאָרן, — איך, קראַנקער ייד,
וואָלט גערן אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט
און אים געבעטן, ער זאָל פאַרטומאה׳ן

אייך אַלע, אַלע — וויבאַלד איר קענט
נישט ווערן הייליק אַזוי, אַז ס׳זאָלן
אויפגיין איבער אייך אָרעאָלן
און גאָט זאָל אייך ליגן אויף ביידע הענט.

יח

מיך דערמאָנט תל־אביב אָן אַלץ, וואָס דערפאַר
בין איך אַנטלאָפן ווי פאַר אַ געפאַר
און וואָס לאָזט מיך נישט אָפּ אויך אין לאַנד פון מיין אַנטלויפן.
איבער מאה־שערים*) וועל איך גיין און מיר קויפן
פאַרשימלטן טרויער פון טונקעלע שטיינער,
ערלעך געוויין פון טויזנטיעריקע וויינער,
קנייטשן פון דורות, בלאַטעס פאַר דער טיר
און אַ געכתיבה׳טן „אָסור להשתין על הקיר״.

עס בלאַנדזשען אַזויפיל שאָטנס איבער מאה־שערים,
דאָרט רעגנט דלות, דאָרט אָטעמט אַ גאָט, וואָס איז אָרעם.

מיין געשריי נאָך פאָרם פון אַן איראָפּייער און דיכטער
ווערט דאָרט שטום ביים אַנבליק פון איוב׳שע געזיכטער.

דער פאַרמלאָזער טרויער פון מאה־שערים
מאַכט מיך פאַר גאָטס אַ קנעכט. מער: פאַר גאָטס אַ וואָרעם.

איך ווער אַ נכנע, אַן אָרעמאַן, איך ווער אוים שטנדיק,
אורעלט ווער איך דאָרט — און טלית־קטנדיק.

יט

זיי ווייסן נישט, די פרומע, וואָס איך בין און ווער.
כ׳בין פאַר זיי אַ בעל־תשובה אַזאַ — און גאָרנישט מער.

אַ בעל־תשובה, אַ בעל־תשובה — און וואָס דאַרף מען מער ?
איך בין דאָך אַזוי פרום — נאָך פרימער ווי אַ גר.

צו זאָגענפעלדן גיי איך, צו דעם אַלטן רב.
מיך קוויקט זיין בלויזער אַנבליק ווי תשובה און ווי שטראָף.

---

*) אַ קוואַרטאַל אין ירושלים.

דערנאָך, ווען כ'גיי אַהיים דורך געסלעך טונקל־קרומע,
טונקלט אין מיר ווידער — און ס'שטעלט מיך אָפּ די טומאה

מיט ליפּן פון אַ זונה און פליסטער פון אַ שד — —
(נאָך היינט וועל איך מיך זען מיט דעם אַראַבער־יונג מאַכמעד).

כ

ווייב, דאָ בלייב איך. און דו — בלייב אין דיין האָלאַנד, גויע.
קאָרעספּאָנדענצן? גוט. איך שיק זיי אייך. איך ליפער.

מיט אַ פאַרשטיינערט פּנים פון אַן אידיאָט
גיי איך דאָ אַרום — און פּלאָנטער מיך אַלץ טיפער.

כא

כ'וועל ווידער גיין צום כותל. אָ, איך בין אַ בעלן
צו וויינען דאָרט אין איינזאַמקייט אַ וויינען פון שאַקאַלן.

דערנאָך וועל איך אַהיימגיין און וועל שרייבן אַ געשריפטס
מכח אייער קוואַטש דעם נאַציאָנאַלן.

כב

איך בין אַ פּאַסקודניאַק. דאָך איר גייט אומשולדיק אַרום
אויף דער ערד, וואו ס'איז געגאַנגען אליהו.
איר טרינקט גאַזאָז און באָדט זיך אינעם ים
און שרייבט קאָרעספּאָנדענצן
מיט ווערטער פּאַלשלעך־פלאַכע און ווייס־בלאָע.

איר שרייבט: דאָס פאָלק לעבט אויף, ברוך־השם,
און שיקן זאָלט איר געלט, למען־השם;
מיר שווערן אייך ביי די ראַזירטע בערד,
אַז מיר האָבן שוין מוסקולן (וואָס איר הערט!);
אָט גיט מען נאָר דעם ירדן אַן עלעקטריפיציר —
שטייט די גאולה שוין אין טיר.

פאַרוואָס, אַ שטייגער, זאָל גאָט אייך שטראָפן?
איר עסט און טרינקט און באָדט זיך און גייט שלאָפן.
פאַרוואָס, אַ שטייגער, זאָל גאָט אייך שטראָפן,
אליהו׳ס גאָט? איר זענט דאָך לעמלדיק אַזוי,
זענט ווערט אַ קניפּ אין באַק.

איך בין נישט אומשולדיק. איך בין אַ פּאַסקודניאַק.

כג

איך זיץ און חלום אויף דער וואָך:
דאָס וואָלט געווען אַ וואוילע זאַך.

עס איז נאָך אַלץ אליהו׳ס ערד.
פּאַר זינד איז דונער־שטראָף באַשערט.

אַחוץ אוסישקינ׳ען, דע־האַן,
איז דאָ נאָך אויך אַ גאָט פאַראַן,

אַ גאָט פון קראַכיקן תנ״ך —
(דאָס וואָלט געווען אַ שטאַרקע זאַך).

נאָר ווי, אַ שטייגער, אַז עס נעמט
אַן מיר נקמה אַ מ ע נ ט ש ׳ ס פאַר הענט?

ווי שונדיש אַזאַ סוף און שוואַך!
(אַן אַלטע זאַך, אַ בלינדע זאַך).

כד

עס לויערן, לויערן עמיצנ׳ס אויגן.
עס לויערן, לויערן עמיצנ׳ס טריט.
איך גיי — און מען היט מיך. איך שטיי — און מען היט.

ווער איז עס? נישט גאָט... ס׳מוז אַ מענטש זיין... אַ ייד...
אַ ייד, וואָס גייט טויטן? כאַ־כאַ... אָט דאָס איז עס...
עס איז כל־הגויימדיק... אָט — און ס׳געשיט...

און איז עס אַ חלוץ מיט אויגן פון שטאָל?
אַ שאָד, וואָס איך הער נאָר... אַ שאָד, וואָס איך זע נישט...
ווי שמאָל מוז זיין ליפּ זיין, נקמה'דיק שמאָל!

כ'זע גאָרנישט... כ'הער טריט בלויז... ס'געשיט באַלד — און דאַן — — —
פון מענטשן־האַנט שטאַרבן — הייסט שטאַרבן אָן וואונדער.
פון מענטשן־האַנט שטאַרבן איז טרויריק, דע־האַן!

כה

מיך האָט דער לויערער געטראָפן.
מיך האָט דער לויערער געטויט.
אַ מענטש... נישט גאָט... אויך נאָכ'ן טויט
איז ס'אויג מיינס אָפן — פרעגיק אָפן.

איך קום נאָך אויפ'ן אָרט פון מאָרד
און שטיי און וואַרט — אויף וועמענ'ס וואָרט?

מיין האַנט העננגט שטאַר, מיין פּנים בלויט,
כ'גיי־אויף — אַ ליד אָן קלאַנג, אָן סטראָפן.
עס האָט מיך מענטשן־האַנט געטראָפן.
עס האָט מיך יידן־האַנט געטויט.

כח

כ'בין נישט סתם אַ דע־האַן. איך בין אייער פאַמיליענסקאַנדאַל.
כ'בין — דער סקאַנדאַל.
פיגורן זוכט איר נאַציאָנאַלע? שוטים!
מיט וואָס בין איך, דע־האָן, נישט נאַציאָנאַל?

ווער ס'וואַרפט פון אייך אַ שטיין פון עקל אין דע־האַנ'ען,
דער האָט נאָך נישט זיין אייגענעם ווייטיק פאַרשטאַנען.

ס'איז אפשר נישט נאָר מיינע, נאָר אויך אייער סתירה:
ציימונג מיט תנ"ך און גאָט מיט מסירה.

א פּאָעט וועט אפשר קומען זיין בליק צו פאַרטיפן
אין שפּאַלט פון מיין צעריסנקייט, וואָס איר האָט נישט באַגריפן.

און פון פינסטערן שפּאַלט וועט ער אַפּערציען מיין שאָטן,
דעם אומהיימלעכן אַפּאָקריפיש-נאַציאָנאַלן שאָטן
פון א פּעדעראַסט אין טלית-קטן.

און מיט׳ן שאָטן דעמאָנסטראַטיוו
אייך איבער די קעפּ טון א פּאָך,
פונסניי דאָס בלוט מיינס לאָזן טריפן,
און זיין קלער וועגן מיר, א קלער אזוי טיף
ווי די בראַנדיקע יידישע בראָך,
וועט אַריין אין אייערע אַפּאָקריפן.

ווינטער, 1932

וואַרשע אין 1912

דרויסן שיינט און זומערט — פינצטער איז אין הויף.
א ייד מיט א זעקל
שרייט יאושדיק אַרויף:
האַנדל, האַנדל!
יאָך קויף
אַלטע שמאַטעס, אַלטע שיך —
אַלטוואַרג קויף יאָך, אַלטוואַרג!

אַז ער גייט אַוועק, קומט אָן פון גאַס
א הויכער קאַצאַפּ מיט א פּאַס
אויף דעם קוואַדראַטיקן קאָפּ.
פייערלעך ווי א האָן, וואָס זאָגט אויפגאַנג אָן,
רופט ער אין הויף אַריין:
סאַבאַרנאַיע מאַראָזש — —

אויפ׳ן דנאָ פון שמאָלן קאַסטן —
דעם וואַרשעווער הויף —
איז שטיל א פּאָר מינוט.
און פּלוצלונג — א געלויף.
קונצנמאַכער, קונצנמאַכער גייען!

בלענדיק גיט זיך אַ צעשפּרייט
אַ שלל קאָלירטע פּלאַכטעס —
ליכטיק לאַכט עס
קעגן געלע מויערן, וואָס טרויערן.
קונצנמאַכער שטייען
מיט די פּיס די דראָטענע אַרויף.
טרייסלט זיך דער הויף.
שרייען קינדער. פּיס משוגע פלינקע
צאַפּלען, צאַפּלען אין דער הויך — און שיכור שפּילט
די קאַטאַרינקע.
פון די פענצטער פליען גראָשנס אין פּאַפּירלעך.
דער הויפּט-קונצנמאַכער דאַנקט
און נויגט זיך מאַנירלעך.

די קונצנמאַכער קלייבן זיך אין וועג.
ווידער וועט דער שמאָלער קאַסטן
פון זיין שאול תחתית
אַרויפקוקן פאַרלאָשן צו אַ שטיקל הימל,
בענקען נאָך די בלענדנדיקע פּלאַכטעס.
קונצמאַכער, גייט נאָך נישט! נישט גייט!
אָבער ניין, זיי גייען. און מיט זיי די פרייד,
נאָך זיי — די שרייענדיקע קינדער.

דרויסן קאָכט די גאַס. איבער דעם שטיינערדיקן ברוק
לויפט דונערדיק אַ דראָזשקע:
אַ דאַזאַר אין אַ גלאַנציקן צילינדער
פאָרט צום קהילה-שטיבל אויף גזשיבאָווסקע.

הארט ביי דער וואַנט
פון אַ טויבער מויער
שפּילט אַ בלינדער מוזיקאַנט,
אַ ייד אַ לאַנגער, אַ פאַרלאָשן גרויער.
ער רייסט די גראָבע סטרונע, דעם באַס,
ברומט זי ווי פון אַ פּוסטן פאַס

און וויל אַריבערברומען מיט איר טרויער
די גאַנצע גאַס.

פּלוצלינג לאָזט ער אַפּ דעם סמיק זיינעם דעם דאָרן.
אויף זיין פּנים בלייבט שטאָרן
אַ שרעקיקע האַוואַיע.
מע הייסט אים אויפהערן, דעם ייד. עס גייט
אַ לוויה — —אַ לוויה — —

שפּאַנען אין שוואַרצן צוויי פערד,
שאָטנדיק פּלאָטערן בערד,
שפּיציק גייט אויף אַ געוויין.
אַ צעהיצטער טראַמוואַי גיט אַ קלונג —
און בלייבט שטיין.
עס שטאַרבט אים אונטער די רעדער
אַ בלויער עלעקטרישער פונק.
אַזוי לעשט זיך דער בן־אָדם, אַזוי מוז יעדער
גיין נאָכ׳ן מלאך־המות
אַהיים צו די אָבות.
לאַנגזאַם שפּאַנען די פערד,
פאַרקלערט אין עפּעס, אין עפּעס פאַרהערט,
און דורך די לעכער אין דעם טוך דעם שוואַרצן
קוקן די לענגלעכע אויגן די פערדישע
איבער־ערדישע.

פאַרביי די לוויה. דער טראַמוואַי דער רויטער
אַנטלויפט מיט אַ גוואַלד.
און באַלד
דערטראָגט זיך פון נאָענטן חדר
אַ צעצויגן געזאַנגיק רוישן,
ווי ס׳מעלאָדישע פלוישן
פון אַ רעגן אין רינע :
ויאמר — האָט געזאָגט,

אדני — גאָט,
אל משה — צו משהן.

אַ יידענע צעשרייט זיך איבער פולע קוישן.
עפּעס אַ ליטוואַק דרייט זיך אויפן גאַס מיט אַ וואַליזע
און אַ בלעכערנעם טשייניק—זוכט אוודאי אַ קוואַרטיר.
זע, אַט גייט ליזע,
די פּרעבליסטקע פון האַלפּערנ׳ס קורסן. מיט איר —
אַ בחור אַ פאַרקלערטער:
לאַנגע האָר, אַ קינסטלערישע בלוזע.
געהויבן פליען פון זיין מויל די ווערטער:
פּאָעזיע — שאַפונג — מוזע.
די ליפּן אין אַ טרייבל און דער בליק צוטראָגן,
לאַכט זי צו דעם בחור הויך, נערוויאיש.
דאָס איז די זעלבע ליזע, וואָס די לצים זאָגן,
אַז זי חלשט אויף העברעאיש.

שאַ! אַ ווארע מאַכט׳ס, אַ ווארע!
חסידים לויפן. פון אַ קאַטש
שטייגט אַרויס דער רבי.
ס׳אַ מראה!
ווי ער גייט!
בלוילעך שנייט
זיין באָרד איבער דער גאַס.
די ווייסע זאָקן בלאַנקען.
די גאַס פאַרזינקט אַ רגע אין געדאַנקען.
זעט נאָר, ווער עס גייט —
דער רבי גייט!

פאַרביי — און ווידער
גיסט איר זומערדיקן זודיקן האַרמידער
די גאַס.

אַ געזעצטער מאַן מיט דיקע וואָנצעס פּריצישע,
הייסע אויגן, פֿול מיט כּישוף און להטים,
אַ קורצן ברענענדיקן אָטעם,
קומט אָן מיט שנעלן פֿעסטן טראָט.
זיין שוואַרצע פּעלערינע פֿליגלט —
אַ פֿלאַטער און אַ פּאַך, אַ פֿלאַטער און אַ פּאַך.
פֿאַרגאַפֿט
לויפֿן פֿענצטער אים נאָך.
דורות, וועלטן, קלאַנגען
יאָגן זיך נאָך אים,
ווילן אים דערלאַנגען,
און ער — ער פֿליט, ער פֿליט,
אינגאַנצן כּישוף, גלאַנץ און קאָך.
אַ פֿאַרחלומט ייִנגל קוקט אים נאָך
מיט פֿרומען ציטערדיקן דרך־ארץ.
ער ווייס דאָך ווער דאָס איז —
ס'איז יצחק לייביש פּרץ.

ווען ער פֿאַרשווינדט
ווי אַ הייסער ווינט
הינטערן ראָג,
ווי ס'וואָלט אים צוגענומען מיט דער פּעלערינע
אַן אַנדער וועלט, אַן אַנדער טאָג, —
דערלאַנגט פֿון אַן אָפֿענעם פֿענצטער
אין גאַס אַריין אַ זעץ, אַ שלאָג
אַ גראַמאָפֿאָן.

אַ גראַמאָפֿאָן אין וואַרשע
ווײַנט אַריבער קיין אַמעריקע,
בעט זיך אין גראַמען:
אַ בריוועלע דער מאַמען
זאָלסטו ניט פֿאַרזאַמען;
שרייב, מיין קינד,
שרייב געשווינד
אַ בריוועלע דער מאַמען.

וואַרשעווער גראַמאַפאָן פון ניינצן הונדערט צוועלף,
וואָס דיין געוויין האָט זיך צו מיר דערטראָגן
אין ניינצן הונדערט פערציק פינף!
איך קען דיר זאָגן
פון דאַנען, פון ניו־יאָרק,
אַז ס׳איז גאָרנישט מער געבליבן.
אַלע וואָלטן מיר געשריבן
אַ בריוועלע איבער ים׳ען,
אַ בריוועלע דער מאַמען,
אָבער —
וואו איז די מאַמע?...

דעצעמבער, 1945

דער באָפעל

אַ גאַנצן טאָג אַן ענטפער געזוכט
ביי קרעציקער ערד, ביי אַשיקע הימלען.
געזוכט אַ צוזאַמענקלאַנג צווישן צוויי גימלען:
גאַזקאַמער — און גאָט.

און אַט —
פאַרלאָשן געבליבן זיצן
אין אָקטאָבער־אָוונט דעם מידן
אויף אַ שטילער באַנק אין אַ קליינעם פּאַרק.
און אין מיר — דאָס געפרעג פון אַ לעצטן יידן:
גאַזקאַמער — אָדער גאָט?

און דערנאָך — נישט געפרעגט מער. בלויז שטום געגאַפט
צו מויערן־שפּיצן, וואָס האָבן געשניטן
דעם רוים מיט אַ שוואַרצקייט אַ קלאָרער אַזאַ,
אַז איך האָב זיך פּלוצלונג דערזען אין מיטן
דעם וואַרשטאַט פון גאָט.

נישט געזען נאָך אַ שוואַרצקייט אַזאַ מין קלאָרע,
אַ וואָר אַזאַ וואָרע,
אַזאַ פאַרנאַכט.
כ׳בין געווען אין דער טראַכט,
וואָס האָט אַלץ געהאַט,
אין דעם רו־לאַנד פון גאָט.

און ס׳איז געווען אין מיר אַ קול
אַזוי צו זאָגן : אין אָט דער טראַכט
געפינט זיך דיין פאָלק, וואָס איז פאַרשוואונדן
פון אונטערשטן טאָג און פון ערדישער נאַכט —
דיין גאַנץ פאָלק איז אין גאָט.

ס׳ווערט דיין פאָלק נישט געקוילעט מער פאַר זיין טויר
זיין פאַרשלאָסענער טיר. ניין, עס איז אין אים,
ס׳איז צוריק אין אים שוין, אין אלהים,
און דערפאַר באַפעלט עס מיט גוואַלדיקער שטים
פון אים צו אים אַ גוואַלדיק באַפעל,
אַ באַפעל צו גאָט.

און אַזוי איז צו גאָט דער באַפעל פון דיין פאָלק :
מיט אונדז אַלע אין זיך, אַ גאַנץ פאָלק אין דיין שוים,
מיט ישראל אין זיך, אַלט און יונג, קליין און גרויס,
שפּאַר אַרויס, פלייץ אַרויס,
זאָג אַ נייעם יהי־אור —
ניי־ישראל אַנטפּלעק, נייעם בראשית געבויר !

1945

ווען איך שטיי ביים העלן האָדסאָן

ווען איך שטיי ביים העלן האָדסאָן
און ווי דופט פון פרישן היי
ווייט דער טייך־ווינט מיר אין פנים,
שטייט געשיכטע וואו איך שטיי.

פריש די כוואַליעם — אוראַלט שפּיגלט
זיך דאָס פּנים מיינס אין זיי.
ס׳קומען וועלטן און מרכבות,
ס׳קומען דורות, קומען אָבות —
אָן אַ סוף איז זייער ריי.

כ׳שטיי ביים טייך און מיינע אויגן
זענען טייכן ווייטע צוויי.
צו דעם ירדן פֿליט מיין חלום,
צו דער ווייסל — מיין געשריי.
און דער האַדסאָן־טייך דער פרייער
ווערט באַלאָדן מיט מיין וויי —
און זיין וואַסער טראָגט מיין פייער.

ס׳פּנים פון דערלייזער

פאַראַן ביי מיקעל אַנדזשעלאָ אַ ליד,
אַ ליד, וואָס שניידט מיין אומרו ווי אַ מעסער:
„אין דורות פון פאַרגיין
ווי גליקלעך איז דער שלאָפער, דער פאַרגעסער!
אַ שטיין צו זיין, אַ שלאָפנדיקער שטיין —
וואָס קאָן זיין בעסער?
דעם שלאָף, מיין איינציק גליק, נישט טרייב אַוועק —
רייד שטיל! נישט וועק!"

אָ, פּאַרלאַ באַסאַ... רייד שטיל און טרעט באַזאַכט!
עס בעט זיך מיקעל־אַנדזשעלאָ, עס בעט די נאַכט —
לאָ נאָטטע...

אין אָט דעם דור מיינעם, ווען אַלץ איז שלאַכט,
ווער קען דען איינשלאָפן, בואָנאַראָטי?

ווי זאָל איך שלאָפֿן, ווען נאַכט אויס, נאַכט איין
באַפֿאַלן מיך קאָשמאַרן ווי באַנדיטן,
שלעפּן מיך אין געטאָ־לאַנד און ברענען ביז פּאַרטאָג
מיט אייזן צעגליטן?
נאָר כ׳קען אויך וואַך נישט זיין... טאָג־אויס, טאָג־איין
באַפֿאַלן מיינע ציטערדיקע ברעמען
קאָשמאַרן פֿון אַ וואָר,
וואָס צו איר פּחד וויל קיין סוף נישט נעמען.

נישט שלאָפֿן קען אַ ייִד, נישט וואַכן קען ער —
אין אָט דעם דור, בואָנאַראָטי!
צווישן דער־וועלט ערגעץ־וואו און יענער,
וואָלט איך (ווען עשו וואָלט געלאָזט) מיר אויסגעזוכט אַ גראָטע
און דאָרט אַרויפֿבאַשוואַוירן ס׳פּנים פֿון דערלייזער,
מיין האַר און קייזער.
זאָל ער אַרויסשווימען צו מיר אין מאָרגנגלאַנץ דעם פֿרישן
פֿון צווישן
דער־וועלט און יענער — — —
זאָל ער אַרויסשיינען צו מיר — פֿון טויט און לעבן שענער.

1942

מיר, ייִדן הײַנטיקע

מיר זענען די סתירה פֿון גאָט׳ס יצירה,
מיר זענען די לוחות און דער פּלאַקאַט.
עס האָט אונדז איטליכע ערד באַגראָבן
און יעדער הימל האָט אונדז געהאַט.

עס וואַרט די שכינה ביים כותל־מערבי,
נאָר מיר זיצן ביים קריסט און עסן זיין מיסט.
און טאָמער ווערט אונדז געבוירן אַ נביא —
גייט ער און ווערט אַ זשורנאַליסט.

סולטאַן אַל־יאַהוד

ס׳וועט זיין אין דעם שוין מער ווי אַ יאָר צוואַנציק.
הויך ברענט די זון — אַ גאָלדענע מנורה.
ראַש פּליט אַן אויטאָ באַרג־אַרויף. ס׳גייט גלאַנציק
ירושלים אויף. פול גליק און מורא
צעגיסט זיך ס׳האַרץ — אַ מעין־המתגבר.
עס דרייט זיך אויס דער שאָפער, דער אַראַבער,
און זאָגט: דו זעסט דעם הר־הזיתים? זעסט
דעם שלאָס דאָרט אויפן באַרג? דאָרט וואוינט אין פרידן,
געגליכן צו אַן אָדלער אין זיין נעסט,
דער קיניג אַל־יאַהוד, סולטאַן פון אידן.

מיט קנאה האָט געצעדט דאָס אור־קינד הגר׳ס.
אין שאָטן האָט דאָס מעסער שוין געלויערט.
און אָט — פּאָגראָם. געהרגעט ברענער. ס׳טרויערט
ישראל׳ס ערד. אַ רעשטל נאָר אַ מאָגערס
געבליבן פון דעם „נחמו, נחמו, עמי”.
נאָר איצטער, איצט, אין טעג פון גוג און מגוג,
ווען ס׳טויט די זין די ערד, די בייזע מאַמע,
ווען אָפּגענאַרטע וועלטן הוילן קלאָגיק,
ווען הימלען שפּייען גרויל און תהומות שרייען,
ווען גאָט האָט אָנגעטאָן אַ קלייד פון בלוט, —
נאָך העכער צוואַנציק יאָר קומט, ברענט מיין רעיון
יענץ בילד — און כ׳טראַכט פון קיניג אַל־יאַהוד.
ניין, נישט פון י ע נ ע ם טראַכט איך איצט, ווען ס׳פייערט,
נישט פון סער הערבערט און זיינס גלייכן, — נייערט
פון גאָר אַן אַנדערן, וואָס זאָל באַגיניק
באַשטייגן הר־הזיתים, וועקן מתים,
און ווערן קיניג, וועלט׳ס און יידנ׳ס קיניג.
א י ם קוק איך אויס אין מיט׳ן דעם געבייזער
פון טויט, ווען אַלץ ווערט שווינדיק און אַנטריניק.
און שטאַרב איך — רוף איך אויס: מיין גרוס דיר, קייזער!

ניו־יאָרק, 1941

צו אַ יידישער טאָכטער אין אַמעריקע

די זון־געקרוינטע שולמית,
די שטאָלצע דאָננא גראַציאַ מענדעס,
דורות הייליקע מאַמעס
מער וואונדערלעך ווי וואונדער,
מער לעגענדאַריש ווי לעגענדעס, —
דאָס אַלץ איז דיין יחוס — און דו ווייסט נישט.

דאָס געזאַנג פון לויים,
דער דונער פון נביאים,
דער קאָסמישער חלום
פון מקובלים,
די תרועהס, הללויהס
פון אונדזער וויטן פרימאָרגן
און אונדזער וועלט־נאַכט׳ס געוויינען —
דאָס אַלץ איז פאַרבאָרגן
אין דיינע יידישע חנען.
און דו ווייסט נישט, דו ווייסט נישט.

דיין שיינקייט דערקען,
איר סוד און איר יחוס,
אַ יחוס פון קינות און זמירות,
פון שיר־השירים און סליחות.
זאָל דיין שיינקייט דיר ווערן
אַ שליחות.

די הענט דיינע — בלומען
פון אונדזער דורות׳דיקן גאָרטן —
געוויין אָפּ פון טרייפענע קאָרטן.
שבת־ליכט צינד מיט זיי, צינד מיט זיי בענטש־ליכט,
צו באַלייכטן מיט גאָלדענעם זומער
דיין היימלאָזע היים,
וואָס איז אַ בלויזע וואוינונג מיט אַ נומער.

און אפשר וועט געשען
(זיי מוחל דעם נאַר, דעם פּאָעט),
אַז דו וועסט נאָך אויפהויבן אַמאָל
די הענט אין אַ געבעט,
און צומאַכן די אויגן און אין חלום זען,
ווי פון דיינע לענדן
קומט אַרויס דאָס קינד,
וואָס וועט די שלאַנג פאַרלענדן,
דער גואל פון יעקב׳ס געצעלטן
און פון אַלע וועלטן.

1943

נאָכקלאַנג צו
„ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק"

דער דיכטער
(פּרצעס שאָטן):

נאַכט איבער פּוילן... ווידער בין איך דאַ,
ווידער בין איך אויפן מאַרק דעם אַלטן.
מתים מיינע, וואו האָט איר זיך באַהאַלטן?
איך, באַשווערער, קום אויפסניי באַשווערן.
לאָזט זיך זען! לאָזט זיך הערן!
אויפגעשפּילט זאָל ווערן
די אַלטע שפּיל — —
געדענקט איר? פון אַלע קברים
האָב איך אייך באַשוואוירן,
געוואָלט אייך געבן
וואָס איר האָט פאַרלוירן...
אַ נאַכט האָב איך געכישופט,
געזוכט די אבידה, געמיינט, אַז געפונען —
פאַרטאָג מיט׳ן האָן־קריי
זייט איר צערונען.

פאַרלאָזט דעם מתים-מאַרשאַל,
דעם אויסגעלאַכטן קאָמאַנדיר...
און דאָך — ערגעץ מוזט איר נאָך זיין.
ס׳מוז נאָך פירן אַ טיר
פון אייך צו מיר —
טאַ פראַלט זי אויף און קומט אַריין,
קומט אַריין, קומט אַריין,
מתים פון מיין דור,
שאָטנס פון מיין וועלט.
כ׳האָב אייך באַשוואוירן! כ׳האָב אייך באַשטעלט!
שוועבט אָן, שוועבט אָן, איר געשטאַלטן!
פאַרוואָס אָן ענטפער? פאַרוואָס אַזוי שטיל?
וואָס האָט פּאַסירט דאָ אויפן מאַרק דעם אַלטן?
די נאַכט דערקענט מיך נישט,
איך דערקען נישט די נאַכט —
וואָס האָט זיך דאָ אַזוינס געמאַכט,
אַז מיר דערקענען זיך נישט?

געזאַנג פון ערגעץ:

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
רויטע פּאָמעראַנצן.
אַז גאָט לאָזט פאַרברענען זיין פאָלק ישראל,
גייען די גוילמלעך טאַנצן.

דער דיכטער:

פון וואַנען, ליד, פון וואַנען?
וואָס ווילסטו?
כ׳האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען...
מלאך פון טויט, גיב אַ שווים ווי אַמאָל
אויף זיידענע פליגלען — און ברענג מיר אויף זיי
אַלטע ליבע, אַלטן וויי,
פון יידיש-פּוילישן טאָל

די געשפּענסטער, די קלאַנגען,
אַלץ, וואָס פאַרגאַנגען
און נישט צעגאַנגען.
געראַנגלען, פאַרלאַנגען...
הוריות... שאָטנס אויף שניי...
די מתים מיינע ברענג מיר —
וואָס בין איך אָן זיי?
מיין דור וויל איך צוריק.
זאָל זיין שאָטנדיק-זיסע מוזיק
מיך, דעם מכשף, פאַרכישופן...
זאָל זיין, אַז מיטן ערשטן קריי
וועלן זיי ווידער פאַרשווינדן,
אַבי פונסניי זאָל זיך צינדן
דער אַלטער מאַרק
אין פיבערדיקע פייערן...
אַבי צו פאַרנעמען דעם טייערן
געמורמל פון שאָטנס, וואָס זיינען געווען
מיין פוילן, מיין יידיש פוילן...
וואָס אונטער דיינע פליגלען איז פאַרהוילן,
מלאך פון טויט,
צי אַרוים,
באַווייז
איבעראַניים.
דעם איבער-ייד ווייז, רב שלמה׳ן,
דעם ליכטיקן שבת-ייד ווייז,
וואָס אַרום אים האָבן ווייס
געפלאַטערט מיינע טרוימען.
ווייז ס׳קלעזמערל מיט דער פידל אין הארץ,
ס׳כלה-מיידל, וואָס העפט ס׳פּרוכת,
די אַלטע בעלי-בתים מיט די אייזערנע מוחות
און גאָלדענע עטרות,
פאָלק, וואָס לאַכט
אין זיין טיפן קעלער מיט צרות,

דעם קלויזניק ביים שטענדער,
דעם בטלן, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין איך
און קען אים נישט כאַפּן,
און די, וואָס גייען לינקס צו רעוואָלוציע,
און די, וואָס באַגערן צו ציון דער היים,
און די, וואָס בלוטיקן געהיים
זייער יחיד־וואונד אוים,
און דעם זינדיקן אין פּאָליש אויף דער קייט,
און אַלץ, וואָס האָט מיך באַגלייט,
אַלץ, וואָס איז אין פּיין און געזאַנגען
מיט מיר געגאַנגען — — —
שוועב אָן, דו מלאך! רויש אויף!

מלאך־המות:
ווער רופט עס מיך פון גאַז־אויוון אַרוים?

דער דיכטער:
אָ, קום —
און ווייז מיר מיין וועלט! האָסט געדופטיקט אַמאָל
ווי אַ בלום
אין גאָטס האַנט —

מלאך־המות:
בראַנד — בראַנד — בראַנד —

דער דיכטער:
— — — און ליב איז מיר געווען דיין וואוילגערוך...
וואָס צעגערסטו? וואָס גאַפּסטו?
אויסטערליש קוקסטו מיך אָן.
וואָס האָט פּאַסירט?
וואו זיינען דיינע פליגלען?
וואו די שטערנדיקע תהומות פון די אויגן?
ווי נאַקעט דו ביסט, ווי הויל!
גרויל — אָפּגעפליקטער גרויל —
אַש און קויל —

מלאך-המות:

נישטאָ מער אַמאָל און אַמאָליק!
די פליגלען מיינע האָט עמלק
פאַרברענט מיט דיין פאָלק ביינאַנד.
פון גאַז-אויוון קום איך. מיין נאָמען איז בראַנד.
אוים בית-עולמס,
אוים תכריכים, אוים קדיש, אוים קבר-ישראל,
אוים שטילער שוידער,
אוים כישוף-פלעמל, מתים-געזעמל,
אוים יענע-וועלטיקער ניגון,
יענע-וועלטיקע רו.
אוים בר-מיננס, וואָס לעבן אין פיבער-נעבט אויף
אויף דער באַשווערונג פון אַזעלכע ווי דו.
קיינער פון די דייניקע נישטאָ —
נישט אַלט, נישט יונג,
נישט פרום, נישט אומפרום, נישט רעכטע, נישט לינקע.
נישט קיין מלאך בין איך, נאָר אַ לעצטער „אוי"
פון אַ ייד פאַרברענט אין טרעבלינקע.

פעברואַר, 1945

דניאל

א. די שריפט

זוכט דעם זין? פאַרנעם דעם זין:
אויף די הויכע בייזע ווענט
פון די בבל'ם
שרייבן פייערדיקע הענט —
שרייבן חשבון און גזר-דין.

שריפט געהיימע פון די הענט,
שריפט וואָס וואָרנט, שריפט וואָס ברענט,
זעט דער ערשטער און דערקענט

דער ייד,
פותר-חלום פון אָדמ׳ס זין.

משפט איז דאָ פון קדמת דנאָ!
פיסאָ דידאָ — אַ האַנט איז דאָ,
וואָג און צאָל און טיילונג איז דאָ —
און שריפט — און שריפט.

און נאָך איז דאָ: מיין אויג, פאַרטיפט
אין דער שריפט,
שריפט פון חשבון, שריפט פון דין.

זוכסט דעם זין? ס׳איז דאָס דער זין.

ב. דער מאַן אין די ליינען

מיט גאָלד פון אופז די לענדן געגורט,
געהילט אין בליציקע שיינען,
האָט איבער חידקל, דעם גרויסן טייך,
געגלאַנצט דער מאַן אין די לײַנען.

„ווען אונטן ווערן שלאַכטן געשלאָכט
און צאָרנדיק הייבט זיך דער אָרעם —
קריגן דאָס אויף ישראל׳ס שר
אויבן דער טומאה׳ס שרים״.

איך האָב געהאָרכט און ער האָט די רייד
געגאָסן אין מיר ווי וויינען.
איבער חידקל, דעם גרויסן טייך,
האָט געגלאַנצט דער מאַן אין די ליינען.

„צוליב ישראל איז יעדע שלאַכט,
צוליב דעם אויסלייז — די פיינען״.
און מיין הארץ האָט געוואַכט און האָט טיף באַטראַכט
די רייד פון מאַן אין די ליינען.

ג. די לעצטע חיה

בלינד און פֿאַררײסן
זאָל די חיה די לעצטע זיך גרויסן,
אַז זי וועט אַלע בלוטן פֿאַרגיסן,
אַלע הימלען צעשטויסן.

זאָל פֿאַלן איר פּחד אויף אַלץ, וואָס האָט אָטעם,
און ציטערן זאָלן די ערדישע שבטים.
זאָלן די אונטערשטע וויינען און מײנען,
אַז ס׳קען מײנע וועלטן צעשטערן אין צאָרן
איר גרויס־מויליקער האָרן.

דו גיי און די זעאונג פֿאַרזיגל!
טו ס׳וואָרט מײנס פֿאַרשליסן
אויף אײַזערנעם ריגל,
און זאָל מען נישט וויסן
דעם סוף פֿון די סופֿן:
זאָל זיך אויסלערנען גלייבן דער מענטש —
און צו מיר זאָל ער האָפֿן.

טעג וועל איך שיקן אַלץ האַרטער און האַרטער,
אַלץ ווײַטער און ווײַטער פֿון טאָג דעם געגאַרטן,
נאָר וואויל איז דעם וואַרטער:
ער וועט זיך דערוואַרטן.

גיי וואַרטן, דניאל, אין לאַנד פֿון נישט־פֿרעגן,
גיי וואַרטן, ביז טומאה וועט אויפֿהערן טומאה׳ן.
עס וועקט דיך מײַן אָרעם דײַן גורל אַנטקעגן,
ווען קץ־יאָרן קומען.

אין טעג פֿון דער ענד,
ווען די לעצטע פֿון חיות
וועט ליגן פֿאַרברענט,

װעל איך שאַפֿן אַ נײַעס:
אַ מאַן װעט אַרױס פֿון דער פֿינצטערקײט׳ס לענדן,
מיט הײליקע הענט
די מלוכות דער ערד׳ס צו פֿאַרלענדן —
און אַ מלוכה צו בױען, װאָס װערט נישט פֿאַרלענדט.

דניאל, גײ װאַרט אױף דער ענד!

ניו־יאָרק, 1942

ישׂראל׳ס אַשן

װען ירמיהו זאָל איצט זיצן אױף ישׂראל׳ס אַשן,
װאָלט ער נישט אױסגעקלאָגט קײן איכה
און װאָלט די חורבות מיט קײן טרערן נישט געװאַשן.

עפֿענען דעם קװאַל פֿון זײַנע טרערן װאָלט נישט קאָנען
גאָט אַלײן. צוגלײַך מיט די מיליאָנען
פֿון פֿאַרברענטן פֿאָלק װאָלט ער געשװיגן
דאָס געהײמסטע שװײַגן.
איצט איז דאָך געשרײ אַפֿילו ליגן,
אַפֿילו טרערן זײַנען נאָר ליטעראַטור,
אַפֿילו תּפֿילות לײגן.

1945

נײַער אַברהם

כ׳האָב געזען אַ פֿעלד און אַ קבֿר
און דאָס פֿעלד האָט געשטראָמט מיט בלוט.
איז געקומען צופֿליען אַ ספֿר
און האָט אױפֿ׳ן קבֿר גערוט,
האָט אױפֿ׳ן קבֿר גערוט.

און ס׳האָט זיך געעפֿנט דאָס ספֿר
װי אַן אױג נאָך אַ לאַנגן שלאָף,

און אין דעם אָפּענעם ספר
האָט זיך אַלף געקושט מיט תיו,
אַלף געקושט מיט תיו.

און הויך איז פון יענעם קבר
אַרויסגעוואַקסן אַ מאַן,
ווי אַ בוים באַשאָטנט דאָס ספר
און געזאָגט: כ׳בין ווידער פאַראַן.
אָמן! כ׳בין ווידער פאַראַן.

און דער מאַן האָט גענומען דאָס ספר
און זיין וואָרט איז געווען פלאַם:
איך בין דער נייער אברהם —
און פון מיר קומט ווידער גאָט׳ס שטאַם,
פון מיר קומט ווידער גאָט׳ס שטאַם.

שלאָף־ליד צו זיך אַליין

שלאָף איין, שלאָף איין,
אַהרן דו מיין!
דיין וועלט איז פאַרשוואונדן.
טליענדיקע רעשט,
דער ווינט פאַרלעשט
אויך דיך, אויך דיינע
טליענדיקע וואונדן.
דיין וועלט איז פאַרשוואונדן.

נישט ווייט איז זי פאַרשוואונדן.
אויף יענער זייט טיר
וואַרט זי אויף דיר,
וויל ווערן מיט דיר
פון דאָסניי פאַרבונדן.
נישט ווייט איז זי פאַרשוואונדן.

פאר גאָט נישט זאָרג:
אַלץ וואָס ער דאַרף
וועט ער טאָן סיי־ווי־סיי.
זיין זון וועט אַרויס,
ס'וועט גרינען זיין מאַי,
קינדער וועלן לאַכן.
דו אָבער שלאָף,
שלאָף איין, שלאָף איין!
אַ צייט וועט זיין —
און אין יידן, וואָס קומען,
אין צוקונפטיקע זאַכן,
וועסטו דערוואַכן.

שלאָף איין, שלאָף איין,
קענסט גאָרנישט דאָ מאַכן.
עס וויל די פיין
די אויגן פאַרמאַכן.
די וואָך, וואָס באַוואַכט
יעדערנ'ס נאַכט,
וועט אויך דיך באַוואַכן.

אויגוסט, 1945

אחרית הימים

פון דער צוקונפט אַרויס,
פון אחרית־הימים אַרויס,
קוקן מיך אָן:
אַ פריילעכער וואָלף,
אַ הייליק שעפּסעלע,
אַ לעמפּערט, וואָס זיין הויט
ברענט מיט קאָלירן פון גן־עדן,
אַ קעלבל, וואָס מיט אים באַנאַנד
שפּאַנט אַ יונגער לייב באַשיידן,

און אין אַ כתונת־פּסימ׳ל אַ יינגעלע אַ העלס,
וואָס פירט זיי צו די וואַסערן פון פרידן,
די פעלדער פון פריידן.

זיי קוקן מיך אָן.
אין בלוטיקע רוימען
שטאַר איך ווי נאָך אַ שׂרפה
אָן איינציקער שוואַרצער קוימען.
וואָס וויל ער, דער מענטש?
וואַסערן פון פרידן,
פעלדער פון פריידן?
פאַרוואונדערט
הערן זיי מיך ריידן:
„צוליב אייך האָט עס גאָט געדאַרפט
ישׂראל׳ס פּיין און פּאַניק,
די צוויי טויזנט־יעריקע פּאַניק?
צוליב אייך האָט מען עס געדאַרפט
בוכנוואַלד און מאַידאַנעק?
צוליב אייך האָט עס גאָט דעם טייוול
געגעבן רשות
און געזאָגט צו זיין פאָלק: פאַרברענט ווער! ?
לעג־לרש איז דער סוד!
אומזין דער ענטפער!
פאַרלענדט ווער, אחרית־הימים!
ווי מיינע מיליאָנען פאַרלענדט ווער!״

אַזוי הערן זיי מיך ריידן,
בעת אין בלוטיקע רוימען
שטאַר איך ווי נאָך אַ שׂרפה
אָן איינציקער שוואַרצער קוימען.
זיי וואונדערן זיך זייער.

זיי פאַרשטייען נישט. זיי ווייסן נישט.
זיי ווענדן דעם קאָפּ אָפּ פון מיר, דעם פאַרגייער,
און שפּאַנען ווייטער
און טרעטן באַרוט.
זיי איז גוט —
נישטאָ וואָס צו ריידן:
פריילעך דער וואָלף,
דאָס שעפּסעלע היילוק,
דעם לעמפּערט׳ס הויט —
פול קאַלירן פון גן־עדן,
דאָס קעלבל צופרידן,
דאָס לייבל באַשיידן,
ס׳יינגעלע אין כתונת־פּסים׳ל
פירט צו פרידלעכע וואַסערן,
און איבער זיי — אַ הימל לויטער ווי אַ צדיק תמים.
און גאָרנישט. רייד ביז מאָרגן.
ס׳איז אַלץ געענדיקט. ס׳איז אחרית הימים.

דעם יידנ׳ס זייגער

א

אַ געשיכטע פון אַלטע געשיכטן —
זי קומט צו מיר צוגיין
און קוקט מיך אָן מיט געוויין
און בעט מיך, איך זאָל זי דיכטן.

אַ מעשה פול טיפן באַשייד,
אַ מעשה מיט אַ ייד און אַ זייגער.
דער ייד איז אַוועק בלינדערהייט,
דער זייגער — געבליבן אַ פּגר.

און אָט אַזוי הער איך זאָגן
די מעשה מיט זייגער און ייד:

— פאַרוואַנדל מיך אין אַ ליד,
כ׳קאָן מער דעם צער נישט פאַרטראָגן.

ב

מיטלאַלטער. דייטשלאַנד.
עס הויבט זיך ביים רהיין אַ שטאָט.
דאָרט בויט מען אַ נייעם ראָטהויז
פאַר די הערן פון הויכן ראָט.

דאַרף מען צום טורעם אַ זייגער,
שטאָט זאָל וויסן די צייט.
נו, הויבט מען אָן, ווי דער שטייגער,
זוכן געניטע לייט.

קומט אָן פון ווייטע לענדער
אַ ייד, אַ פרעמדער ייד —
געזאַנג אין זיינע טריט,
שטויב אויף זיינע געווענדער.

און ער זאָגט: מיינע ליבע ריטער,
מיינע הויכוואוילגעבוירענע לייט!
אויב וויסן ווילט איר די צייט —
בין איך דער איינציק-געניטער.

אַ זייגער וועל איך אייך מאַכן —
אַ נס, פון נסים אַ נס!
ער וועט ווי אַ מלאך וואַכן
איבער אייער מעת-לעת.

ער וועט די צייט פאַרהאַלטן
אין מיטן איר לויף צום טויט;
די טעג וועלן ווערן צעבלויט,
יונג וועט ער מאַכן דעם אַלטן.

— דו ייד, דו מאַך דעם זייגער,
ביזט, זעען מיר, קלוג און אַלט;
אָט דאָס איז דער אמת'ער זייגער,
וואָס כאַפּט די צייט — און פאַרהאַלט.

— איז וואויל, כ'וועל מאַכן דעם זייגער,
איר הויכוואוילגעבוירענע לייט!
נאָר ד אָ ס איז דער אמת'ער זייגער,
וואָס קאָן פאַרהאַלטן די צייט.

ג

איך, יעקב בר' יהודה —
איך בוי, איך בוי, איך בוי.
בליק אַראָפּ, אדני,
און גיב אַ קוק, וואָס איך טו דאָ.

איך בוי דעם זייגער דעם רעכטן,
וואָס די וועלט באַדאַרף שוין פון לאַנג,
וואָס נעמט דעם היינט מיט'ן נעכטן
און מאַכט פון ביידן געזאַנג.

שרייפל און ווידער שרייפל —
און באַלד איז פאַרטיק ס'געווערק.
ס'וועט בלאָזן ווי אַ פּאַסטוכ'ס פייפל
באַגינען צווישן די בערג.

ס'וועט זינגען ווי יונגע זונען,
אין דיין רייטוואָגן געשפּאַנט,
און רוישן פאַרנאַכט ווי אַ ברונען,
ווי אַ קוואַל אין טיפן זאַמד.

עס וועט מיין זייגער שפּילן,
אויסשפּילן יעדע מינוט,

און ס׳וועט דער מענטש ניט פילן
די פיין פון דעם, וואָס ער טוט.

ווייל וואו ער טוט זיך אַ קער נאָר
און וואו ער טוט זיך אַ ווענד —
ערשט הער נאָר, הער נאָר, הער נאָר:
דער זייגער בענטשט זיינע הענט.

הייליק און פרום וועלן שפילן
מינוטן און שעה׳ן און יאָרן,
זיין ווי קאַפּיטלעך תהלים
אין זכות פון זייגער דעם וואָרן.

ווי אין בית־מקדש אַ לוי
וועט זינגען מיין זייגער, אַ גאָט,
זיין קאַסטן — ווי נח׳ס תיבה,
און זיין בלאַט, און זיין בלאַט, אַ גאָט —
ווי די לוחות פון דיינע געבאָט.

ד

דו ייד, דיין זייגער איז וואונדער.
דו ייד, דיין זייגער איז וואויל.
ער איז דער מלאך דער היטער,
די פרייד, וואָס טוט יעדע גרויל.

זינט דיין זייגער הענגט אויבן —
לעבט גאָר אַנדערש די שטאָט.
די ראָטסלייט אויפן ראָטהויז
קלערן־אוים בעסער דעם ראָט.

שמחות טוען זיך מערן,
עס וויינט קיין קינד נישט אין וויג,
און וואָס מיר טוען און קלערן —
דאָס אַלץ איז פורע מוזיק.

און די ווייבער האָבן אונדז ליבער,
און אַלץ איז געבענעדייט *),
און מיר האָבן פאַר טויט קיין פאָרכט נישט,
און די צייט איז אויסער דער צייט.

ח

אַזוי — די ערשטע פאַר טעג.
נאָר שפּעטער ווערט זיי דערעסן
דער מלאך פון די מעת־לעת׳ן,
וואָס באַגלייט זיי אויף יעדן וועג.

— ייִד, דיין זייגער איז כישוף!
ייִד, דיין זייגער איז שלעכט!
ער טרייבט אַוועק די תאווה
פון אונדזער בעט אין די נעכט.

ער מאַכט אונדז שוואַך, ווי די ווייבער,
ווייל אַלץ, וואָס מיר טוען, געראָט.
ווען מיר שלאָגן זיך קענען,
וועלן פיינד באַפאַלן די שטאָט?

געדאַנקען ווילן מיר האָבן,
וואָס גייען מיט דער הינטערשטער טיר;
דיין זייגער יאָגט פון דער שוועל זיי
דורך שעה׳ן צוואַנציק און פיר.

תאווה וויל צו אונדז קומען,
פאַרראַט, נקמה און מאָרד —
צעשפּילט זיך אין מיטן דיין זייגער,
טרייבט זיי מיט אַ זינגעדיק וואָרט.

---

*) אַלט-יידישע, אויך אַלט-דייטשישע, פאָרם פאַר: געבענטשט (בענעדייען (benedicere,

ייד, דיין זייגער איז כישוף,
כישוף קלוג און געמיין.
האָסט דאָס געמאַכט מיט אַ כיוון,
האָסט דאָס געמאַכט מיט אַ מיין.

אַ סוף צום צויבער דעם וויסטן!
נעם צו די פאַרשאָלטענע גאָב!
אַרויף צוריק אויפן טורעם!
שטעל־אָפּ דעם זייגער, שטעל־אָפּ!

ו

— בלייב שטיין אויף אייביק, זייגער.
זיי ווילן דיך נישט. טאָ שטיי.
שווייג, ווי טויטע אין קבר.
פאַרשטום אין האַרטן ווייַ.

מיינע אייגענע הענט צושטערן
דאָס, וואָס זיי האָבן געמאַכט.
איך נעם דיר צו דיין מאַכט.
דו זאָלסט זיי מער נישט שטערן.

דו טאָרסט מער, זייגער, נישט שפּילן.
זיי זאָגן: עס איז נישט גוט.
זיי מוזן פאָלגן דעם ווילן,
וואָס לעבט ביי זיי אין בלוט.

זאָגט יעקב בר׳ יהודה:
אַז לא — טאָ זאָל זיין לא...
אָ, בליק אַראָפּ, אדני,
און גיב אַ קוק, וואָס איך טו דאָ!

ז

— און איצט, דו ייד, אַז דו האָסט
דער זייגער געמאַכט אויס שעדלעך,

עס שטייען שטיל זיינע רעדלעך
און ס׳געזאַנג האָט אים פאַרלאָזט —

דאַרף מען אַנדערע שטעט פאַרהיטן
פאַר דיין זייגערמאַכעריי,
דו זאָלסט ניט זען ווי צו מאַכן
דיין כּישוף פונדאַסניי.

דרום ווען מיר דיינע אויגן
אַרויסנעמען די צוויי.
ווערסט מער צום כּישוף נישט טויגן.
גיב די אויגן — און גיי!

ח

און זיי האָבן אים בלינד געמאַכט. שטיל איז
אַוועק דער בלינדער ייד.
מיט קללות — צי מיט תּפילות?
מיט ציין־קריץ — צי מיט אַ ליד?

דער טאָג איז געווען פינסטער,
דער טאָג איז געווען בלינד.
ס׳האָט דעכער געריסן אַ ווינט —
און דער ייד איז אַוועק אויף אייביק.

זיין באָרד איז אַוועק מיט׳ן שטורעם;
ס׳האָט אים דער שטאָק ביי דער האַנט
געפירט און אַוועקגעפירט ערגעץ —
וואוהין? אין וועלכן לאַנד?

אַוועק איז דער ייד דער בלינדער.
זאָל שווייגן דער, וואָס פאַרשטייט.
עס שרייט די צייט, ווי פריער —
און דער זייגער, דער זייגער שטייט.

ווינטער, 1931

אין דער פרי

היינט אין דער פרי, אין די בראָנקס,
האָב איך זיך פאַרקוקט
אויף אָן אײנציק װאָלקנדל אַ בלאָנדס,
װאָס האָט װי אַ קינדער־קאָפּ געררוט
אין אַ לײדיק־בלויען הימל איבער קלערמאָנט־פּאַרק.
און כ׳האָב אויף אַ מינוט
פאַרגעסן זיך אין גאָט
און ס׳האָט זיך מיר געטראַכט אַ רגע: אַלץ איז גוט,
כאָטש אַלץ איז שלעכט,
און עס װײס דער הימל װאָס ער טוט,
כאָטש דאָס האַרץ, װאָס האָט קײן טרײסט נישט,
שרײט, אַז ער װײס נישט.

נישטאָ קײן טרויערן

נישטאָ קײן טרויערן אויף צו באַטרויערן
דעם גרעסטן חורבן פון ירושלים.
די גאַנצע אומה איז ירושלים,
און האָט די טומאה פאַרברענט ירושלים —
װאו זײנען טרערן פאַר אַ תשעה־באב אַ נײעם?

אַ קדיש נאָר האָב איך פאַר אײך, װעלטן, אַ נײעם
נאָך דעם גרעסטן חורבן פון ירושלים.
אַ קדיש נאָך דער קדושה, אַ קדיש נאָך ישראל:
יתגדל ויתקדש שמיה רבא דישראל!

כ׳האָב נישט געהאַט די זכיה

אַװעק בין איך באַצײטנס און פאַרהוילן
האָט גאָט פון מיר די גרוילן —
פאַרװאָס, פאַרװאָס בין איך אַװעק פון פּוילן?

כ׳האָב נישט געהאַט די זכיה מיט מיין פאָלק צוזאַמען
צו גיין דעם וועג פון פלאַמען,
און ס׳פּייניקט, ווי אַ זינד נישט צום פאַרגעבן,
די שולד פון בלייבן לעבן,
פון בלייבן לעבן און פון מאַכן גראַמען.
און ס׳וועט די שולד מיך סמ׳ען,
ביז כ׳וועל נישט פאָלגן איינער פון די דריי געשטאַלטן,
וואָס שטייען גרייט פון שולד מיך צו באַהאַלטן,
וואָס וואַרטן און וואָס רופן מיך צעגליטע:
זעלבסטמאָרד איינע, הייליקייט — די צווייטע,
וואַנזין — די דריטע.

תפילה לאהרן

ווי קען איך לעבן? ס׳איז דיין וועלט געוואָרן טמא.
ווי קען איך שטאַרבן? טויט
איז נאָר צו לעבן אַ הקדמה.
טראַכט אויס פאַר מיר אַן עפּעס
מחוץ דעם טויטס לעבן און דעם לעבנס מיתות,
און לייג מיך דאָרט אַריין —
לייג מיך אַריין און פאַרשליס עס.

פאַרשליס מיך — און פאַרליר די שליסלען.
פאַרגעס, אַז כ׳האָב געהערט
צו דיין געשעכטן פאָלק ישראל,
אַז פאַר מיר אין די אויגן
האָסטו אויפגעריסן דריי טויזנט יאָר.
פירסט דאָך אורראַלטע חשבונות
מיט יעדער יידישער נשמה,
בעט איך דיך: פאַרגעס
דעם חשבון פון מיינע גלגולים
און יאָג מיך נישט פון תיקון צו תיקון
איבער די ברענענדיקע בריקן,

וואָס פירן צו דיין אחרית הימים.
פון דעם אייביקן קריג
צווישן יעקבס שר און אדומס שר
לאָז מיך אָרויס,
ווי עס שטייט: מחני־נאָ —
מעק מיך אויס,
מספרך — פון דיין ספר,
אשר כתבת — וואָס דו האָסט געשריבן
און וואו דו האָסט אויך מיך אַריינגעשריבן.
זאָל זיך דאַכטן,
אַז כ׳בין קיינמאָל אין דיין ספר קיין אות נישט געווען.
נישט אין דיין עולם תחתון,
נישט אין דיינע עולמות עליונים,
נישט אין וועלטן געוועזענע, וועלטן רואינען,
אין ערגעץ זאָל מען נישט געפינען
קיין זכר אפילו
נאָך אהרן בן־הלל:
ווי דאָס זויג־קינד אין קישן,
אַזוי זאָל ליגן מיין נשמה
אין ערגעץ אַ צ ו ו י ש ן,
און נישט וויסן פון קיין טרער און פון קיין תפילה.
אויב דו האָסט מיינע דריי טויזנט יאָר
געלאָזט פאַרברענט ווערן אין גאַז־אויוונס אין פוילן,
ווילסטו אפשר אָנהויבן אַ נייע וואָר,
פרישע טויזנטער יאָרן מלחמה,
אַז אין שלאַכט קעגן עמלק׳ן זאָל ווידער
בלוטיקן מיין יידישע נשמה,
און אַז איר בלוט־פיין, אַז איר גרוילן־גאַנג צום תיקון
זאָל די טרייב־קראַפט זיין
פון דיינע געטלעכע פאַבריקן.
בעט איך דיך:
זאָלסט מיך אין ערגעץ מער נישט שיקן.
אין אייביקן דעמער פון מיין חומר היולי,

ווייט פון דיינע טרייסטן,
ווייט אויך פון די ערדישע קליפות די דולע,
לאָמיך קיינמאָל נישט געדענקען מער טרעמבלינקע
און פאַרגעסן אָן גאולה.

1944

מיר יידן זיינען נישט פון אָט דער וועלט

מיר יידן זיינען נישט פון אָט דער וועלט, —
האָט געזאָגט רב נחמן, זכותו יגן, —
שטעקט אין דעם דער סוד, פאַרוואָס די וועלט
האַלט אונדז אין איין פייניקן און פלאָגן.

אין רב נחמנ׳ס צייטן האָט מען נאָך געשלאָגן —
היינט האָט מען דערשלאָגן. היינט האָט מען פאַרברענט.
מיט זיין מאָרד־אַלכעמיע האָט עמלק
צוריקגעקערט מיין פאָלק צום עלעמענט.

פאַראַן נאָך אונטן יידן: ישראל איז נישטאָ שוין.
שטויב איז ער צווישן פלאַנעטן. ער וועט
שאַפן נייע וועלטן ערגעץ, — נאָר צי וועט אים
זען אַמאָל דער דאָזיקער פלאַנעט?

אויף דעם דאָזיקן פלאַנעט זאָל עשו דיר זינגען,
אַ גאָט, זיין געזאַנג, זיין טייוולישע געזאַנג.
זאָל ער דיך לויבן מיט מאָרד און מיט באָמבע,
זאָל ער דיך לויבן מיט ראַבאָט און טאַנק.

און וועסטו זיך פאַרבענקען נאָך ערד־לויב פון אַ ייד,
פון אונדז, די לעצטע, זאָלסטו קיין לויב נישט דערוואַרטן.
טראָג דיין עונש. האָסט אַזוי געוואָלט.
נישטאָ אין אונדז גאָרנישט חוץ ווייטיק הארטן.

האַרט איז אָט דאָס ליד ווי קאָנסטאַטירונג פון אַ פאַקט.
דאָס פייער פון טרעבלינקע האָט פאַרברענט די תפילות.
מעגסט האַלטן די טויערן דיינע פאַרהאַקט —
ס'איז סיי־ווי נאָך אַלע נעילות.

1944

תחית־המתים

ס'איז לאַנגווייליק דעם זייגער אין דער קליינער קאַפּעטעריע.
ס'ווערט שפּעט. די טישלעך — ליידיק. ווינטער־נאַכטיק־שטיל.
אַ מאַמע איז געוואָרן די קאַץ פון קאַפּעטעריע,
שפּילט זי מיט איר קעצל אויפן גלאַטן דיל.
קאַץ און קעצל שפּילן אַן אוראַלט־יונגע שפּיל.

ס'האַלזט די קאַץ איר קינד, דאָס קעצעלע דאָס זיסע.
(ס'קעצעלע דאָס זיסע וועט זיין אַ מייזלס מיתה).
צוויי קומען אַריין: אַן אַקטיאָר און אַן אַקטריסע.
ביידע זיינען אַלט. דער זייגער קוקט זיך אום.
זי הנדלט זיך אַן חן; ער זעצט זיך מיט אַ ברום.

דאָרט, אינעם טעאַטער, וואַגלען איצט ווי רוחות
אַפּלאַדיסמענטן טויטע אין אַ שוואַרצן זאַל.
ס'דרימלען ווערטער (אוים איז זייער זיין — גיי זוך עס!)
ווי פּאַסאַזשירן צווישן צוג און צוג אויף אַ וואָקזאַל.
ס'גענעצן קוליסן ווי פרויען נאָך אַ באַל.

אין קאַסטן פון דער בינע זיצט פאַרשפּאַרט אַ שאָטן,
הויקערט זיך דערשראָקן און צעשויבערט־ווילד.
ס'חידושט זיך דער שאָטן: עמיץ האָט געשפּילט,
אים באַליבט מיט פורעס, אים באַקליידט מיט בילד —
און אים דאַ געלאָזן אויף דער נאַכטס בארשטן.

איז אָט ערשט געגאַנגען, ערשט געהאַט אַ קול —
אָטעמען און ריידן, גיין און לעבן וויל ער...
ווער לייזט אויס אַ ראָל, אַן אָפּגעשפּילטע ראָל,
וואָס שוואַרצט זיך אויף דער בינע איינע, אַן דעם שפּילער,
איינגעקלעמט אין קלעם פֿון חושכדיקייט שטילער?

דער שאָטן ווערט פֿון טויט דעם אייגענעם געוואויר.
ס'איז דער טויט, וואָס הויבט זיין טויטקייט אָן צו וויסן,
פֿרעגט — און ווערט דורך דעם אין זיך אַליין צעריסן,
פֿרעגט — און ווערט די נאַכט, וואָס גייט צום „יהי אור"...
ס'איז דער טויט, וואָס הויבט זיין טויטקייט אָן צו וויסן.

דאָרטן אויף דער בינע ווערט אַלץ וואַכיקער דער שאָטן.
דער, וואָס איז אָט ערשט אויף ברעטער דאָרט געטראָטן,
דער אַקטיאָר דעם שאָטנ'ס, איז אַליין אַ שאָטן,
שאָטן אין אַן אַנצוג און אין גרעלע שיך —
און רעדט צו דער אַקטריסע אָדער גאָר צו זיך.

ביי דער קאַווע רעדט ער מיט אַ שטילן פּלאַטער:
„אין אַ שטאָל געבוירן איז ס'יידישע טעאַטער,
געלעבט דאָ אין אַמעריקע אין פּאַלאַצן — נאָר —
שטאַרבן גייט עס, שטאַרבן נאָך אַ לאַנגן מאַטער,
אין אַ מושב־זקנים — מיטן גאַנצן דור.

„אָ, די פּאַטריאָטן... די בוקעטן בלומען...
גאָט, וואָס אויף דער עוועניו האָט זיך עס צעטאָן...
גאָלדפּאַדען — געדענק איך — איז צו אונדז געקומען:
האַנדשו בלענדיק־ווייס... צילינדער און זשעטאָן...
גאָט, וואָס אויף דער עוועניו האָט זיך עס צעטאָן...

„און פּאַר גאָרדינס שטעקן פֿלעגט דאָך אַלץ זיך בויגן...
אָ, דער גרויסער גאָרדין... מ'האָט פּובליקומס געצויגן...
קאָ—לאָ—סאַל געווען אַלץ... הערסט מיך, אָדער ניין?...

(ס'פּנים זיינס איז גרויער, קרישלדיקער שטיין.
זי — זי קוקט אים אָן מיט אויסגעלערטע אויגן).

„שטאַרבן מוז מען, שטאַרבן... און וואָס ווייטער, בעסי?
גאָרנישט... טויט און גאָרנישט... אָפּגעשפּילט די פּיעסע...
אפשר שפּילט מען ווידער... הא, וואָס זאָגסטו, בעסי?
ס'פאַלט טאָקע דער פאָרהאַנג — נאָר די צווייטע נאַכט
גייט ער אויף... און אפשר — נאָך די זעלבע נאַכט?

„ס'קעצל און די קאַץ... די מאַמע מיטן קינד...
זעסטו, ווי זיי שפּילן, קוילערן דאָס קלעצל?
עס קרעפּירט די קאַץ — ווערט אַ מאַמע ס'קעצל...
און עס גייט די שפּיל — די זעלבע וואָס אַצינד...
אַ קעצל מיט אַ קאַץ... אַ מאַמע מיט אַ קינד..."

ער זופּט די קאַלטע קאַווע, אַלט אַזוי, פּאַוואָליע.
ווייס ער וואָס אין שוואַרצן טעאַטער־זאַל קומט פאָר?
אויפגעלעבט האָט דאָרטן די אָפּגעשפּילטע ראָליע,
אַרויסגעריסן זיך פון חושכם מעלאַנכאָליע —
און אַליין, אַליין געוואָרן דער אַקטיאָר.

אויפגעוועקטע ווערטער גיבן זיך אַ ריס
צום אויפגעלעבטן שאָטן. באַלייכטונג בייט קאָלירן.
הער: דער שאָטן שטורעמט, שפּילט דעם אַלטן ליר'ן.
די אַפּלאָדיסמענטן שטייען אויף די פיס
און לייגן שוין צונויף די הענט צום אַפּלאָדירן.

דער אַקטיאָר ביים טיש האָט אַ מאָדנע פילונג.
ס'קומט אים פאָר: אָט שפּילט ער פונדאָסניי די שפּילונג.
עפּעס גיט אַ פלאַטער מיט אַ ווייטן פּרילינג.
הער נאָר, — מאַכט ער, — בעסי! הער נאָר וואָס איך פיל:
ס'איז אַרויף דער פאָרהאַנג — און איך שפּיל... איך שפּיל...

ד אָ ר ט ן — שפּילט די ראָליע, ווי אַרוים פון תּפיסה.
דאָ — קוקט דער אַקטיאָר פאַרבליפט אויף דער אַקטריסע.
פאַרן פענסטער גייט מיט בלויען שניי אַ יאָג:
שפּעט-נאַכטיק גייט ער אויף ווי לעבן נאָך דער מיתה,
ווי ס'וואָלט אין אים פון ערגעץ אַריינגעבלויט אַ טאָג.

1946

נ י ו ־ י אָ ר ק ע ר   ע ל ע ג י ע

איך גיי אַמאָל פאַרביי דעם מושב-זקנים
אין הייסע אָוונטן און זע זיי אַלע דרויסן,
אויסגעזעצט מיטן פּנים צו אַ שטאַרבנדיקן טאָג,
די אַלטע טאַטע-מאַמעס, בראָכוואַרג פון אַ דור,
די שטילע לירס, וואָס זין און טעכטער אייגענע
האָבן זיי אַרויסגעשטעלט פון רייכע שטיבער
ווי אַלטע שטיקער מעבל.
איך זע זיי אַזוי וואַרטן אויפן טויט —
מיט הילפלאָז אומעטיקע בערד, אין באַבעדיקע קאָפּ-טיכלעך,
ווער מיט אַ יידיש בלאַט אין דער צעדאַרטער האַנט,
ווער מיט אַ תּהילימל, וואָס וויינט צווישן די פינגער.
און דאַמאָלס וויים איך, אַז דאָס האָט מען מיך אַליין,
מיך און די שטאַרבנדיקע שפּראַך פון מיינע פערזן,
גענומען און אַרויסגעשטעלט פון שטוב אַרויס
ווי אַן אַלט שטיק מעבל, אַ פאַרוואַלגערט רעשטל
פון אַ וועלט, וואָס אירע יורשים האָבן זי
פאַרקויפט צום שד פון גאָרנישט.
און כ'וויים: פאַרמשפּט זיך איך צווישן זיי
און וואַרט אויף טויט מיט זיי אינאיינעם,
די זקנות און די זקנים.

האָמליער פּאָגראָם

אַ קליינס בין איך געווען, ווען ס'האָבן מיך באַגעגנט
שחיטה־טאָג און שרעק־נאַכט און פּאָגראָם.
אויף פּעקלעך זיינען מיר פּאַרטאַיעטע געלעגן,
געהויערט שטום ווי אין אַ תהום.

מיר האָבן זיך משפּחותווייז באַהאַלטן
אין אַ סאָד. ס'האָט אונדז געזוכט דער טויט.
איבער שוואַרצע ביימער און פּאַרטאַיעטע געשטאַלטן
האָט רויכערדיק געצאַנקט דער לבנהס קנויט.

זע, ס'ציטערן לייבער, ווען אַ בלעטל פּאַלט.
עס האַלט דער ווינט דעם אָטעם איין פּאַר שרעק.
נאָך טאַנצן פּאַר די אויגן עשו'ס העק.
עס הילכט נאָך אין דער נאַכט דעם טאָגס געוואַלד.

נאָר ווען די נאַכט צערינט און מזרח גליט
איבערן סאָד ווי אַ קראַנקע, טונקל־רויטע רויז,
הייבט זיך אויף אַן אַלטער אליהו־הנביאדיקער ייד,
פון די ותיקין, און לאָזט זיך גיין אין קלויז.
ער שפּאַנט אַרויס אין גאַס. פּאָגראָמען, נישט פּאָגראָמען —
תפילה דאַרף מען טאָן, און זאָל געלויבט ווערן זיין נאָמען.

אַ הויף אין ווילנע—1905

בלוילעך בליט דער שינעל
אויף סאַשקע דעם גימנאַזיסט.
וועלוול דעם שוסטערס טומלדיקע קינדער
ראַיען זיך אין מיסט.

אַראַנטשיק דעם דאָקטאָרס,
דער פון דעם הויז מיט די הויכע טרעפּ,

רופט צונויף חברים
און דונערט איבער זייערע קעפּ
פון דער אויבערשטער טרעפּ אראָפּ.
זיי שטייען אונטן, שרייען —
עפּעס הער איך אַ וואָרט: רעוואָלוציע.

כסדר קומען פאַר אין הויף רעוויזיעס.
זשאַנדאַרמען זוכן באַמבעס.
ס׳ווײַנען מאַמעס — זין ווערן אַוועקגעפירט.
זשאַנדאַרמען טרעטן שטאָלץ,
אַזעלכע קאַלטע, שווערע, טרייפע.
דער הויף איז אויף אַ גאַנצע נאַכט
ווי ביי אַ שׂרפה.

אַ שוואַרץ-געלאַקטער בחור שטייט אַ גאַנצן טאָג
אויפן ברייטן גאַנעק פאַר אַ הויך געשטעל.
מ׳זאָגט: ער איז געווען אין אַ שטאָט אַזאַ — פּאַריז
ער וויל פאָרן אין אַ לאַנד, וואָס מע רופט איטאַליע.
עפּעס מאָלט ער אַ פּרוי מיט שמאָלע פּים.
אין מיטן דרינען ווערט ער בייז
און שרייט אויף זיך אַליין: קאַנאַליע!

אונדזער שכנה איז אַ בלייכע און אַ שטילע.
מ׳רופט זי סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ דוואָרקין.
זי האָט מיר אַמאָל אין אַ ביכל
געוויזן אַ בילד פון איינעם אַ גאָרקין.
זי האָט זיך די אויגן געווישט מיט אַ טיכל
און געזונגען: סאָלנצע וסכאָדיט אי זאַכאָדיט
אַ וו׳טורמיע מאָיעי טעמנאָ.
— סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ, אייער מאַן איז אין סיביר?
— ניטשעוואָ.

דינסטן לערנען זיך שרייבן אַ בריוול.
אין פאַרנאַכטן

דרייען זיך פאַרן טויער יונגעלייט
מיט מעסערס אין די שטיוול.

דער הויף איז גרויס און טומלדיק און גראָ.
מיידלעך פון גורעוויטשעס גימנאַזיע
קומען צו חברטעס,
טראָגן זיך סטאַיעסוויז,
ווי טשאַטשעס ווילדע פייגל.
הו־האָ! כאַ־כאַ!

ראַזעט, דער אַלטער משכיל,
דרייט זיך אייביק אַרום אין פּאַלטאָ
און אין קאַלאָשן.
ער רעדט מיט מיר מכוח לשון,
ווי כ׳וואָלט געווען אַ גרויסער.
ווער האָט די אויגן אים פאַרלאָשן?
וואָס פאַלט פון זיי אין דער קאַלטער גלאַז טיי
אַ טרער אַזאַ גראָע ווי אַש?
איז עס דערפאַר
ווייל ער גלויבט אין גאָט נישט?
אַ, גאָט — ער וואוינט איבערן שול־הויף הויך און מעכטיק,
מגידים זינגען וועגן אים,
און יידן וויינען, ווען עס זינגען די מגידים.

איך בין אַ דאַר דערשראָקן קינד.
דער הויף איז גרויס, די שטאָט איז גרעסער —
און איך בין קליין.
אַלץ איז אַזוי מאָדנע, אַזוי נישט צום פאַרשטיין.
פאַרוואָס שטעקט מען אַריין אין די שטיוול אַ מעסער?
פאַרוואָס שרייט אַראָנטשיק אַזוי?
וואָרוואָס וויינען מאַמעס?
פאַרוואָס מאַכט מען באָמבעס?

פאַרוואָס ווערט דער מאָלער אַזוי בייז
און פאַרוואָס וויל ער פאָרן אין דעם לאַנד איטאַליע?
און איך אַליין — פאַרוואָס וואָלט איך געוואָלט
מיט מיין לערערין פון רוסיש,
וואָס האָט ווארעמע ליפּן און הייסט נאַטאַליע
(מאָלט אייך, אַ כּשרע יידישע טאָכטער) —
פאַרוואָס וואָלט איך געוואָלט מיט איר פאָרן
דורך אַ ווינטער־נאַכט אין גלעקלדיקן שליטן
און פלעמלדיקער שניי זאָל אונדז באַשיטן
און זי זאָל מיך אַרומנעמען?
וואָס גליט אַזוינס אין אירע ליפּן
און פאַרוואָס איז מיר אומעטיק דערפון וואָס זי איז שיין?

און דער טאַטע — וואָס שפּאַנט ער און שפּאַנט און בלייבט שטיין
איינער אַליין, איינער אַליין,
האַלב מיט געזאַנג, האַלב מיט געוויין?
וואוהין רייסט זיך זיין קופּערנע באָרד,
וואוהין ווילן פליען די האָר אויפן קאָפּ,
וואָס ווייטיקן די בלויע אויגן ביי אים?
וואָס ווילן די אויגן דערגיין?
וואָס טוט ער דאָ איינער אַליין, אַזוי איינער אַליין,
אין דעם חלום ווילנע?

פון גאָרנישט קענען פאַרשטיין,
פון פאַרלוירנקייט און שווערן חידוש,
נעם איך אַ געווירעטן בויגן פּאַפּיר
און שטעל מיר צוזאַמען
עפּעס אַזוינס ווי גראַמען
פון אַ שיר.

די טעג האָב איך געטראַכט,
אַז איצט, צו מיינע פינף און פערציק יאָר,
אין דעם חלום ניו־יאָרק,

טו איך דאָס זעלבע וואָס דעמאָלט:
פון גאָרנישט קענען פאַרשטיין,
פון פאַרלוירנקייט און שווערן חידוש,
נעם איך (פון געוואוינהייט, אפנים) פאַפּיר
און שטעל מיר צוזאַמען
עפּעס אַזוינס ווי גראַמען
פון אַ שיר.

1943

דאָ לעבט נאָר מיין אַסטראַל...

דאָ לעבט נאָר מיין אַסטראַל, קען זיין,
אַ נאַקעט לעבן פון אַסטראַלן,
בעת צווישן ברידער, גרויס אין פּיין,
בין איך אין אומגליק־לאַנד געפאַלן.
דער קרייז פון פּיינען איז געשלאָסן.
געהייליקט בין איך פּונקט ווי זיי.
מיין לייב איז טויט, מיין בלוט פאַרגאָסן,
מיין שאָטן בלויז — אויף איסט בראָדוויי.

אָ, צווישן אייך איז גוט מיר, ברידער,
צו ליגן קרבנדיק און שטאַר.
כ׳האָב אויסגעקויפט די זינד פון לידער
דורך טיילן הייליק אייער גזר.
כ׳בין נישט מיט ווערטער־לאַסט באַלאָדן,
איצט בין איך גרויס ווי איר — אַן רייד,
אַ טייל פון אייער סוד, וואָס גייט
דורך בלוט און גזר צו העכסטע גנאָדן.

איך זע: אויף ערד אויף פינצטער־רויטער,
אויף שליאַכן, פול מיט גאָט און גרים,
ליגט שוין בן־יוסף אַ געטויטער —
און מיר מיט אים, און מיר מיט אים.

מיר ליגן — הייליק־שטומע ברידער,
געגלעט פון הימלס ווייטן שטראַל — —
נאָר ווי, מיין עלנטער אַסטראַל
פאַרשווועכט דעם טויט מיט נייע לידער.

ניו־יאָרק, 1941

שוצקעלער־ליד

סירענעס יאָמערן. אפשר לאַכן זיי?
באָמבעס טאַנצן און טאַנציק קראַכן זיי.
ס׳לעבט דער טויט און דער מענטש פאַרשווינדט.
אין שוץ־קעלער זיצן מאַמע און קינד.

יומטובדיק ווייזט זיך צום קינד אין קעלער
אַ דרויסן אַ גרויסער, אַ רויטער, אַ העלער.

מאַמע, ס׳מוז גוט זיין אַ באָמבע צו זיין!
ב׳וואָלט מיר געפלויגן אַרויס און אַריין
און וואָלט געזען, ווי די וועלט פאַלט איין.

מאַמע, ס׳מוז גוט זיין דער באָמבע דער פייער!
פליענדיק פייער, פליענדיק פייער.

מאַמע, ווען איך וואָלט אַ באָמבע געווען —
וואָלט איך געפלויגן זוכן דעם טאַטן.
מאַמע, וואָס שווייגסטו? ס׳וואָלט פריילעך געווען.
כ׳וואָלט אויף די פליגלען גענומען דעם טאַטן
און זיך צוריקגעיאָגט — איינס, צוויי, דריי —
שנעל צו דיר, מאַמע, אַלץ שנעלער און שנעלער.
דרויסן מוז העל זיין — אַזוי ווי אין מאַי.
דרויסן מוז שיין זיין — אַזוי ווי אויף בעלער...
נישט אמת, מאַמע? אַזוי ווי אויף בעלער...

— — — — — — — — — — — — — —

מאַמע, פאַרוואָס זיינען באָמבעס פריי —
אַזוי פריילעך און פריי —
און אַ קינד מוז ליגן אין קעלער?

אַ מקובל אין שוצקעלער

דאַוונט אין אַ שוצקעלער
אַן אַלטיטשקער מקובל —
און אין אים איז יובל.

דרויסן קראַכן באָמבעס,
אדום פירט מלחמה —
טמא, טמא, טמא.

נאָר צו אים אין קעלער
קומען אותיות טאַנציק,
אותיות צוויי און צוואַנציק.

וואַרפן זיי אַ לייטער,
אויף דער לייטער גייט ער,
קומט ביז פאַרן פּרגוד.

דאָרט הינטערן פּרגוד —
הערט דער אַלטער — ליגט שוין
אדום׳ס שר געהרגעט.

אונטן איז נאָך פינצטער,
ס׳שלאָגט זיך גוג מיט מגוג —
אויבן איז שוין טאָגיק.

אַ כראָניק געווען אין צייטונגען

אַ כראָניק געווען אין צייטונגען,
אַ כראָניק אַזאַ אין צייטונגען:
ווען ס׳האָט זיך גענומען נענטערן
עמלק צו שטאָטישע טויערן,
האָבן זיך יידן אַרויסגעלאָזט

מיט פּסוקים־געזאַנג צום בית־עולם צו,
אַוועק צום טויט אין תכריכים־טראַכט,
געגאַנגען, געפאַלן זינגענדיק,
און ס׳האָבן באַמבעם עמלקשע
פון אויבן געשניטן, פאַרשניטן זיי.

תכריכים האָבן זיי אָנגעטאָן,
אַוועק צום בית־עולם זינגענדיק.
געזונגען האָבן זיי תהילימדיק
יעקבס געזאַנג פון הייליקונג.
ס׳האָבן אויבן באַמבעם אויסגעקראַכט
עשו׳ס ליד פון פאַרטיליקונג.

אין דער שאַנד פון איר פאַרלוירנקייט
האָט בלייכע זון זיי נאָכגעקוקט,
בלייך פון זייער דערהויבנקייט,
וואָס האָט די וועלטן צו שטויב געמאַכט.

מיט ברייטן בית־עולמשן בוים־גערויש
האָט דער טויט די יידן אַוועקגעפירט
אין גרויסן לאַנד פון די אָפּוואָרטער,
פון די, וואָס וועלן באַלוינט ווערן.

עס וואַרטן אין וואָרט־לאַנד הייליקע,
עס וואַרטן דאָרט די געדולדיקע,
די, וואָס וועלן געקרוינט ווערן.

וואויל צו דעם, וואָס וועט זוכה זיין
צו זען די וואָרטער אַרויסקומען,
ווען ס׳וועלן די צייטן זיך אויסלאָזן
און ס׳וועט גאָטס האַנט זיי אַרויסלאָזן.

1941

אויפן וועג צווישן גרענד רעפידס און דעטראָיט

ס'איז נישט מיין היים־לאַנדס האַרבסט, וואָס גייט געבויגן,
בעת ווינט ציילט לעצטע בלעטער, ווי אַ קאַרגער — געלדער.
דאָ פרילינגט האַרבסט. זון זילבערט איבער פעלדער
און קושט די קליינע פּיראַמידן פון די סטויגן.
די ביימער, שטאָלצע וועלקער,
דעם קעניג גאָטס אין פּראַכט געקליידטע פעלקער,
פאַרכישופן מיט צייטיקייט די אויגן.
און ס'איז, ווי ס'וואָלט פון זיך צו זיך געפלויגן,
אַליין זיך אָנזאָגנדיק בשורות פון דערפילונג,
דעם הימלס בלאַנקער בויגן.
עס העלט די וועלט. זיך גופא פילט די פילונג.

אומזיסט! אין מיטן בלי פון צווייטן פרילינג
קומט מיר דער גייסט פון יענעם האַרבסט אַנטקעגן,
און ווייזט אויף חורבות פון מיין פאָלק מיט בייטשן רעגן,
און יאָמערט קדישדיק אויף דעם פאַרמעגן,
וואָס שטורעם האָט געגנבעט. כ'הער אים הוילן
ס'געהויל פון טויזנט גרוילן.

זיין קלייד — אַ זאַק פון האַרבסט־בלעטער, וואָס פוילן,
זיין אויג — אַ נאַרע. איינגעהויקערט קריכט ער
דורך בלוט־בלאָטע געדיכטער,
און קערט מיר אָפּ ס'געזיכט, איך זאָל נישט קוקן
אויף זאַטער פּראַכטיקייט און צייטיק ליכט.

נאָר ווי איך קער אָוועק אַזוי ס'געזיכט —
דערזע איך שטיל אַ גלאַנץ־געשטאַלט זיך רוקן
פון הינטער זיין צעקרימט־צעדרייטן רוקן.
איז עס די זון, וואָס זונט הינטערן אומגליק?
אַ, לאָזט מיך פאַלן און צו איר זיך בוקן,

צו דער געשטאַלט, וואָס נעענטערט זיך אין זון־גלי
צו די פּאַרוויסטטע שוועלן פון מיין אומה.

קום, שטראַל־געגורטע דו! מיט פינגער פרומע
פאַרבינד אויפסניי וואָס ס'האָט צעשיידט די טומאה,
און לייכט צו אונדז דורך ספירה לעצטער, צענטער —

קום נעענטער, מוטער, נעענטער!

1941

מיסטעריע

דער טויט שרייט אויף גאַסן. זיין קול ווערט אַלץ פרעכער.
אין בלוט גייט דער טאָג, דער פאַרברעכער.

פאַרנאַכט נאָר, ווען ס'עפנען זיך ווייטע צינורות,
פאַרנעם איך אַ תפילה דעם בוראס.

פאַרנעם איך, ווי גאָט איז אַ תפילה מכוון
צום מענטשן: „אַ הער, ווי איך דאַוון.

פונדיינטוועגן בעט איך ביי דיר. צי דערקענט ווער
מיין קול? צי וועט קומען אַן ענטפער?"

אַזוי טוט ער תפילה צום מענטש, זיין בן־זקונים —
און ס'הערט אַ פאַרנאַכטיקע זון אים.

עס הערט אים אַ זון, וואָס מוז ווערן פאַרבאָרגן,
כדי ווידער אויפצוגיין מאָרגן.

עס הערט אים די זון — און דאָס האַרץ פון אַ יידן,
באַשטימט דאָס ליד זיינס צו לידן.

1944

אַ שאָטן אין וואַרשע

דער מענטש, וואָס זיצט דאָ איצטער אין ניו־יאָרק
און שרייבט אין שפּעטער נאַכט די ווערטער אַט־אָ־די,
עפנט אַ טיר, וואָס איז שוין לאַנג נישט הי,
אין אַ וואַרשע, וואָס וועט מער נישט זיין,
טאַפּט אַ וואַנט, וואָס פאַספּאַריזירט אַן ממשות,
בלייבט שטיין פאַר געשפּענסטיקע פּאָרטרעטן,
האָרכט, צי ס׳פּייפן נישט מייז
הינטער שוואַרצע טאַפּעטן,
און וואַקלט זיך צווישן בעטן,
וואו קיינער ליגט נישט.

פון אַ לאַמטערן קעגנאיבער אויף דער גאַס
פאַלט אַ געלער פּאַס,
לויפט פאָראויס, ווייזט דעם וועג צו אַ שרייב־טיש,
טייטלט אויף אַ שטויביקן כתב־יד,
און אין כתב־יד — אויף אַ נישט־פאַרענדיקטער שורה:
די שורה ליגט ווי אַ מת,
וואָס מ׳האָט נישט געבראַכט צו קבורה.

ווי אַ פאַרטאָגיקער חלום בלייבט די קיך.
איך קריך
אויף פיר
אַרום אַ הויכער טיר;
דערנאָך
שטיי איך און וואַש זיך ביי קראַנען,
וואָס זיינען שוין לאַנג נישט פאַראַנען.

דער שוואַרצער גלאַנץ
פון טעלעפאָן־טרייבל טוט מיך דערמאָנען
אַלטע נומערן פון טעלעפאָנען.
זאָל איך אָפּרופן, זאָגן, אַז איך בין געקומען?

אין טאָפּ די בלומען,
אין טאָפּ די פאַנטאַסיקע בלומען,
דערהערן מיין געדאַנק און באַנג
שעפּטשען זיי אויס זייער שרעק:
נישט וועק.
ס׳א זינד.
פון זינט
דייטשע באָמבעס האָבן זיך געשאָטן
איבערן הויז,
האָט דאָ קיינער נישט געטראָטן.
שטער נישט, שאָטן.
גיי ארויס.

ענטפער איך:
כ׳בין אַ מענטש אין ניו־יאָרק און אין ווארשע אַ שאָטן,
אַן אייביקער שאָטן אין אַ נישט־פאַראַנען הויז.
ניין, כ׳קען נישט פון דאַנען ארויס,
פון דעם נישט־פאַראַנענעם הויז
אין אַ געוועזענער ווארשע.

1944

ישראל צבאות

(אַן אימפּראָוויזאַציע)

ווער איז דאָס פאָלק ישראל אַצינדער?
ווער זיינען יעקבס קינדער?
יידן פון שטרומאַ און פון טרעבלינקע,
יידן פון קאַלכאַויוונס, יידן פון שיפן,
יידן פון פלאַס און פון אָפּגרונט דעם טיפן,
יידן פון וואַסער און יידן פון פייער —
דאָס איז ישראל, ישראל דער נייער.

פֿאָלק פֿון דערטרונקענעם, פֿאָלק פֿון פֿאַרברענטן!
מי במים — אַ ייִד פֿון דער שטרומאַ,
ומי באש — אַ ייִד פֿון מאַידאַנעק, —
זיי האָבן באַהאַפֿטן די עלעמענטן:
וואַסער האָט שלום געשלאָסן מיט פֿייַער
אין ייִדישן גורל, אין ייִדישן טויט.

ווען דער פֿאַרברענטער געבן צו שטייַער
זייַן פֿלאַקער פֿייַער,
און צו דעם פֿלאַם
ווען דער פֿאַרזונקענער צוגעבן ים,
און אָט אַזוי, פֿון דעם סאַמע צענטער,
פֿון תּוך פֿון דער וועלט, וועלן ביידע זיי,
דער ייִד דער דערטרונקענער און דער פֿאַרברענטער,
פֿון וואַסערס אַרמיי און פֿון פֿייַערס אַרמיי,
געבן אַ גיי
אויף דער טומאה — — —

איבער צייַט, איבער רוים איז
די גאָט־גבורה אייַער,
ייִדן פֿון תּהומות,
ייִדן פֿון פֿייַער!
פֿאַרבאַרגענע אומה,
נישט פֿון בלוט מער און נישט פֿון פֿלייש,
ייִדן פֿון אויוונס און ייִדן פֿון שטרומאַ,
פֿאַרברענט די טומאה, פֿאַרפֿלייצט די טומאה —
מי במים ומי באש!

איך שטיי און איך דאַוון
צום שטאַם פֿון פֿלאַם און פֿון ים־אוקינוס
און בין מכוון
נייַע כוונות:

קדוש, קדוש און נאָכאַמאָל קדוש,
ישׂראל צבאות,
פֿאָלק פֿון די הערשאַרן!
בבֿל פּאַרטיליק, בבֿל די הערשערין!
די מויערן פֿון בייז
באַלאַגער קאַלט און באַלאַגער הייס,
מיט פֿייער און וואַסער שטורעם זיי, שטורעם,
צענעם, צעוואַרף זיי — און נאָכדעם בענטש:
שאַף אין דיין פֿורעם —
בצלם ישׂראל — אַ נייעם מענטש.

1946

ר ח ל

אין אַן אָרעמער דירה,
ערגעץ אויף אַ זייטיקער וואַרשעווער גאַס,
האָב איך די זיידענע רחל,
די שיינע, די הויכע, די שלאַנקע,
אַנטדעקט כמעט ווי אין שפּאַס,
און מיט יונגע האָפּערדיקע רייד
אויפגעוויזן איר, ווי צוויי מאָל צוויי,
אַז קיין שום ווייטיק טוט נישט אייביק וויי,
און אַז זי טאָר זיך ס׳לעבן נישט נעמען
(זי האָט עקשנותדיק דערפֿון געטראַכט),
מחמת ס׳טאָגט נאָך יעדער נאַכט
און מחמת ס׳איז כדאי
צו זיין מאַיאיק אין מאַי
(ס׳האָט אַ מאַי־טאָג געקיניגט אַ בלויער
פֿון יענערזייט וואַרשעווער מויער).

און דערנאָך איז געווען אַזוי:
אין סאָסנע־וואַלד, אין אַ זומערטאָג,
איז זי צווישן שפּילנדיקע זון־פֿלעקן געשטאַנען,

און ס'האָט איר האַלדז אַרויסגעלויכטן
ווי דער האַלדז פון שוואַנען,
און שרעקלעך האָט זי זיך געשעמט
צו זאָגן, אַז זי האָט מיך ליב.

זי האָט געשוויגן אויף אַ קול.
כ'האָב זיך געמאַכט נישט הערן.
ס'האָט געשראָקן מיך דער עול
פון איר מעלאַנכאָלישער שיינקייט,
וואָס האָט (שוין נאָך מיין רייד-נצחון)
אַלץ געצערטלט אין זיך אַ פאַרבענקטקייט
נאָך טויט, נאָך א ו י ס.

כדאי איז,
יאָ, כדאי צו לעבן, רחל, —
נאָר קען איך פאַר דיין לעבן טראָגן דאָס אחריות?
בין איך דען כביכול?
אַזוי האָב איך מיט יונגער כיטרעקייט געטראַכט,
און געלאָזט זי רייסן נערוועז-שעמעוודיק די בלעטלעך
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן וואונדערליכן קאָפּ —
(ביטער זייט איר, יוגנט-טעג, און געטלעך).

אַזוי בין איך אוועק פון רחלס מעלאַנכאָליע.
יאָרן שפּעטער האָט געפאַנגען מיך די טייערסטע,
מיין איינציקע, מיין טאַליע.
כ'האָב געהאַט מיין היים, און רחל — אירע.
ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָלידער דאַמע,
איז זי געוואָרן באַלעבאַטיש-דיקלעך.
צייטנווייז האָט זי אַליין מסתמא
געמיינט, אַז זי איז גליקלעך.
נאָר געוואוסט האָב איך, איך איינער,
אַז ס'ליגט אַלץ אין איר בלוט פאַרטאַיעט
די אַלטע בענקשאַפט נאָכן טויט
און לויערט ווי אַ חיה.

און פלעג איך טרעפן זי אַמאָל,
פלעגט טעלעפּאַטיש גיין צו מיר איר טענה:
אין די זעלבסטמאָרד־יאָרן מיינע
האָסטו מיט גרויס געפיל
מיך איבערגערעדט. האָסט גערעדט —
און מיך צוריק אַריינגעצויגן אין דער שפּיל,
און געגלויבט האָב איך דיר, דעם פּאָעט,
נאָר באַלד דערנאָך האָסטו די מאַגד דיינע גע׳גט,
כאָטש זי איז קיינמאָל דיין ווייב נישט געווען...
האָסט אויפן לעבנס באַראַט מיך געלאָזט
ווי אַ פויגל אויפן פראָסט —
פאַרוואָס האָסטו מיך שטאַרבן נישט געלאָזט?...
— — — — — — — — — — — — —

רחל, ווען ס׳האָט די טומאה
דיך געפירט צום פייער
מיט אַלע זין און טעכטער פון מיין אומה,
צי האָסטו מיך געשאָלטן, הלמאַי
כ׳האָב דיר געהייסן לעבן —
אַמאָל, אין יענעם ווייטן טאָג פון מאַי?

אויב ס׳איז אַ זינד געווען, רחל,
טו איך תפילה אַצינד:
דאָרט, אויף יענער זייט לעבן,
טו מיר פאַרגעבן
מיין זינד.

נאָר אויב ס׳איז אַ מצוה געווען, נישט קיין חטא
(איצט דאַרפסטו דאָך וויסן),
טאָ טו פאַר מיר תפילה און בעט,
אַז איך, וואָס אַזוי בייז האָט מיך צעביסן
מיין יאוש, דער שד,
זאָל זוכה זיין צו גלויבן פונדאַסניי —

ווי אַמאָל, אין מאַי —
אין יענע רייד, וואָס כ׳האָב צו דיר גערעדט
דאָרט, אין דיין אָרעמער שטוב
(פאַרשוואונדענע הייליקע שטיבער !),
ווען כ׳בין אויף אַ שטול אויף אַ לאָמער
געזעסן דיר קעגנאיבער —
און געיאָגט פון דיר, רחל, דעם יאָמער,
און געיאָגט פון דיר, רחל, דעם טויט.

נ צ ח י א ל

ועת צרה היא ליעקב
וממנה יושע.

אין שפּעטער נאַכט פון טיפן ווינטער
בין איך שטיל איבער אַ בוך געזעסן
און געלייענט געשיכטעס פאַרצייטישע, —
ערשט מיטאַמאָל האָב איך דערזען פאַר זיך
אַ הויכן זקן אין אַ טלית,
מיט אַ באָרד אין דער קרים, ווי פון ווינט געשמיסן,
און טרערן האָבן געבלוטיקט אין זיין לינק אויג,
און זון איז געווען אין זיין רעכט אויג,
און זיין טלית איז געווען צעריסן,
און גערעדט האָט ער אַזויערנאָך :

„פאַר גויים בין איך אַ געשטראָפטער אַהאַסווער,
בין אַ סאַדיסטישע לעגענדע זייערע.
ניצחיאל איז מיין נאָמען דער אמתער ;
דער אייביקער בין איך און דער געבענטשטער.
ס׳איז וואָר, אַז טויזנט קייטן, טויזנט שטריק
און טויזנט גיהנומס פייניקן מיין עלטער,
נאָר פון מיינע ליידן שפּראָצט מיין גליק.
מיך שטראָפט נישט גאָט פאַר זינד ;
ער שטראָפט דערפאַר, ווייל ער האָט ליב
מיך, זיין אייביק קינד״ —

די ווערטער, וואָס ער רעדט צו מיר, הערנדיק
און גאָליק שמייכלענדיק,
האָב איך מיך אָנגערופן און געזאָגט אַזוי:
„קענסטו דעם מכשף וואָס האָט דיך פֿאַרצויבערט,
און די גרויסע קללה, וואָס ליגט אויף דיר?
ווען אויף׳ם טויט צעבייסן דיך אדומס הינט,
קומט תמיד דיין גאָט און היילט דיך אויס.
ווי צו דיר און ווינד, זיין אייביק קינד!
פֿרעג ביי דיין שטראָפֿער, ווי אַזוי מע ווערט לויז
פֿון דער שטראָף מיט דער היילונג צוזאַמען.
ס׳האָט דיין טלית אין בלוט זיך געוואַלגערט
טויזנטערמאָל
און דיין קאָפּ איז אונטער עשו׳ס העק געלעגן
מאָלן אָן אַ צאָל.
פֿרעג זשע ביי דיין שטראָפֿער, פֿאַרוואָס — אַז דו שטאַרבסט —
מוזטו אויפֿלעבן ווידער?
פֿאַרוואָס לעבט יעדער איינמאָל און שטאַרבט נאָר איינמאָל
און דו לעבסט אייביק און מוזסט שטאַרבן אייביק?
פֿאַרוואָס האָט יעדער קבר אַ מצבה,
און דיין קבר איז אייביק אָפֿן און האָט קיין מצבה נישט?
פֿאַרוואָס קען דאָס אומגליק דיך קיין רגע נישט פֿאַרגעסן?
פֿאַרוואָס פֿליסט אַלעמענס בלוט אין די געפֿעסן,
נאָר נישט דיין בלוט, וואָס איז געוואָרן זייער יין־נסך?
יאָ, פֿון דעם בלוט דיינעם טוען זיי שעפֿן
דעם ווין פֿאַר זייערע הוליאַנקעס.
אויף די אַקסלען טראָגסטו זייערע חטאים,
און דורות, דורות, אַז זיי שלעפֿן
פֿאַר באָרד און פּיאות דיך אין אָבגרונט,
און רק דו קריכסט אַרויס צוריק, כדי די פּראים
זאָלן ווידער דיך אין אָבגרונט שלעפֿן,
און וויפֿיל אַלץ זיי זאָלן דיך נישט קעפֿן —
דיין קאָפּ איז ווידער דאָ, הויבט אויף
צו גאָט די אויגן צווי: כ׳בין אַלץ אויף זיך מקבל!

דיינע טרערן — וואָס שווענקען זיי די וועלט נישט אראָפּ,
וואָס ווערן זיי נישט קיין מבול?

„אייביק טרעפֿן אויפֿן וועג דיך טרייסטער,
באַרעמהאַרציקע לייט מיט געשליפֿענע צינגער,
דערציילן דיר אויפֿסניי די מעשה מיט משיחן —
און ס׳ווערט דיר גרינגער.
נאָר וואָס דערציילט מען דיר, אַז אין קן־צפּור וואַרט ער
און אַז במהרה בימינו קומט ער, דער פֿאַרשפּאַרטער?
וואָלט ער ערגעץ־וואו געווען —
וואָלט זיין קרוין דאָך רויט געוואָרן פֿון דיין בלוט,
זיין פּויסט וואָלט נישט גערוט,
און צושמעטערט וואָלט ער, וואָס ד י ך צושמעטערט,
און צובראָכן דאָס, וואָס ד י ך צובראָכט,
אייביקער קנעכט!
ווי וואָלט ער גערוט ביים געשריי
פֿון דיינע בתולות די געשענדטע
און ביים לעצטן אוי־וויי
פֿון דיינע פֿאַרלענדטע?

„וואונדן האָסטו, נישט קיין וואונדער,
און פֿאַרוואונדערט זיי, וואָס עס קומט נישט קיין וואונדער!
פֿרילינגען געווען — וואו זיינען זיי?
וואונדער געשען — וואו געפֿינסטו זיי?
אַמאָל, אַמאָל
האָט משה געפֿירט דיך, דער געטלעכער מאַן.
ביסט געגאַנגען קיין כנען
און פֿרילינג איז געגאַנגען מיט דיר.
טרוקן איז געלעגן דער געשפּאָלטענער ים
און משה האָט געזונגען מיט דיר.
און ווידער און אָבעראַמאָל גייסטו,
אייביק און אייביק גייסטו,
דורך אַ ים פֿון ימען, דעם ים פֿון דיין בלוט,

און ווידער און אָבעראַמאָל ווערט געשפּאָלטן:
מע שפּאַלט דיר דעם קאָפּ.
און פאַרוואָס? זאָג אַליין! אפשר ווייסטו...
ווילאַנג, ווילאַנג נאָך גייסטו?"

די רייד, וואָס איך רייד צו אים, הערנדיק,
האָט געענטפערט ניצחיאל, דער אייביקער ייד,
מיט אַ קול, וואָס איז געוואָרן ליד.
ס׳לינקע אויג, וואָס האָט געבלוטיקט טרערנדיק,
האָט נישט געבלוטיקט מער און נישט געטרערט,
און ווי אַ גרויסער פליגל האָט זיין טלית
זיך אַ הויב געטאָן איבער דער ערד,
און געזאָגט האָט ער אַזויערנאָך:

„ביסטו ביי מיין וויג געשטאַנען?
ווייסטו, ווער עס האָט געוויגט מיך אין איר?
קענסטו נישט דעם אָנפאַנג פון מיין זיין,
קענסטו נישט מיין בראשית־ליבע צו גאָט
און די בראשית־ליבע פון גאָט צו מיר —
ווי זשע וואַגסטו צו ריידן אָקעגן דער שטראָף,
וואָס ער שטראָפט מיך אוים ליבשאַפט?

„הערסטו, וואָס די נאַכט זאָגט?
זעסטו אין אירע טיפקייטן
אויגן פון אַ דערלייזער
און אַ קרוין פון גנאָד אויף אַ קאָפּ אַ געלאַקטן?
קענסטו דאָס געזיכט, וואָס שניידט די פינסטערנישן,
ווי דימענט שניידט אַ גלאָז און ווי אַ בליץ — די כמאַרעס?
דאָס בליקט דורך די שפּאַרעס אריה דבי עילאָה.
קענסטו דעם דונער, וואָס וועט די מתים וועקן?
די מלוכה די לעצטע, וואָס ווערט נישט פאַרשקלאַפט?
דער, וואָס באַשאַפט,
האָט מיך באַשאַפן צוליב מיין משיח

און מיין משיח צוליב מיר: וואָס מער איך לייד —
אַלץ גרעסער ווערט די קראַפט, מיין גואלס קראַפט.
די צייטן זיינען גרויסע, ווילדע, דולע, —
פאַראַן אַ סוד אין זייער שטורעם:
ווי ס'איז נישטאָ גאולה אָן יסורים,
אַזוי זיינען נישטאָ יסורים אָן גאולה.
באַנעם־זשע וואָס די אָבות דיינע האָבן וואויל באַנומען
און זאָל צום גואל זיין דיין דאַרשט:
גיי און פאַרש
די סימנים פון זיין קומען."

וואַרשע, 1916

אַרמילוס

א

איך בין אַרמילוס.
כ'וויל אונטערצינדן שטעט און טויטן תפילות.

איך בין די טומאה.
כ'ברעך אוים ווי ערד־טרייסלונג, באַפאַל ווי דזשומע.

איך בין אַרמילוס —
די פרוכט פון גאַנצע דורות קראַנקע צביעות
און פינסטערע רגילות,
קונסט סיפיליטישע און בלעמ'שע נביאות.
איך בין די פייער־קויל, די לעצטע פון די קוילן,
וואָס האָט בסוד געברענט אין אייער אַש.
וואָס איר האָט אין ווערטער־מענטעלעך פאַרהוילן
ריים איך אַראָפּ ווי א באַנדאַזש.

איך בין דער גייסט, וואָס האָט גענאַרט די ניצשעס:
נישט זאַראַטוסטראַ, נאָר אַרמילוס היים איך.

אַמאָל האָב איך באַדאַרפט זיך אָנטאָן אין מליצות,
היינט זאָג איך אָפן: בלוט — און מאָרדן הייס איך,
פאַרניכטונג — מיין באַפעל! עס איז מיין וואָרט,
מיין וואָרט דאָס איינציקע, דאָס קאַרגע:
הרגע!
כ׳רוף אויס צושטערונג! ס׳איז מיין יום־טוב — מאָרד!

איך בין די לעצטע פינסטערע אַנטפּלעקונג:
אַלץ הויבט זיך אָן אין בלוט —
אַלץ מוז זיך ענדיקן אין בלוט!
באַוועגונג וויל איך! דעם סוף אַנטקעגן
קום איך אייך באַוועגן!
בלוט פליסט און קערפּער רוט —
טויט דעם קערפּער! גיט מיר בלוט!

ב

איך בין אַרמילוס.
איך זאָג נישט צו נישט ברויט, נישט פרייהייט,
כ׳זאָג־צו נאָר טויט — און מענטש ווי פאָלק
הערט מיך אויס און שאַלט: אָ, פירער דו, אַרמילוס,
פיר נאָך זיך — איך פאָלג!

מיין זאָג איז וואָגיק און איז שלאָגיק.
אין שלאַכטן שיק איך אייך מיט פייער־פרייד אין אויג,
אויף דעם מלחמה־פעלד פון גוג
און מגוג.

און — איר גייט!
איך בין די שווערד, וואָס איז אַרויס פון אַ באַגילטער שייד,
דער אמת, וואָס האָט געלויערט אויפן דנאָ פון רייד.
אַזוי לאַנג האָט אייער גלויבן
געלעסטערט אַלע געטער,

אזוי לאַנג האָט אייער קונסט געפּראַוועט זנות
מיטן טיוול מיין פעטער,
אזוי לאַנג האָט איר אויף זיך אליין
גערעדט משוגענע רכילות,
ביז איך בין אין גאַרער גרוים אַרוים,
איך, אַרמילוס!

אייער טויט — איך דאַרף אים!
אייער בלוט — איך וויל עס!

איך האָב צעריסן אַלע הילעס,
איך בין דער גילוי איבער גילוי׳ס, —
איך, אייער לעצטער האַר, אַרמילוס!

ג

ווער שטייט דאָרט אין ווינקל און וואָגט נאָך צו פּרעפּלען אַ תפילה?
ווער איז ער, דער נאַר, און וואָס שפּרייט ער די נאַקעטע הענט
צו הימלען, וואָס ווילן נישט וויסן שוין מער פון מחילה?
נאַר איינער, גאָט וועט שוין סיי־ווי נישט ענטפערן!
סדום מוז ווערן פאַרברענט,
סדום מוז פאַרלענדט ווערן!

טויט
ליגט די געפּלאַצטע געדולד.
רויט
האָט געצייטיקט די ש ו ל ד,
הענגט
צוקאַפּנס פון סדום,
בענקט
נאָך אַ האַנט, וואָס פּליקט
און וואַרפט זי אין תהום.
— — — — — — — — — — —
און די האַנט — בין איך!
איך, אַרמילוס, בין די ה אַ נ ט!

ד

— מיין נאָמען איז בן־יוסף;
איך בין די זילבערנע לאָם.
— און איך, דו נאַר, בין אַרמילוס!
איך, דו נאַר, בין דער פלאָם!

— איך ווייס, דו ביזט אַרמילוס.
ביזט גרויס און איך בין קליין.
איך ווייס, דיין נאָמען איז: אַ ל ע,
און איך — איך בין אַ ל י י ן.

— טאָ גיי מיט מיר ווי זיי אַלע,
טאָ גיי מיט מיר צום סוף!
איך בין די לעצטע אַנטפּלעקונג,
נישט דאַוון און נישט האָף!

— דו ווילסט, כ׳זאָל דיר העלפן טויטן?
איך הרגע נישט קיינעם. גיי!
איך וועל מיט דיר נישט מיטגיין,
איך קאָן נישט זיין ווי זיי.

איך זע: דו ווילסט מיך שטעכן.
דו הויבסט אויף מיר די שפּיז.
ווי קאָן איך מיך שטעלן אַקעגן?
דו ביזט דער אייזערנער ריז.

איך קאָן נישט ראַטעווען קיינעם,
אַפילו נישט זיך אַליין.
איינס נאָר קאָן איך באַווייזן:
מיט דיר און מיט זיי נישט גיין.

דו קענסט מיך צו זינד נישט נויטן.
כ׳טראָג זון אין מיין געביין.
און אַז דו וועסט מיך טויטן —
קומט ב ן ־ ד ו ד צוגיין.

ה

דו קוקסט מיך אָן, ארמילוס?
דיר ציטערט אין האַנט די שפּיז?
דו פרעגסט, ווער איז בן־דוד?
זאָג איך דיר, ווער ער איז.

ס׳איז ע ר די לעצטע אַנטפּלעקונג,
נישט ד ו! דורך וועלטן שאַלט׳ס:
אין גייסט איז דער אָנהויב פון אַלעם -
אין גייסט מוז זיך ענדיקן אַלץ.

דו לאַכסט, ארמילוס? דו גלויבסט נישט?
דו שטשירעסט די ציינער פרעך?
טאָ הער, וואָס איך, בן־יוסף,
זאָג דיר, און נאָכדעם — שטעך!

אַז איך, די לאַס, וועל שטאַרבן,
וועט גייסט זיך אָנטאָן אין מאַכט.
אין ליכט איז בן־דוד דאָסזעלבע,
וואָס דו — אין בלוט און אין נאַכט.

בן־דוד קומט פון דער מיט
פון מיין, בן־יוספ׳ס, אומה.
זיין געטלעכער דינאַמיט
רייסט אויף דיין טיפסטע טומאה.

ער, דער רשע מרושע
פון דער לעצטער קדושה,
דער הייליקער באַנדיט,
ער שניידט מיט מאַכט זיין שניט —
און מאָנט אויף די לעצטע ירושה.

וואַרשע, 1931

משיח־ליד 1933

ס'איז דער זיווג נישט געראָטן
דעם, וואָס ס'האָט זיך אונדז געדוכט,
אַז מיר וועלן אין זיין שאָטן
רייסן הימלדיקע פרוכט.
שבתי־צבי, דער בלינדער מלך,
איז צו גיך געוואָרן קנעכט.
נישט געווען איז ער צו הייליק,
און זיין שרה — נישט צו שלעכט.
נישט געווען איז ער דער פרימסטער,
נישט געווען די פרעכסטע — זי.
איז געוואָרןביידן פינסטער,
נישט געוואָרן קיינעם פרי.
מוז מען וואַרטן, ביז דער העכסטער,
ביז דער ריינסטער פון גאָטס זין
פאָרט זיך מיט דער פרוי דער פרעכסטער,
בויגט דעם חסד איין צום דין.

איך, דער פינצטערער מיזיניק
פון אַ קעניגלעכן שטאַם,
חלום דיך, געהיימער קיניג,
חלום דיך, דו לעצטער מאַן.
ווײַלסט צום ווייב אויס טומאה טיפסטע,
טמא־תוהו'דיקסטע זינד,
פלאַם אין נוקבא אירער טריפסטו,
טוסט איר פינצטערניש אַ צינד.
איצט, ווען ס'הערשן דיקטאַטאָרן,
חלום איך דיין דיקטאַטור!
טעג פון שטורעם, טעג פון צאָרן
טראָגן ערגעץ שוין דיין שפור.
ערגעץ גייט שוין רוף פון רופן:
„בראָך איז שוועסטער פון דער טרייסט.

גוף פון טומאה, גוף פון גופ'ן,
וואקס אַלץ מער, ביז דו צעגייסט
אין דעם פייער פון דעם גואל,
אין זיין ליידנשאַפט וואָס פלאַמט!
נישט קיין בלייכער יושב־אוהל —
ער איז מאַכט פון רעכטער האַנט.
אין דער קליפּה פון די קליפּות,
טמא־תוהודיקסטער הור,
טריף מיט גוואַלד די ריינסטע טיפּות,
מאַן פון לעצטער דיקטאַטור!"

שבתי צבי

היה בו ניצוץ אחד קדוש — ותפשו הס"ם במצודתו.

(דער בעל שם טוב)

הויך געוועקט מיט זיין קול־רינה
האָט פאַרצייטנס שבתי צבי
און געהאַרצט האָט די נגינה
מיט איר פלאַקער און איר גלי:
„ווי אַ יונגפרוי, לייכט און טאַנציק,
האָסטו אויסגעזען, בשעת
ס'האָט — ווי מעסערס ריין און גלאַנציק,
ווי פרימאָרגן־טויען נאַס —
מיר דאָס לייב דיינס, פריש געבאָדן,
אינעם אויג געטאָן אַ שלאַג,
גלייך אין שפּאַלטן פון אַ לאָדן —
אַ צעשמייכלטער פאַרטאָג.
ס'האָט געשיקט דיך די פמליא,
לייב פון לייבער דיין לבוש.
ביסט געקומען באתגליא,
זיך אַנטפּלעקט צו מיר בחוש.
ס'האָט נאָך קיינעם נישט געטראָפן

פון די גרעסטע חכמי־ח״ן,
זאָלסט זיך ווייזן צו אים אָפן —
ס׳האָט געטראָפן מיר אַליין.
זינג איך: שובי, השולמית!
ווייז זיך ווידער, ליכטיק לייב!
אוים פאַרטאָג! ווער זון אין תמוז —
און פאַרבלייב מיט מיר, פאַרבלייב.
דאָרטן, אין ירושלים,
וועט די חופה זיין, און דאַן
לייז איך אוים זיי פון מצרים,
איך, דיין זינגער און דיין מאַן.״

ס׳האָט אַזוי מיט זיין קול־רינה
הויך געזונגען שבתי צבי
און געהאַרצט האָט די נגינה
מיט איר פלאַקער און איר גלי.
פאַר די אויגן פון מיין אומה
האָט אַ שכינה־טרוים צעשפרייט
נייע הימלען — און די שטומע
האָבן אויך באַקומען רייד:
שבתי צבי — ער לייזט זי אוים באַלד,
קלאָר דער טאָג שוין און דאָס יאָר.
וואָרט! ער פירט זי אין זיין הויז באַלד —
און דאָס גרעסטע קומט דאַן פאָר:
וואָרום ווען ס׳וועט פול די וועלט זיין
מיט די פריידן פון גאָט׳ס גנאָד,
ווען די חופה וועט געשטעלט זיין
אין דער וואונדער־אַלטער שטאָט, —
פירט זי כל־ישראל אונטער,
און דערנאָך — זינגט, ספירות צען!
איר הינומאָ וועט אַרונטער
און ס׳וועט יעדערער זי זען.

אַט אַזוי האָט פאַר מיין אומה
דאַן אַ שבינה־טרוים צעשפּרייט
נייע הימלען — און די שטומע
האָבן אויך באַקומען רייד.
קומט אַ בשורה קיין קאַיראָ,
אַז אַ שרה איז פאַראַן
אין ליוואָרנאָ — זינגט זי שירה,
אַז משיח איז איר מאַן.
און אַ רויז איז אָט די שרה,
וואָס האָט אויפגעשאָסן, זאַט
מיט קאָלירן געטלעך־קלאָרע,
נאָך די רויטע ת"ח ות"ט.
גאַרט צו זען די פּראַכטן אירע
שבתי צבי — און ס'פאָרן לייט
זי צו ברענגען קיין קאַיראָ,
זי צו פלאַנצן ביי זיין זייט.
שרה, שרה! ס'איז דאָך זיכער,
אַז דאָס איז־זי, דאָס געשטאַלט
פון זיין זעאונג... ברענגט זי גיכער,
די גאולה נישט פאַרהאַלט!

נישט קיין קינד פון עתיק־יומין
איז די זינדיקע געווען
און נישט איר אין זיינע טרוימען
האָט דער וואויל־זינגער געזען,
נאָר, פאַרכישופט פון איר אָטעם,
ווייל ער גאַרנישט חוץ איר חן,
ווייל נישט אויסלייזן גאָט'ס שבטים,
נאָר זיין נזיר־לייב אַליין.
און זיין טאָג איז אים פאַרפלויגן,
און אַ וואונק־געטאָן מיט צוויי
פאַלשע שטערן — שרה'ס אויגן —
האָט די נאַכט צו אים: פאַרגיי!

ס'האָט געוויינט די שכינה: ווי מיר,
ווען דער מענטש, וואָס האָט געזאָלט
זיין דער קעניג דער געהיימער,
האָט דערלייזן נישט געוואָלט.
ס'האָט געהייסן שרה קניען —
בויגט ער קני פאַר'ן סולטאַן,
און דער שטן טוט זיך מיען
און ער טראָגט שוין אַ טורבאַן.

ס'האָט באַגונען אַ באַגינען,
ס'האָט די נאַכט געכאַפּט צו פרי,
און ווי טויען וואָס צערינען
איז צערונען שבתי־צבי.
נאָר אַ גואל וועט נאָך קומען;
ער וועט קומען, ווייל ער מוז:
פיינען צווינגען אים צו קומען —
און ער לעבט אין זייער זכות.
און ווי חשכות'דיק די בראָך איז,
אַזוי העל וועט זיין זיין שטראַל.
הגאולה היא הברחית, —
האָט געזאָגט דער מהר"ל.

וואַרשע, 1920

אדם, שבת, משיח

זעקס טעג האָט גאָט געמיט זיך — און דערנאָך,
ווען פּאַרטיק איז די מענטשן־פּאָר געשטאַנען
פאַר זיין געזיכט, האָט ער געזאָגט: ביז דאַנען —
און האָט געקרוינט מיט שבת־קרוין די וואָך.

און מלכה שבת האָט אין שיינקייט חוה'ן
איבערגעשטראַלט — און ס'איז געווען גאָט'ס קול:
אָט איז דיין הימל־ווייב, דו מענטש, און זאָל
איר ליכט דיר לייכטן אין דיין מי און האָווען.

נאָר ס'איז אויך דאָ אַ שבת פון די דורות
און יענע מלכּה שבת ווייזט זיך דאָן,
ווען ס'קומט צום גמר דער צייטן־פּלאַן דעם בורא'ס.

באַשאַפן וועט דער בורא איר לכבוד
אַ צווייטן אָדם, ער זאָל זיין איר מאַן.
און יענער צווייטער אָדם איז בן־דוד.

בעסער

מיר וועלן ערגעץ גאָט באַהאַלטן,
פאַרשליסן אים אויף זיבן שלעסער.
מיר וועלן אים אין היילן האַלטן —
דאָס וועט זיין הימל מאַכן גרעסער.

צום טאָל דעם טיפסטן נידערט, בערגער!
גיי צו יסוד אַרונטער, כּתר!
ווען ס'וועט דאָס בעסטע ווערן ערגער,
וועט ווערן ס'ערגסטע בעסער.

1937

גאָרנישט אויסער ווערטער

כ'האָב אַ געשטאַלט געזען
פון אַ הויכן טליתדיקן ייד,
מיט אַ של־ראש, וואָס האָט ווי בראַנד־פייער געגליט.
ס'האָבן זיינע ברויזנדיקע אויגן
מיך אָנגעקוקט פון אויבן
און בייז האָט ער אַ מאַך־געטאָן: מחבר!
הער אויף מיט דיינע וויסטע ריידערייען.
אויף די חורבות פון מיין נייעם,
מיין גרעסטן, מיין שרעקלעכסטן
חורבן ירושלים,
לאָז מיך דאָס געשריי פון וועלטן שרייען.

שטער נישט מיט דיין ווערעמדיקער ריידעריי,
מיט דיין ליטעראַטורעכץ —
שטום און שוידער ווען איך שריי!

אין שטומעניש און ציטער
בין איך געשטאַנען און אַרויפגעקוקט צו אים,
פאַרלוירן אין געוויטער
פון זיין גרים.
נאָר מיטאַמאָל איז מיר געוואָרן אַזוי ביטער,
אַז אויך איך האָב פלאַקערדיקס דערפילט,
און ווילד
האָב איך אַרויפגעברויזט צום הויכן שטראָפער:
אויב אונדז, די לעצטע יידן,
איז גאָרנישט מער געבליבן אויסער ווערטער,
ווי זשע האָסטו ס׳האַרץ
צו וועלן צונעמען ביי אונדז דאָס לעצטע העמד —
אונדזערע קליינע נעבעכדיקע ווערטער?

די געשטאַלט
האָט מיט אַ בליץ געטאָן אויף מיר אַ שפּיי
און איז דונערדיק פאַרביי,
אַוועקגעטראָגן ערגעצוואו איר גוואַלד.

אַליין בין איך געבליבן. כ׳בין געשטאַנען אין אַ וואַלד,
אַ וואַלד מיט ווערטער אונטן, ווערטער אויבן.
כ׳האָב דערהערט אַ רוישן:
— ברענג, ווערטער־קלויבער, דיינע קוישן —
נעם זיך קלויבן!

און ווידער, —
אַ, לעצטע יידן, ווערטער־יידן, מיינע שוואַכע ברידער, —
ווידער ברענג איך גאָרנישט אויסער ווערטער,
גאָרנישט אויסער לידער.

1944

אַן גאָט און אַן אַ ייד

דער פאַרטאָג האָט זיך צופלאַקערט
איבער דעם קוואַדראַט פון אַ וואַרשעווער הויף.
אַ סטאַדע צעשראָקענע שאָטנס
האָט שטיל געטאָן אַ לויף
פון אַלטע ווענט אַראָב.
דער בוים, דער איינציקער בוים,
האָט רויט זיך צעלאַכט.
אַ ווינט האָט געבראַכט
ריחות פון גויישע מרחקים.

פאַר רב בערישן, דעם אַלטן חסיד,
זיינען פויגל און זון און מרחקים
געווען זאַכן פון עכו״ם.
געוואוסט האָט דער אַלטער,
אַז פויגל און זון און די אַלע זאַכן,
וואָס שפּילן, לייכטן און לאַכן
ווי טויזנט גליקן,
וואַרטן מיט הכנעה, אַז אַ ייד
זאָל גאָט זיי שענקען, זאָל זיי געבן תיקון.

איז ער געווען פון די ותיקין.
פלעגט ער זיך פעדערן
אַ הייליקן תיקון צו געבן יעדערן:
דעם איינציקן בוים אויפן הויף,
דעם ווינט, דעם פאַרטאָגיקן וואָלקן, וואָס ברענט
איבער דער מויערס אַלטע ווענט.
אין זיינע הענט,
די הענט פון אַ שוואַכן בן־אדם,
איז דער שליסל צום טויער געווען —
צום טויער פון חסדים.

וואו איז זיין תפילה? זיין תיקון וואו איז?
מאָרד, מאָרד, מאָרד.
זיין תפילה, זיין וואָרשע, דער ייד אַליין —
אויסער וועלט, אויסער צייט, אויסער אָרט.
נישטאָ מער דער ייד, מע הערט נישט זיין קול —
און נישטאָ וועט עס זאָל
געבן אַ זין דער זון,
שענקען אַ גאָט דעם טאָג.

1944

זומער 1937

ס'איז היינט אַזוי לייכט פאַר'ן קינד צו מאַכן
די בייזע אַנטדעקונג, אַז מענטשן טויטן
און ווערן געטויט: אי מענטשן, אי זאַכן
ריידן די שפּראַך פון דעם מלאך דעם רויטן.
פרעגט מיך דאָס קינד: פאַרוואָס הרג'עט מען, טאַטע? —
און קריגט נישט קיין ענטפער. מיט אויגן מאַטע
קוק איך אַרויף צו דער זון פון זומער.
אַ בלאַט אויפ'ן טיש. אַ בלוטיקער נומער.
ס'וואַלגערן זיך מתים אין יעדער שורה.
ווער טוט זייער רעכט זיי? ווער ברענגט צו קבורה?

אַ בליק אַרויף צו דער זון פון זומער,
אַ בליק אַראָב צום בלוטיקן נומער.
עס פאַלט דער בליק אויף עפּעס אַ מאמר —
און ביאַליק'ס פּערז גייט אויף אַלט-ניי מיר:
די זון האָט געלויכטן, דער שוחט געשאָכטן,
און דער שרייבער האָט זיינע מליצות געפלאָכטן.

אין ראַדיאָ גערגעלט זיך עפּעס אַ זינגערין
מכח איר ליבע-שמאַרץ (נעבעך אַ גרויל!).
כ'באַשליס דעם וויטאָק איר צו פאַרגרינגערן —
און מאַך דער ראַדיאָ צו דאָס מויל.

שטילקייט. זון-שטילקייט. זשום פון פליגן.
אבי די קונסט איז געוואָרן אַנטשוויגן,
די שמייליקע קונסט, דער באַצאָלטער ליגן.

האָרך, מיט געפּילדער
פליט קעגן זון אַ פויגל אַ ווילדער:
עס זינגט זיין שטאָלערנע מוזיק
אַ מיליטערישער עראָפּלאַן.
מוזיק פון בלוט, מוזיק פון קריג,
מוזיק פון נייעם טשינגיז-כאַן.

פאַרפלויגן — און ווידער אידילישער ניגון
פון זומערדיק-שלומערדיקע פליגן.
איך זיץ אין זומער-ליכט ווי אין תפיסה.
זון און שחיטה. זומער און מיתה.
איך קוק צו דער זון ווי דורך אַ קראַטע.
און דער קליינער שטייט-צו: איך פרעג דאָך דיך, טאַטע!
פאַרוואָס הרג׳עט מען, טאַטע?

1934

קבלה־ליד וועגן צווייטן וועלט־קריג

האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף די אַלטע נייַן תנינים.
רויט-געקליידטע דינים
זויפן ווייַן פון טומאה׳ס פעסער.

וואו איז גאָט?
דורך אַלע ספירות בליצט אַ מעסער.

מיט גרויס געוויין
איז מלכות אַוועק פון י ס ו ד
און געפאַלן פאַר כ ת ר.

ס׳האָט גלאָקיק זיך צעבילט
בל־אָדון, הונט פון טיפסטן אונטן.
ווילדער ווי ווילד
טוט ער הונטן.
בונט איבער בונטן!
ס׳ווערט זיין הינטישע גאווה אַלץ גרעסער.

די זיבן הבלים, די אָטעמס, וואָס אויף זיי טוט זיך האַלטן
די באַשאַפונג — ווילן ערגעץ זיך באַהאַלטן,
דעם אָטעם פאַרהאַלטן,
ווערן אַנטרינער, פאַררעטער, פאַרגעסער.

וואו ווילט איר אַנטלויפן, הבלים?
וואָס פרייט איר זיך, שכורע דינים?
וועט דער שלאָף אייך צוריק נישט באַצווינגען, תנינים?
איז, בל־אדון, דיין ביל נישט קיין חלום?

אפשר דאַרפן אויף די אַלטע טויערן פון תהום
אָנגעהאַנגען ווערן נייע שלעסער?
אפשר איז עס רעכט?
ס׳מוז אַלץ אפשר ווערן נאָך שלעכטער ווי שלעכט,
כדי בייז זאָל זיך וואַנדלען אין בעסער.

ניו־יאָרק, נאָוועמבער, 1940

מנחם בן־עמיאל

מנחם קומט, עמיאל׳ס זון!
פון אונדזער בלוט גייט אויף זיין זון.

עס איז די וואָלקנס שוין באַקאַנט,
שוין ריידן שאָטנס אויף דער וואַנט,

די פייגל זינגען שוין דערפון:
מנחם קומט, עמיאל׳ס זון!

באַלד וועט ער אויפשטיין ווי אַ בראַנד,
האַקט אַב סמאַל׳ס רעכטע האַנט,

איז ממשיך גנאָד אויף אונדז און ברכות
מיט צוויי און זיבעציק המשכות,

גיסט אויס גאָט׳ס גייסט אויף קינד און קייט
און רייסט, צערייסט די לעצטע קייט.

אָט איז ער נאַכט און רזי־רזין,
איז שטיל און נידעריק ווי גראָזן,

נאָר אונדזער ווייטיק איז זיין פּאַנצער,
ער ווערט אַלץ שטאַרקער און אַלץ גאַנצער.

ער וואַקסט געהיים און ווערט אַ ריז,
וואַרפט סיטרא בישא פון די פיס,

וואַרפט אום די פלשתים־זיילן אַלע,
נאָך איידער ס׳ווערט זיין אור נתגלה,

טויט אדום׳ס שר מיט גאָט׳ס געווער
און באָדט זיין לייב אין אונדזער טרער.

פון טיפסטן שאָטן לייכט זיין ליכט,
פון שוואַרצסטן וואָלקן — זיין געזיכט.

פאַר מידע אויגן — ווי אַ וואונק —
פליט דורך זיין וואונדער־העלער פונק.

פלינק שלאָגן האַמערס ערגעץ ווייט,
הויך איבער אָרט און איבער צייט,

און צו דעם כותל, צו דעם איינעם,
ווערט מיט דעם כוח פון דעם א י י נ ע ם,

ווערט מיט דעם כוח פון הויה —
אין הימל צוגעבויט דריי נייע.

באַלד ווייזט זיך, וואונדערליך געשניצט,
דער נייער מקדש — און ס'פאַרבליצט

זיין גאָלד, אויף הימל-וואָג געוואויגן,
ירושלים'ס אַלטע אויגן.

אין אַ פאַרוואָרלאָזטן בית-תפילה,
וואָס טרויערט אויף אַ טויטער קהילה,

וואו ס'שוועבט די שכינה די אַלמנה
ווי אַ פאַר'אַבל'טע לבנה,

און ס'זאָגן ווענט אַ קדיש-יתום —
דאָרט דאַוונט עמיץ אין שבתים.

עס ווייס נישט קיינער ווי ס'זעט אויס
דער לעצטער דאַוונער פון גאָט'ס הויז.

און רופט, ווי ס'קומט צו קריאת-תורה,
אַ נישט-געזעענער בעל-קורא:

„יעמוד דער גואל פון אריאל,
דער בכור פון צבאות אַכתריאל!" —

קומט, ווי אַ זון אַ יונגע רויט,
נאָך יענעם הילכיקן יעמוד,

אַ ספר (פרייט זיך, ווענט איר הוילע!) —
און צו דער תורה איז ער עולה....

די מידע שכינה שטייט און האָרכט,
די שול פאַרגייט אין פרייד און פאָרכט,

אויך די פרוכת־לייבן ווערן
אַ רגע לעבעדיק — און הערן.

זיי טוען פלוצלינג זיך אַ ריס,
אַ שטעל זיך האָסטיק אויף די פיס,

אַ בריל מיט פריידיקער הכנעה:
„געקומען אַריה־דבי־עילאה!"

1920

דאָס ליד פון דוכרא און נוקבא

געשלעכט האָט דיך געשלאָכט,
געשלעכט האָט דיך געשלאָכט!
דיין בלוט האָט זיך געגאָסן,
אַ וועלט, צוליב געשלעכט.
געשלעכט פירט אָן געפעכטן,
געשלעכט — דאָס איז געפעכט.
ווען אונטן קעמפן פעלקער —
קעמפט אויבן פרוי מיט מאַן,
דער דרויסן — מיטן דרינען,
מיט דאַרף־זיין — דער פאַראַן.
עס קעמפט דער באַרג פון דוכרא
מיט נוקבא׳ס טיפן טאָל —
פון טאָל אַרויס וועט דוכרא
אַרויסקריגן אַמאָל

נישט קינ'ען, נישט הבל'ען,
נישט מערדער און קרבן בלויז,
נאָר אים, דעם מאַן דעם רעכטן,
דעם גואל שטאַרק און גרויס.
נוקבא־דתהומא־רבא'ס
נאַכט, וואָס דוכרא באַפאַלט,
געבוירט דעם מאַן פון שבת
אין דוכרא'ס העלסטער געשטאַלט.
נאָר בייז און ווידערשפעניק
איז דערווייל דער נוקבא'ס נאַכט,
זי געבוירט נאָר הבל און קין —
און דו ווערסט, אַ וועלט, געשלאַכט!
געשלעכט האָט דיך געשלאַכט,
געשלעכט פירט אַן געפעכטן:
צוליב דעם מאַן דעם רעכטן
האָסטו נישט איינמאָל געקראַכט,
און ס'וועלן נישט איינמאָל נאָך קראַכן
די ווענט פון דיינע יריחוס,
ביז נוקבא גיט זיך אונטער,
ביז דוכרא פירט דורך זיין שליחות,
און פון דער נוקבא'ס טיפן
גייט אויף דער מאַן דער רעכטער:
אין אים מאַכן שלום די שלאַכטן,
אין אים ווערן איינס די געשלעכטער.

ווארשע, 1926

ש ט ו ר ע מ ל י ד

אײדער עס קראַכן די לעצטע זאַכן
און אײדער עס פּלאַצן די לעצטע הילן,
די בערג צעפאַלן, די טאָלן בילן
און ברויט פון אונטערגאַנג מאָלן מילן; —

איידער די ערדקויל נעמט ווידער ברענען
און ס׳הויבן אַן יאָרן אויפסניי צו ברילן, —
שפּילט אייך אין ווערטער און שלאָפט מיט ווייבער,
און ווילט נישט וויסן, און ווילט נישט פילן.

איר קינדער אָדמס, איר זענט געוואָרן
די קרענק דער ערדס און אירע באַצילן.
גאָט טוט שוין תּפילה צו נייע שטורעמס,
וואָס וועלן, צעשטערנדיק, טון זיין ווילן.

1931

ליד פון לעצטן אינטערנאַציאָנאַל

און ווען אַלע וועלן האָבן אי די אַרבעט, אי די זעט,
וועט קומען דער גערעכטיקייטס גרעסטער פּאָעט
און וועט זיך אָננעמען די קריוודע פון דעם מענטש דעם קאַליקע,
פון אַנאָרגיקע, אַנהענטיקע, קרעציקע, פּאַליקע.
קאַפּיטאַל וועט דאַן ליגן געהרגעט —
וועט ער פירן מחנות קעגן אַרבעט,
ווי איצט פירט מען מחנות קעגן קאַפּיטאַל.

און זיין וועט דאָס דער לעצטער אינטערנאַציאָנאַל,
אינטערנאַציאָנאַל פון מענטש דעם קאַליקע,
פון קראַנקע, בלינדע, פּאַליקע,
און פון דיכטער, וואָס ווילן ניט אַרבעטן, נאָר זינגען,
פּאַנאַנדערשיקן קלאַנגען ווי ספירה׳דיקע רינגען
איבער אומבאַקאַנטע וואַסערן.

פּאַרנעמט דאָס ליד פון לעצטן אינטערנאַציאָנאַל,
אינטערנאַציאָנאַל פון די, וואָס קענען נישט,
און די, וואָס ווילן נישט,
אין אַרבעט זיין געשפּאַנט!
פּריצייטיק איז דאָס ליד — און אפשר נישט.

אַ מענטש וועט קומען צום סוף פון די טעג,
אַ שונא פון דער מי,
און אויפבונטעווען וועט ער אַלע די,
וואָס זייער גאָלד ווערט פאַררעכנט פאַר שמעלץ —
די נישט־אַרבעטער דער וועלטס.

און אַזוי וועט זאָגן דער פירער דער לעצטער:
אַרבעט איז ניט ציל,
אַרבעט איז נאָר וועג צו שפּיל,
פרייער, העכסטער שפּיל פאַר גאָט.

און מחנות ריזיקע וועט ער זאַמלען
און מחנות ריזיקע וועלן שרייען:
„מיר ווילן גליק,
מיר ווילן גליק,
מיר ווילן גליק!
אַהער צוריק, אַהער צוריק, אַהער צוריק
אויגן, הענט, פיס, פריידן,
פאַרלוירענעם גן־עדן!"

און וואָלקנס און ימען שפּאַלט דער גוואַלד,
און גאָט אַליין מוז נידערן
און אָננעמען געשטאַלט.
אין אַ לבוש, געהאַפּטן פון נשמות און פון שטערן,
קומט ער אַרוים
צו די רעוואָלוציאָנערן,
און ער עפנט, דער בועז פון וועלטן, זיין שייער —
און אַלע זיינע גיטער
צעגיט ער:
דעם בלינדן — אַן אויג פון פייער,
דעם שטאַמלער — די שאַרפסטע פון צונגען,
דעם שווינדזיכטיקן — בליענדיקע לונגען,
איטלעכער עקרה — איר קינד,
איטלעכן גולם — זיין מהר"ל...

אַט דאָס איז ס׳ליד פון העכסטן,
לעצטן און גערעכטסטן
אינטערנאַציאָנאַל.

1931

ווידער

ישראל איז אין בלוט פאַרגאַנגען ווי די זון.
געשאָכטן ליגט אברהמס זון —
פאַרוואָס האָט גאָט נישט צוגעשיקט דעם ווידער?

זאָגט די עכאָ: ווידער.

אָנשטאָט אין אָפּגרונט זיצן שבעה,
וועלטן איר פאַרשיווע,
דרייט איר זיך נאָך אַלץ
ווי פערדלעך הילצערנע פון קאַרוזעל.
פלאַנעטן אָן אַ ציל און אָן אַ זעל,
ישראל איז אין בלוט פאַרגאַנגען —
און איך ווערט ס׳דרייעכץ נישט דערווידער!

זאָגט די עכאָ: ווידער.

לועג-לרש׳עדיקע עכאָ,
קרימסט מיך נאָך ווי אַ פּאַיאַץ.
פּלאַץ,
פּוסטע פּויק פון קידער-ווידער!

קומט די עכאָ ווידער.

זאָג איך: ווידער?

הויבט זי אָן צו ריידן
נישט מיינע רייד.
זאָגט זי: „ס׳פאַרגייט
די זון ישראל אַלעמאָל
און אַלעמאָל גייט אויף
די זון ישראל ווידער.
דאָס זאָגן מיר דיר, מידער,
מיר, דיינע אייביקע טאַטעס,
אייביקע ברידער.
ווען דער טייוול זאָגט: האָף נישט,
זאָג אים ס׳וואָרט, וואָס האָט קיין סוף נישט,
זאָג עס אָבער, זאָג עס ווידער:
ווידער.״

אַפּריל, 1944

ליד פון דער נאַכט אויף די דעכער

אונ ס׳האָבן די יידן פון באַגראַד זיך פאַרזאַמלט אויף די דעכער און געוואַרט, אַלרואי זאָל קומען אויפן וואָלקן און זיי אַוועקטראָגן מיט ווייב און קינד. אַ נאַכט אַ גאַנצע האָבן זיי געטאָן וואַרטן און אויף צומאָרגנס האָבן די גוים געטריבן שפּאַס פון זיי. (פון אַלטע ספרים).

אַמאָל איז געווען אַ מעשה —
פאַראַן די מעשה ביז איצט.
עס טראָגן איר שפּור אַלע זאַמדן,
אויף נאַכט-טאַוולען שטייט זי געקריצט.
אַמאָל איז געווען אַ מעשה —
פאַראַן די מעשה ביז איצט.

אַמאָל איז געווען אַ משיח —
און אפשר נאָר גאָטס אַ נאַר.
אַלרואי האָט ער געהייסן,
גערעדט אין נאָמען פון האַר.

אַמאָל איז געווען אַ משיח —
און אפשר נאָר גאָטס אַ נאַר.

אין יענער צייט זיינען זקנים
געקומען קיין באַגדאַד.
גרייט זיך! די נאַכט געשעט עס!
אַזוינס האָט די וועלט ניט געהאַט!
ער קומט ביינאַכט און ער נעמט אייך,
יידן פון קהילת באַגדאַד.

וואוהין וועט אַלרואי אונדז נעמען?
וואוהין, איר זקנים, וואוהין?
אַהין, צום טאָג דעם נייעם,
טראָגט ער אייך, יעקבס זין.
אַהין, אַהין, אַהין.

ווי־זשע טוט ער אונדז נעמען?
ס׳וועט דאָך אים זיין צו שווער!
מיר האָבן ווייבער און קינדער
און אַ טרויער — אַ שווערן בער.
ווי־זשע טוט ער אונדז נעמען?
ס׳וועט דאָך אים זיין צו־שווער!

— ער קומט אויף אַ וואָלקן און טראָגט אייך.
גייט אַרויף אויף דעכער און וואַרט.
היינט נאַכט ווערן הימלען געעפנט
און אָפּגרונטן ווערן פאַרשפּאַרט.
ער קומט אויף אַ וואָלקן און טראָגט אייך —
גייט אַרויף אויף דעכער און וואַרט.

זענען אַרויף אויף די דעכער
די יידן פון באַגדאַד.
אַרויף מיט ווייב און מיט קינדער,
מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט.

געוואַכט, געוואַכט אויף די דעכער,
ווען שלאָף איז אַראָפּ אויף באַגדאַד.

— וואָלקן, דו וואָלקן, מיר וואַרטן!
קום מיטן גואל און טראָג
אַהין, צו די שוועלן פון העלקייט,
אַהין, צום טויער פון טאָג.
וואָלקן, אָט וואַרטן מיר אַלע.
טראָג אונדז אַלע, פאַרטראָג.

עס האָבן דערנאָך די גויים
געלאַכט פון זיי אין דער פרי:
„וואו איז דער וואָלקן, יידן?
וואָס הערט זיך מיט אייער פלי?"
אַזוי־אָ האָבן די גויים
געלאַכט פון זיי אין דער פרי.

מיר וועכטער צו לייטיש געלעכטער,
מיר וואַכן נאָך אַלץ אויפן דאַך.
מיר וואַרטן נאָך אַלץ אויף די דעכער,
מיר יידן, גאָטס איינזאַמע וואַך.
מיר וועכטער צו לייטיש געלעכטער,
מיר וואַכן נאָך אַלץ אויפן דאַך.

1934

עס רופט דער גאָט פון די יידן...

עס רופט דער גאָט פון די יידן
צו אַ צווישן־דור, וואָס רוט
אויף הויפנס ליטעראַטור־מיסט:
גענוג האָסטו, דור, גערוט!
איך שיק דאָס אייביקע מעסער —
אַהער דאָס אייביקע בלוט!

וואָס מאַכט זיך מיין קרבן געשטאָרבן ?
אומזיסט דער אָנשטעל, אומזיסט.
איך וויל נישט קיין טויט קיין פאַלשן ;
שטאַרב — און ווער וואָס דו ביסט.
גרויס זאָל דער טויט דיך מאַכן,
אויב ס'איז דיין לעבן מיסט.

דאָס מעסער איז נישט פון נעכטן,
דאָס בלוט איז נישט פון היינט.
עס קענען זיך בלוט און מעסער
ווי אַלטע גוטע פריינט.
דאָס מעסער איז נישט פון נעכטן,
דאָס בלוט איז נישט פון היינט.

דאָס אייביקע מעסער נאַ דיר —
דערלאַנג דאָס אייביקע בלוט !
דיין מיסט פון ווערטער צינד איך,
וואָס דו האָסט אויף אים גערוט,
און וויים : די דורות פאַרבינד איך
דורך בלוט, דורך בלוט, דורך בלוט.

ווארשע, 1934

ש ט אָ ם

אין פאָטערשטול איז ער געזעסן,
געבויגן פון חכמה און יאָרן,
און ווערטער פאַרקלערטע געשנירלט
(ס'איז אָוונט געקראָכן אויף ווענט) :
וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ ווייניקער בלייבט דיר צו פאָרן ;
צום אור־שטאַם דערפאָרסטו אַלץ נענטער
און ווערסט פון נישט־היגע דערקענט.

וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ שווארצער, געדיכטער די ביימער,

וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ ווייניקער ערד פאַר די פיס.
דו ביסט אויף דער ערד און דו ביסט נישט,
עס ווערט אַלץ געהיימער, געהיימער,
און ס׳קומט פון דערווייטנס די קינדהייט
און פרעגט דיך פאַרזאָרגט, וואָס דיר איז.

וואָס ווייטער אין וואַלד פון די יאָרן —
אַלץ קירצער דער וועג צו די אבות.
מעגסט טענהן: איך וויל אייך נישט קענען —
זיי קומען, זיי נעמען דיך מיט.
פון הויכע, פון אייביקע שפּיצן
(דאָרט וואַרט שוין דער מלאך־המות)
גליטשט ווייס זיך אַקעגן אַ מחנה
און פרעגט דיך: וואָס טוט דאָ אַ ייד?

דו וואַרפסט זיך: נישט אייערער בין איך!
וואָס שאַרכט איר מיט ווייסע געוואַנטן?
די בערד — נעמט זיי צו... ס׳איז אַ טעות...
כ׳האָב בונט און פאַרשווערונג געשמידט!
זיי שמייכלען... זיי הויבן די בערד אויף
צו עפּעס אַ הויך־אומבאַקאַנטן —
און ענטפערן אָפּ: יעדער ייד איז,
רב פעטער, אַן א י י ב י ק ע ר ייד...

און שטיל ווערט אין וואַלד אין דעם שוואַרצן,
און ס׳ווינקען די אייביקע שפּיצן,
און ס׳פּיפּסט נישט פון ערגעץ קיין פויגל —
און אָט איז די ערד נישט קיין ערד.
גרינג טראָגן דיך בערדיקע דורות
צום נעסט, וואו די אור־פאָטערס זיצן,
און ביסט ווי אַ קינד, וואָס גייט שלאָפן
אין שאָטן פון זייערע בערד...

1934

ליד פון אַ משומדת

אין אַ נאַכט אַזאַ —
ס'איז נאָך דעמאָלט מיין נאַכט
נישט געווען קיין געשמדטע —
איז ער געזעסן, מיין טאַטע,
אין זאָקן אויף דר'ערד,
און געוויינט, הלמאַי
מע האָט אים אַ זאַך נישט-קיין-היגע צעשטערט,
אַ ווייטע, אַ לאַנג-נישט-געהאַטע.

אין אַ נאַכט אַזאַ
איז ער געזעסן אין שטוב
ווי אין תפיסה הינטער אַ קראַטע,
און ס'האָט זיך דער טרויער געוויגט
אויף זיין וואַלדיקער באָרד.
וואָס האָט ער געוואָלט,
מיין טאַטע?

דעמאָלט האָט נישט, ווי איצט,
פון טונקעלע גערטנער
געשאַלט מוזיק;
עס האָבן מיין לייב נישט געברענט
דיינע לאַסקעס.

אין אַ נאַכט אַזאַ
האָב איך פון געלעגער געהערט,
ווי ער וויינט, הלמאַי
מע האָט אים זיין זאַך די ווייטע צעשטערט,
און טונקל און שוואַך
האָט פאַר אים אַ ליכטל געברענט —

וואָס איז עס געווען פאַר אַ זאַך?

1934

זונטיק אויף וואַשינגטאָן סקווער

אַ שטייפער יענקי אין אַ פּאַנאַמע —
און ביי זיין זייט, מיט איר הינטל, אַ דאַמע,
וואָס וויגט זיך קאַקעטיש אויף הויכע פּיס.

אַ בלאַנק-באַקראַגנטער פּינצטערער נעגער
מיט אַ רויז אין לאַץ,
טונקעלע ברילן און געלע שיך,
און אַ יונגע נעגערטע — אַ שלאַנקע קאַץ —
זיצן אויף אַ באַנק, פּלוישן הויך און גיך.

דער שאָפער זיצט אינעווייניק אין קאַר.
אין קאַר שפּילט ס׳ראַדיאָ.
ער לייענט אַ בלאַט.
אַ זינגערין זינגט אים פון ליבע —
נאָר ער הערט נישט. ער לעזט די געשיכטע
פון דעם נייסטן מאָרד אין עפּעס אַ שטאַט.

דער פּאָרטער פון נאָענטן האָטעל
שטייט, מער ווי שטענדיק, צערעמאָניעל
און גאָר באַזונדערס עלעגאַנט,
מעשה מיניסטער פון אַן עקזאָטיש לאַנד.

אַ פאַרטראַכטע מולאַטין מיט אַ רינג אין אויער
רייכערט אַ ציגאַר, לאָזט רויך פון נאָז
און איז פול מיט טרויער.

עס דרעמלט איבער אַ יידיש בלאַט
אַ קליינע זקנה אין שפּאַקולן.

ס׳איז זונטיק. ס׳איז מאַי.
פּאָרלעך אויף פּאָרלעך אין וואַשינגטאָן סקווער.

אַ מיידל מיט אַן אָפּגעשניטענעם פּוס
גייט שפּאַצירן אויף קוליעס.

דער באַס, וואָס גייט צו ריווערסייד דרייוו,
איז געפּאַקט. מע זיצט
אויף דער אָפענער אויבערשטער פּלאַטפאָרם.
אויסגעפּוצטע מיידלעך, שוויסיק און רייף.
אַ נעגער־יונג בליצט
מיט פולע שיסלען פון ווייסלען.
גאָטס וועלט איז אין גוטער פאָרם.

ס׳איז זונטיק. ס׳איז מאַי.
פאַרלעך און פייגל אויף וואַשינגטאָן סקווער.
אויך אהרן צייטלין איז דאָ דערביי —
ווער וויים, וואָס מיט אים איז דער מער.
אויך ער איז דאָ דערביי —
ווי קומט ער איבערהויפּט אהער?

אַ וועלט האָט ער געהאַט, אַ וועלט פאַרלוירן.
זיין וועג — פאַרהוילן.
עס טאַנצט פאַר אים אַ וואָרט,
אַרומגעהילט מיט פלאַמען פון מאָרד,
אַ סיגנאַל, אַן אַקאָרד:
פּ ו י ל ן.

1942

מ אָ ר ג ן

מע זעט זיך מאָרגן ווידער, זומערפייגל, זאַמדן!
אַ גוטע נאַכט אייך,ביימער! גאָרטן, זיי געזונט!
צום ווידערזען, מיין העפט מיט צייכנונגען פון פערד־קעפּ!
צום ווידערזען, גריןביידל מיט דעם שוואַרצן הונט!

צום ווידערזען, איר ווענט. און האָט נישט מורא, פענצטער.
מע זעט זיך מאָרגן ווידער. ווײנט נישט: ס׳איז געווים.
צום ווידערזען, דו טיר! צום ווידערזען, דו גאַניק!
צום ווידערזען ביז מאָרגן, אויגן, פינגער, פיס!

אַזאַ מין צעטל (קאַטאַלאָגמעסיק ווי וואָלט וויטמאַן)
האָט אויסגערעכנט אָונטצייט מיין זון,
ווען ס׳איז די זון איבער דעם זומערהויז אין שווידער
געגאַנגען שלאָפן ווי אַ מידע הון.

איך הער אים ריידן נאָך — פאַרנאַכט אין שווידער.
(ווען כ׳בין פון אים אַוועק, איז ער געווען ערשט אַ יאָר אַכט.)
אַצינד, ווען וועלטן ליגן טיף אין נאַכט,
זאָג איך אים נאָך: מע זעט זיך מאָרגן ווידער.

אין אָט דער איבער-אויסטערלישער נאַכט,
ווען טייוול פּראַוועט ווילדן קידער-ווידער
מיט גאָט, ווען אַלץ צעפּאַלט, צעפליט, צעקראַכט,
זאָג איך: מע זעט זיך מאָרגן ווידער.

צום ווידערזען דיר, אויג. צום ווידערזען דיר, ליכט.
צום ווידערזען דיר, מענטש, אין שוצקעלער פאַרבאָרגן.
צום ווידערזען דיר, ווידער! צום ווידערזען דיר, זון!
צום ווידערזען ביז מאָרגן!

ניו־יאָרק, 1942

פּ ע ט ע ר ס ט אַ י וו ע ס ע נ ט

ביז איז אין דער היים געווען אַ קלויסטער —
און פאַרשטאַרט.
האָבן מיך געאַרט
זיינע שווערע גלאָקן און זיין וואונד-גאָט דער געוויזטער.

היגע קלויסטערס, גוטמוטיק־אַמעריקאַניש,
שווערן נישט אויף מיר מיט וואונדיקייט אַנטבלויזטער.
דער קלויסטער מיטן זייגער־טורעם
מיין צימער קעגנאיבער
מאַכט מעשה דזשענטלמאַן: האַלאָ, האַו דו יו דו?
קוק איך אים אָן — און ס'וואַנדלט זיך אין רו
מיין טרויער דער צעברויזטער.
עס שמייכלען די יסורים.
אַן אַלטער פסוק גיט אַ וואונק:
ובכן ראיתי רשעים קבורים.
ווייל דאָ אַנטקעגנאיבער ליגט ער,
טאַקע דאָ, אין דער קלויסטער־ערד, הויזט ער,
דער האַלץ־געפּוסטער קאַפּיטאַן,
וואָס האָט געברילט אַ צאָרנדיקן בריל
אויף מיינע ברידער פון בראַזיל.
אין זיין ניי־אַמסטערדאַם, דעם פישער־דאָרף,
האָט אים אַריינלאָזן נישט געפּאַסט
דעם גאַסט, וואָס בויט די וועלט און ווערט געהאַסט:
ירושלימס בלאָנדזשענדיקע קינדער.
נו, אַצינדער
שטיי אויף און טופּע מיט דיין האָלץ־פוס,
פּעטער סטייוועסענט!
איצט וועסטו דאַרפן טופּען, קאַפּיטאַן,
נישט אויף עטלעכע און צוואַנציק מאַן,
נאָר אויף צוויי מיליאָן מיט אַ האַלבן.

זאָל נישט זיין דיר קשה,
וואָס איך, אַן אימיגראַנט,
שרייב אָט דאָס ליד אין אַ העל גרויס לאַנד,
קעגנאיבער דיין קבר, הילצערנער רשע.
עס שטייט פאַרשריבן אויף די ווענט
פון אַלע בבלס
און אויף די טאַוולס

פון אַלע געשיכטן:
ייִד איז עלעמענט.
ווער זשע קאָן אַן עלעמענט פאַרניכטן?

1942

יידישע לאַנדשאַפט

צעשאָסענער בוים,
געהאַנגענער מולד.
אונטן אין טאָל
ליגט ס׳שטעטל געקוילעט.
און אויפן טראַקט —
משיח בן־יוסף, אויף שטיקער צעהאַקט.

עורי צפון
ובואי תימן.
עס שטייען אָפן
די אויבערשטע היימען.
אַ וועג פון היכלות —
הויכע היכלות —
פירט צום גלות,
צו בלוט און געוויין.
משיח בן־דוד לאָזט זיך גיין.

1942

אויפן קבר פון שרה אַהרנסאָן
אין זכרון יעקב

אין בית-עולם-גריז דעם טיפן
חלומט שטילקייט סאַמנאַמבולע
פון גאולה.

ס'זונט און כמארעט.
ס'האַלט דער טאָג אין בייטן קליידער.
אויף דעם הימל'ס הויכן וועבשטול
ווערט געוועבט עפּעס כסדר.
ביסטו הימל, עפּעס מכין,
אָבער שפּילסטו סתם אַזוי-זיך?
גיב אַ צייכן!

די מצבה — אָט-אָט קראַכט זי
און צעשרייט זיך. אָבער שטיל איז.
ווינטן שווייגן. ס'קניען תפילות.
און אין גראָז, אין גראָז דעם טיפן,
לויערט שטילקייט סאַמנאַמבולע:
שאַ — — גאולה — — —

עזאַטערישע פּאָעמע

עזאָטערישע פּאָעמע

י. באשעוויס'ן

א

אויף אַ באַרג שטייט אַ בוים,
אויפן בוים שטייט אַ זון,
אַרום איז אַ גרינקייט
און די ווייטקייט איז אָפן.

פאַרביי באַרג פאָרט אַ ייד
אין אַ ליידיקן וואָגן,
ס'קאַשקעטל אַראָפּגערוקט;
אין די הענט זיינע לויפן
די לייצעס.

אויף אַ באַרג שטייט אַ בוים,
אויפן בוים שטייט אַ זון,
אַרום איז אַ גרינקייט אַ גרויסע,
פאַרביי פאָרט אַ ייד.

הויך זיינען אַלע פיר:
דער באַרג און דער בוים,
די זון און דער ייד.
באַרג און בוים שטייען,
בוים און זון שטייען,
די גרינקייט ליגט — דער ייד פאָרט:
פאָראויס פאָרט די באָרד,
נאָך איר — דער וואָגן.

הויבט אָן זיך פון ערגעץ צו טראָגן
אַ ווינט,
שלעפּט אונטער'ן אָרעם
וואָלקנס אַ זילבערנעם פּעקל
און זוכט אַן אָרט,
עס אַרונטערצואוואַרפן.

דערזעט ער דעם פּאָרער,
פאַרשליידערט ער ס'פּעקל וואו ס'מאַכט זיך—
ערגעץ עק וועלט,
כאַפּט אָן דעם ייד ביי דער באָרד,
גיט אים אַ טאַנץ אויף די פּלייצעס,
אים די לייצעס —
אַ טאָרע,
די ברעמען — אַ הויב,
דעם בוים קעגנאיבער —
אַ צעשויבער,
ווי אַ פּאַסטוך אַ פּייף,
ווי אַ רעגנוואָרם אַ פאַרקריך,
און אויף גיך, אויף גיך
אַ פאַרקוילער זיך — פיו!

שטייט שוין דער בוים אויפ'ן באַרג צעשויבערט,
דערלאַנגט די זון זיך אַ הוידע
אין איר הוידלקע דער פלעמלדיקער,
ציטערן אויף
די לאַנגע גרינע פּיס דעם באַרג'ס —
איינס צום אַנדערן גענענט און רוקט זיך.
דער ייד פאַרקוקט זיך.
ס'בלייבט אים שטיין די באָרד,
ווי איינער זאָגט: אַז מען פּאָרט —
דערפּאָרט מען.

אויף דער קעלניע זיצט ער,
דעם בוים באַגריסט ער.

דער בוים גיט אַ פליעסק מיט אַ צווייג:
— וואָס מאַכט אַ נסתר?

— אַט! וואָס זאָל מען מאַכן?
מע לעבט. מע יערט זיך.
געוויינטלעכע זאַכן.
און ביי דיר וואָס הערט זיך?

— ביי מיר? — מאַכט דער בוים. —
גאָרנישט. מע שטייט און מע קלערט זיך.

— האָסט עפּעס אויסגעקלערט?

— יאָ, כ׳האָב מחדש געווען.

— אַז וואָס?

— אַז בוים און פויגל זענען דאָסזעלבע!

אַזוי זאָגט דער בוים, גיט אַ קוק צו די אייגענע פּיס,
און — אַז ער גיט זיך דאָס נישט אַ בויג־איין,
ווי הויך ער איז!
די צווייגן ווערן אים פליגל,
דער שפּיץ — אַ פויגלשער קאָפּ!

אויפ׳ן באַרג איז געשטאַנען אַ בוים.
וואו איז ער? נישטאָ.

אויפ'ן באַרג שטייט אַ גרינער פויגל.
דער פויגל האָט גרינע פליגל,
גרינע פליגל, אַ גרינעם שנאָבל.
קעגנאיבער דעם ייד אויף דער קעלניע
שטייט ער, שפּרייט ער די פליגל פונאַנדער
ווי אַ שמאַראַגדענעם פעכער,
און זיין קאָפּ וואַקסט הויך, וואַקסט העכער,
וויל וואַקסן צום העכסטן,
און ס'ציטערן טראָפּנס טוי ווי קרישטאָלן
אין די פולע שאָלן
פון זיינע אויגן.
ער עפנט דעם גרינעם שנאָבל
און זאָגט דעם מענטש זיין זאָג:
אין מיר איז פאַראַן דער בוים,
ווי מאַמע איז דאָ אינעם קינד,
און ווי דאָס קינד אין דער מאַמען
איז אין מיר די נעסט פאַראַנען.
ס'קומט איינס צום צווייטן אין געסט!
בוים איז פויגל, פויגל איז נעסט.

ב

אויפ'ן באַרג אַ פויגל,
איבער'ן פויגל אַ זון,
און אַרום, איבער גאָרן לאַנד,
ווי גאָלד אַ טון,
שטייט טיפער רייפער זומער.
פון זיין באַהעלטעניש אַפויר,
ווי אַ רוח פון שאול-תחתית,
קריכט אויפסניי דער ווינט קאַפויר,
שטעלט זיך ווי אַ קונצנמאַכער
מיטן קאָפּ אויף קאָלירטע פלאַכטעם
פון לאַנקעס —
און פאַרוואָרפט די פיס איבער זיך:

— איך בין נישט איך —
און אַ ל ץ איז איך!

צו אַ וואַלד, וואָס הויבט זיך
ווי דעם הימל'ס פוסנבענקל,
רעדט מיט הענט אַן אַלטע ווינטמיל,
גיסט אויס דאָס האַרץ אין טענות.
וואָס זי טענה'ט הערט ער נישט,
דער הויכער ייד,
נאָר וואָס זי וויל — פאַרשטייט ער.
וואָס דען זאָל זי וועלן, אַז נישט
צום הימל אַ לייטער!

און דער פויגל אויפ'ן באַרג
וואַקסט דערווייל און ווערט צום ריז,
ביז —
ביז ער גיט זיך דאָס נישט אַ בויג־איין,
ווי הויך ער איז:
דער גוף שרומפּט־איין, שרומפּט־איין,
אָט — און ס'צערינען די פּיס!
אַרומגעקלעפּט ווערט דער קאָפּ
מיט פעדערן, ליים און שטרוי,
און זע: אַזוי
ווערט דער פויגל צו אַ נעסט,
אַ נעסט אויף אַ שטאַנג אַרויפגעשטעקט,
ווי אַ שאַרבן אויף אַ פּיקע.

מיט שטוינענדיקער שתיקה
קוקט זיך צו דער זומער.

ג

אויפן באַרג אַ שטאַנג,
אויפן שטאַנג אַ נעסט.

זינגט די נעסט אזוי :
— נסתר, זעסט ?
בין געווען א בוים,
בין געווען א פויגל,
איצטער בין איך וואָס איך בין —
און בין עס נישט, און בין עס נישט !
פון אין איז די וועלט געמאַכט,
פון אין איז די וועלט געמאַכט,
און אין יעדן הרף־עין
ווערט זי ווידער אין.

ס׳אַרא זים געזאַנג !
ס׳אַרא זים געזאַנג !
האַלט דער הויכער ייִד נישט אוים,
טאַנצט אַרונטער פון דער קעלניע,
לאָזט זיך לויפן אויפן באַרג,
גיט אַ שאָקל שטאַרק די שטאַנג,
שטאַרק די שטאַנג,
ווי אַ גבר אַן אדיר,
גיט די נעסט אַ כאַפּ־אַראָפּ —
ערשט נאַ דיר :
ס׳ליגט אין נעסט אַן איי,
ווי אַן עופעלע אַ קליינס.

און די נעסט — זי זינגט : ס׳איז איינס !
נעסט און איי —
אייביק איז עס איינס, נישט צוויי,
איינס, נישט צוויי !

בלוילעך־שוואַרץ איז זי, די נעסט, און וואַרעם.
זי ציטערט אין זיין האַנט, זי צאַפּלט,
ווי אַ לעבעדיקע הון.
זי וואַרפט זיך, זי צערינט !

און דאָס איי — אַ קליינע זון —
בלייבט אים ליגן אויף דער דלאָניע,
ווי אַן ערשטגעבוירנס.

— עפן מיך! — זינגט ס'איי. —
שפּאַלט מיך, מענטש, אויף צוויי,
געפינסטו אין מיר דעם אחד;
נעם־זשע אים דיר און גיי!

עפנט ער דאָס איי אויף
און טוט עס אַ צענעם —
זעט ער דאָרט ליגן דעם שם,
אַליין דעם שם־המפורש,
וואָס האָט שוין קיין געשטאַלט נישט,
איז אַלץ — און קיין־שום־זאַך נישט:
מ'קען עס נישט צענעמען,
ס'איז דרויסן און ס'איז דרינען,
מ'קען עס נישט באַנעמען —
מ'קען עס בלויז ג ע פ י נ ע ן.

ד

אויפן באַרג — אַ בוים,
און פון בוים — אַ פויגל,
און אַ נעסט — פון פויגל,
און פון נעסט — אַן איי,
און פון איי — די וועלט.

דער נסתר פאָרט צוריק.
זיין וואָגן איז מער נישט ליידיק.

וואָס טוט דער וואָגן פירן,
וואָס טוט דער וואָגן טראָגן?
די וועלט זי ליגט אין וואָגן,
די גאַנצע וועלט אין וואָגן.

וואַרשע, 1932

לידער געשריבן אין אַרער וועגן קובא

קאָנטעמפּלאַציע ביים קאַריבישן ים

מעשה תם
האָט זיך אויסגעשטרעקט אין מיטאָג־זון דער ים.
אַזש ביז בלויקייט האָט זיך זון אויף אים צעזונט —
וואו אַ כוואַליע דאָרט אַ פּלעמל.
דרעמלט ער דעם דרעמל
פון אַן אַלטן הונט
און ס׳קומט צו חלום דער אַמאָל אים:
געשרייען פון פּאַרצייטישע פּיראַטן
(געהיימע, רויט־געזיכטיקע דערשרעקער),
שיסערייען פון פּאַרצייטישע האַרמאַטן,
אַלאַרם־קלאַנג פון לאַנג אַנטשטומטע גלעקער.

קוים־קוימיק צאַפּלען אינדן.
און גאָרנישט. רו איז. חלום. בלויער שטאָל.
ס׳איז שרעק געווען אַמאָל —
איצט איז נאָר טרוים. אויך מ י י ן שרעק וועט פאַרשווינדן
און ווערן חלום פון אַ מיטאָג־זון, וואָס האָט זיך היים צעזונט,
און ווערן דרעמל פון אַן אַלטן הונט.

שוואַרצער קאַרנאַוואַל אין קובאַ

מיט פּויק און נעגער־דבקות שטורעמט די ק אָ מ פּ א ר ס ע*.
טאָטעם און דזשאַנגל־וואַלד אויף גאַסן אויף האַוואַנער.
צו זען אור־אַפריקע אויף ערד לאַטיין־אַמעריקאַנער
בין איך געקומען — אַזש פון וואַרשע.

*) קאַרנאַוואַל פון די שוואַרצע.

אדם-הראשונ׳דיקער נעגער-שטאַם! כ׳בין שעה׳ן גרייט צו הערן
די פויק-סימפּאָניעס דיינע, זען ס׳טעאַטער פון סימבאָלן,
זיך מיטפרייען מיט דיר — דאָ אונטער די קרישטאָלן
פון שטערן, טראָפּיש בליצנדיקע שטערן.
עס קאָכט דיין קאָנגאָ-טאַנץ. דיין חלום טאַנצט עס, נעגער!
אַ טרוים פון מאַלפּעס, ביימער, מענטשן, שלאַנגען, געצן,
עקסטאַז פון אַלץ-פאַרברידערונג, אַ פּלי אַריבער די גזועצן —
און ברויזנדיקער חוזק איבער ווייסע שלעגער.

פאַרנאַכט אויפן מאַלעקאָן*)

נאָך האָט דער לייכט-טורעם פון מאָראָ-קאַסל
זיין פייער נישט געצונדן,
און שוין האָט אַרויסגעשיקט דער מאַלעקאָן
מחנות יונג-לאַמטערנדיקע אויגן
נאָך דער זון, וואָס איז פאַרשוואונדן.

פון אַ נעלם-געוואָרענעם מאמר-המוסגר
איז אויפן הימל דעם הויכן געבליבן,
זילבערדיק געשריבן,
איין קלאַמער בלויז — און אַ פּונקט.
דער קלאַמער:
דאָס אוירינגל פון אַ לבנה.
דער פּונקט —
אַן איינציקער שטערן, בלוי צעפּונקט.
וואָס איז דאָרט געשטאַנען,
אין דער פּאַרענטעזע דער פאַרשוואונדענער?

אַ שוואַכער ים-ווינט פּרוווט עס אַנען.

*) די גאַס לייגג-אויס דעם ים-ברעג אין האַוואַנע.

דעם מערב׳ס קאַלירטע קאָנטינענטן —
צוריק־געפונענע אַטלאַנטידעס —
לעשן זיך, אַשן זיך.
אַ ווינט פון אָפּגרונט
שלעפּט זיי אַרונטער.
ס׳דערבּרענט נאָר ביחידות
אַן איינצלנער וואָלקן פון צאַרטסטן צונטער –
אַ קעמל מיט אַ גאָלדענעם האַלדז.

אויך ער ווערט צעשאָטן אויף אַש־און־שאָטן.
ס׳ציטערט ים מיט דריבנעם שרויט.

ווי אַ בלייכער פויגל שוועבט פאַרביי אַ האַנט –
די האַנט, וואָס ציט די דראָטן
פון לעבן און פון טויט.

באַנקלאַנד

אָט ווי איך זיץ דאָ אויף דער באַנק
ביים ברעג און האָרך דעם ים־קלאַנג לאַנג —
גיב איך מיט ים־ווינט אַ דערלאַנג
צום לאַנד פון מיין פאַרלאַנג.

איך זע דאָס לאַנד. עס אָקעאַנט
פון הינטער מערב׳ס רויטן ראַנד
און פלעמלט מיר ווי אַ בריליאַנט —
אַ ליכט־געגאַרטלט לאַנד.

כ׳שפּיר כוואַליע־ריחות פון אַ פרוי,
וואָס דופטיקט ניי און נישט־באַקאַנט,
פון שטאָלצן נייעם מאַן באַמאַנט,
דעם מאַן פון נייעם לאַנד.

און כ׳זע דעם אָרעם פֿון דעם מאַן,
אַן אָרעם — קראַפֿט און ליכט באַנאַנד.
אַן אָרעם שטראַלנדיק געשפּאַנט,
מעטאַלנדיק געשפּאַנט.

אַ לאַנד, אַ לאַנד, אַ לויטער לאַנד,
אַן אַנדער פֿרוי, אַן אַנדער מאַן.
נישטאָ זאַך — און ס׳וין איצט פֿאַראַן,
פֿאַראַן, פֿאַראַן, פֿאַראַן.

ניו־יאָרקער עלעגיע, געשריבן אין האַוואַנע

שטיל בלאַנדזשען מעלאַנכאָלישע אַקאָרדן
אויף גאַסן, וואו אַמאָל האָט יעקב גאָרדין
פֿאַראַדירט מיט באָרד־און־שטעקן.
אויף איסט, אויף וועסט בראָדוויי טוט קיינעם גאָרנישט וויי
און ס׳וועט שוין קיין שום שטעקן גאָרנישט וועקן.

נישטאָ אויך אויף דער וועלט די גראַמאָפֿאָנען,
וואָס פֿלעגן אויס׳השתפּכות׳ן די גראַמען
פֿון „אַ בריוועלע דער מאַמען״.
אָ, די מאַמע איז צו מיסטער קאָהנ׳ען
געקומען אַלט און קראַנק —
און ליגט שוין אויף דער סעמעטערי לאַנג
מיט דער מאַמע־שפּראַך צוזאַמען.

אַ דאָרף אַ שטילס און אַ הויכס

אַ דאָרף אַ שטילס און אַ הויכס,
אַ ליכטיק דאָרף אין דער נאַכט,
אַ ליכטיק דאָרף אין דער נאַכט אויף אַ באַרג —
איז דער טויט.

אַט טאַנצן פון באַרג אַראָפּ
די פּייערן פון דאָרף,
נידערן און שפּילן.
אַט וועלן זיי אַננעמען
מיך פאַר אַ האַנט
און מיט מיר אַרויפטאַנצן,
מיט מיר אַריינטאַנצן
אין דאָרף דעם שטילן.

ס'וועט געשען דיין ווילן.

ס׳אויסערמענטשלעכע

דער באַרג אַט דער, די שטיינער אויפן באַרג —
זיי זענען מענטש געווען. נאָר איצטער טוען זיי
בלויז איינס: זיי רוען טיף און שווייגן שטאַרק.
מיט בלוט און טרערן האָט פון זיי געגאָסן,
דערנאָך האָט זיך דער פּיין־עיגול געשלאָסן —
און איצטער רוען זיי.

רואיק אָטעמט אויפן סאַמע דנאָ פון מנוחה
אַלדאָס אויסערמענטשלעכע. איך איינער בין צעמישט.
זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן אַלע.
איך — נאָך נישט.

די מענטש־געפּורעמטע, די אויפגעשטורעמטע —
אַט מאָרדן זיי און אַט נבואה'ן זיי.
געטאָן האָבן דאָסזעלביקע די אויסערמענטשלעכע
אין צייטן ווייטע, צייטן מענטשלעכע —
איצט רוען זיי, איצט רוען זיי.
זיי זענען שוין אַרויס. זיי זענען לויטער און דערפרישט.
זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן אַלע.
איך — נאָך נישט, נאָך נישט.

האַוואַנער עלעגיע

דער טאָג פאַרקלינגט. דאָס וואַסער אָטעמט.
ס'דערטרינקט די ווייט דער שטאָט'ס גערודערס.
דורך פעלזן־ווענט פון ביידע זייטן
גייט שטיל די ל אַ נ ט ש אַ — ווי אַן רודערס.
לענג־אוים דעם ברעג, אין תהום פון שטרויכן —
אַ גריל־אָרקעסטער. דורך דעם הויכן,
צעפּראַלטן הימל פליט אַ גרויסער,
אַ ווייסער קאָפּ אַ סאָמנאַמבולער
פון אַ לבנה פון אַ פּולער:
אים יאָגט אַ חלום אָן אַ פּותר.

דאָס וואַסער אָטעמט פריש און פרישער.
זיין אָרעם הויבט דער אַלטער פישער
און זאָגט: סעניאָר! דאָרט אויבן, זעסטו,
אין יענע פעלזן־שפּאַלטן נעסטן
די גרויסע רויב־פייגל.

ער זאָגט עס —
ערשט ס'פאַלט אַ שאָטן אויף האַוואַנע.
אַ שאָטן שווימט! אַ פויגל טראָגט עס
אַהיים, צו פעלזיקער נירוואַנע,
זיין ווילדן טאָג.

פאַר מ י י נ ע אימות
וואו איז אַ נעסט? אויך מיר נעמט נאַכטן —
ווי פינצטערט אָט דער עולם־תחתון!
נאָר ווער קאָן זאָגן, וואו מיין היים איז?
איך האָב געחלום'ט וואָרט און ריִים,
איך האָב געחלום'ט בילד און טענער,
און נישט אויף דער־וועלט, נישט אויף יענער
האָב איך באַזאָרגט זיך מיט אַ היים.

אויפן טויט
פון אַן אַכצניעריק האַוואַנער מיידל

מיר האָבן זיך באַלד געזאָלט אומקערן,
נאָר מיר האָבן פאַרגעסן.
מיר זענען אויסגעבליבן,
דרויסן געבליבן —
ווער אויף אַכצן יאָר, ווער אויף אַכציק.
מיר האָבן פאַרגעסן,
אַריין אין שטראָם פון די מעת-לעתן
און געלאָזט זיי וואַרטן אויף יענער-זייט.

ווער עס שפּילט אַ שקלאַף און ווער אַ האַר,
ווער אַ חכם און ווער אַ נאַר.
אויף חכם און נאַר, אויף שקלאַף און האַר,
אויף אַלעמען הארן זיי אַ שטיל געהאַר,
די געדולדיקע
אויף יענער-זייט,
די געוואַלדיקע
אויף יענער-זייט.

זיי וועלן זיך דערוואַרטן,
מיר וועלן זיך דערמאָנען.
איינער דערמאָנט זיך נאָך אַכציק יאָר,
איינער נאָך אַכצן.
איינער שפּילט לענגער, דער אַנדערער קירצער,
נאָר אַלע קומען מיר, שפּעט צי פרי,
צו זיי — צו די,
וואָס הארן געדולדיקע, ריזן-געשטאַלטיקע
און אַל-געוואַלדיקע—
אויף יענער-זייט.

געשריבן אין האַוואַנע אין
די ערשטע וואָכן פון קריג

מי זה בא מאדום. (ישעיה)

ווער טרעט עס פון אדום? פון בצרה ווער שפּאַנט?
אין בלוט, ווי אין בלומען, גייט אויף זיין געוואַנט.
ווער פּורפּורט פון אדום? פון בצרה ווער ברענט?
אין איבערקראַפּט שפּאַנט ער, טראָגט בראַנד אין די הענט.

— זיי האָבן געשאָכטן, די שלאַכטער, די שעכטער!
און א י ך האָב געשוויגן — איך גאָט דער גערעכטער!
נון, טו איך זיי ווייזן
מיין אָרעם פון אייזן —
איך בין נישט קיין גאָט אויף געלעכטער!
זיי האָבן געמיינט, אַז איך בין אויף דער עלטער!
אַרויס בין איך — פעלקער געטראָטן אין קעלטער.
האָב אדום געטראָטן, האָב אומרעכט געשלאָכט.
מיין ווייַן איז געקלעטערט, עס פּורפּורט מיין טראַכט.
אין איבערקראַפּט טרעט איך, טראָג בראַנד אין די הענט.
איך דאַרף אַזאַ וועלט נישט!
איך האָב זי פאַרברענט!

צושריפט צום ליד פון האַוואַנע 39'
—אין ניו־יאָרק 46'

וואָס האָט איר געשריבן, איר ידים ידי יעקב,
וואָס האָט איר געשריבן, איר גראַמענדיקע הענט?
נישט עשו איז פאַרברענט, נאָר יעקב איז פאַרברענט.
עשו איז דער ברענער, דער פאַרברענטער — יעקב.

אַריבער איז דער קריג, און וואָס איז יעקב? רויך.
אדום אדום'ט וויַיטער אויף אַן ערד אַ צע'דמ'טער.

ער פרעסט און ער מערדערט, ער נואפט און ער שטינקט.
וואָס זשע טוט אַ ייִד? אַ ייִד אַ לעצטער זינגט,
זינגט, לא־עלינו —
אַפילו איצט גראָם־שטראָמט ער.
במהרה בימינו
וועט עשו אויך אים דערלאַנגען סמאַליע,
לעת עתה אָבער פרעגט ער — און דווקא צום גראָם:
וואָס טראַכט די פמליא?
וועלכע צינורות
זיינען איבן קאַליע?

עשו די קאַנאַליע
מערדערט און נואפט און ליגנערט און שטינקט.
דער ייִד אָבער פרעגט,
ער גראַמט און ער זינגט:
ער איז דאָך פּאַרט פּאַראַניק —
וואָס טוט ער נאָך מאַידאַנעק?
וואָס טראַכט ער פּאַרט?
ווען דונערט ער אַרונטער
דאָס לעצטע וואָרט?

אַזוי גראָם־שטראָמט ער,
דער שכינה׳ס סאַנקילאָט.
דער אייביקער עיגול,
וואָס האַלט אים געפאַנגען,
דער עיגול הייסט גאָט.
ס׳האָט זיין אמונה
געהויבן פריער פליגל,
איצט, נאָכ׳ן אַרונטערקראַך, ליגט זי אין באַנדאַזשן.
זי ליגט און זי איוב׳ט — אָבער גלויבן גלויבט זי.
(די וועלט איז די געשיכטע פון גאָט׳ס קאַמופלאַזשן).

א מאָדנער ייד: אים טוט
איך נאָך מאָידאַנעק דאַכטן,
אַז גאָט וועט אדום טרעטן,
אַז אומרעכט וועט ער שלאַכטן.
וואָס אַרט אים, דעם יידן? זיין פאָלק איז סיי־ווי רויק.
נאָר ווידער דאָסזעלבע: אויף דעם האָט ער אויך
ערגעץ־וואו אַ חלום. אָט גרייט זיך דאָך אדום
צו נייע מלחמות —
צו זיין מ ח ר ־ נ מ ו ת.
וועט אים שוין באַצאָלן פאַר אַלץ דער אל־נקמות.
און וועט אַלץ באַצאָלט זיין, ברענגט ער זיי אַרונטער, —
אין געשטאַלט פון קינדער אויף ניי־ערד אויף באַזונטער, —
אַלע נשמות פון יעקב דעם פאַרברענטן,
און איינס פון יענע קינדער, מנחם בן־עמיאל,
ווערט גואל פון אריאל,
ווערט לייגער פון דעם היכל'ס נייע פונדאַמענטן.

בויען וועט נאָך גאָט זיין היכל דעם צושטערטן.
נאָך אַ וועלט־קריג צוויי —
זע, וואָס ער וועט טאָן בשעת אַ דריטן און אַ פערטן.
אשרי המחכה — ויגיע — ויגיע —
ערגעץ מוז אַ קץ זיין, אַ תכלית און אַן ענד.
— — — — — — — — — — —
וואָס האָט איר שוין ווידער אָט־דאָ אָנגעשריבן, כ'בעט אייך,
ידים ידי יעקב, איר גראַמענדיקע הענט?

קאַרמענסיטאַ, אָדער די דורות־קייט

די שוואַרצע קאַרמענסיטאַ,
די שלאַנקע סעניאָריטאַ,
זינגט אין קאַבאַרעט.
קעלערדיק־מאַראַניש

ציטערט אין איר שפּאַניש
אָן אַלטער על־חטא.

האָרך, זי איז פאַרגאַנגען
אין קלאַנגען איבער קלאַנגען,
ווי געדרייטע טרעפּ.
פון צווישן אירע קלאַנגען
שטעקן אַרויס קעפּ
מעלאַנכאָלישע שלאַנגען,
פאַרכישופטע הידרעס —
פאַרצייטישע כל־נדרים.

דער גאָט פון סיני
מאַכט וויינען זיין שכינה
אויף ליפּן צעגליטע
פון אַ סעניאָריטאַ.
מיט ליפּן צעגליטע
ווי רויטע קוילן,
געשטרעקט ווי צו שחיטה
דעם האַלדז דעם הוילן,
זינגט אויס קאַרמענסיטאַ
מיין אומה׳ס גרוילן —
פון שפּאַניע ביז פּוילן.

הספד אויף אַ סינסאָנטע

אַ סינסאָנטע איז אַ פויגל, וואָס קען זינגען אַ־לאַ מענטש.
געוויס פאַרמאָגט ער נישט די קאָלאָראַטור פון לילי פּאָנס,
וואָרום סוף־כל־סוף איז ער נישט מער ווי אַ פויגל.
רוי איז זיין געזאַנג און האַמעטנע,
נאָר אַז דו ברומסט אים עפּעס פאָר ביינאַכט
(מוזסט זיין שטייגל צודעקן קודם מיט שוואַרצם —

גיי טרעף ווי קובאַנער האָבן זיך דערצו דערטראַכט)
יאָ, אַז דו ברומסט אים עפּעס פאַר ביינאַכט —
מעגסטו זיכער זיין: צומאָרגנס
זינגט ער איבער די מעלאָדיע,
ווייל דאָס איז אַ פויגל, וואָס קאָן זינגען אַ־לאַ מענטש.

נו, האָט איינער אַ מענטש אין איינער אַ נאַכט
פאַרגעזונגען עפּעס פאַר אַזאַ מין פויגל
און דערנאָך
אים מיטן שטייגל אַרויסגעהאַנגען דרויסן,
איבערן באַלקאָן, אונטער די גרויסע שטערן,
און איז שלאָפן אַוועק, און איז זיכער געווען,
אַז ס׳לידל וועט אים ווערן צוריקגעזונגען מאָרגן.

ס׳האָט קיינער נישט צוריקגעזונגען מער.
ביינאַכט, ווען דער מענטש האָט זיך רואיק געוויגט
אויף אַ בלוילעך צווייגל
פון אַ מוזיקאַלישן חלום,
האָט אַ רויבפויגל דורכן שטייגל
צעפּיקט דעם סינסאָנטע אויף טויט.

האָט דער מענטש געוויינט.
נישט אַזוי פאַר טרויער, ווי פאַר שרעק.
אַ סינסאָנטע איז דאָך סוף־כל־סוף נישט גלאַט אַ פויגל,
אַ סינסאָנטע זינגט אַ־לאַ מענטש,
אַ סינסאָנטע איז אפשר אַ גלגול.

הער פּראָפעסאָר לייבניץ,
אָט די געשיכטע פון אַ סינסאָנטע,
וואָס אַ רויב־פויגל האָט דיר־נישט, מיר־נישט צעפּיקט אים,
איידער ער האָט באַוויזן צו זינגען מעשה מענטש
פאַר איינעם אַ מענטש, —

וואו וועט איר די געשיכטע אַריינשטעלן, זאָגט מיר,
אין אייער טעאָדיצייע?

זיכער האָט איר אייער ענטפער, הער פּראָפעסאָר,
נאָר גלויבט מיר: דעם אמת'ן ענטפער ווייס קיינער נישט,
נישט איר, געהיימראַט,
און נישט אייער קאָנקורענט, דער ייד ספּינאָזאַ.

איך מיין, אַז דער בורא אַליין
וועט נישט גיין פאַרענטפערן זיין ווערק מיט אַ סאָפיזם,
ווי דאָס טוען זיינע פריינט, די פילאָזאָפן,
איוב'ס קלוגע חברים.
אוודאי ווייס ער דעם אמת.
נאָר וואָס דען? ער זאָגט אים נישט אָפן,
און דער עיקר: ער איילט זיך נישט.
ער וועט דאָך אים נישט וואַרפן פאַר חזירים
און אים נישט אויסזאָגן אַ ליאַדע גוי.
ווי הייסט יענער סיפור פון גראַף טאָלסטאָי?
באָך פּראַוודו ווידיט, דאַ ניעסקאָראָ סקאַזשעט.

אָבער דער סינסאָנטע איז צעפּיקט אויף טויט —
אַזוי צי אַזוי.

ליד וועגן קאָפּ פון אַ בוים

איינזאַמער קאָפּ פון אַ בוים,
מיט טראָפּישע שטערן באַשאָטן,
אַרומגעפלאַטערט פון וועלטן!
ווי פליגלען אין שטורעם
ציטערן זיי אַרום דיר,
אַרום דיין פאַרטראַכטקייט.

טונקעלע, פּוסטע,
נישט־געוואוסטע
זיינען זיי אָן דיר.
צו דיר
קומען זיי אַלע,
דורך דיר
צו ווערן נתגלה,
איינזאַמער קאָפּ,
איינציקער קאָפּ צווישן וועלטן.

האַוואַנע, 1940

GRAN CIRCO

אַן אויטאָ־וואָגן בלייבט שטיין.
די וואונדער פֿון אַ צירק רופֿט אויס
אַ מולאַט אין אַ הויכן צילינדער,
און אַרום אים וואַקסן אויס
יונגע זקנים, אַלטע קינדער,
שולדלאָזע זינדער,
חברה שטאַרבער, פֿאַרשווינדער — :
פּ אָ ל ק.

אַ צירק איז געקומען —
אַ גרויסער, אַ וואונדערלעכער.
אַ צירק איז געקומען —
גראַן סירקאָ, גראַן סירקאָ.

פֿון אינעווייניק, פֿון אויטאָ,
שאַלט מוזיק,
ווי ס'וואָלטן דאָרט טויטע
א הספד געמאַכט
אויף די, וואָס לעבן.

טויטע שפּילן. איך, דער לעבעדיקער, הער:
„פאַר יעדן אַריינגאַנג מוז מען צאָלן —
דער סוד דער גאַנצער שטעקט אין פּרייז.
מיר האָבן מיט לעבן באַצאָלט פאַר טויט —
און מיר זעען דעם צירק,
זעען דאָס גרויסע וואונדער״.

אַזוי מוזיצירן
די טויטע אין אויטאָ.

ע ל ע ג י ע א ו י ף אַ י י ד י ש ן ד י כ ט ע ר

זיין לעבן פאַרגייט — און אויף זייער יאַריד
שטייט ער, אין קייטן פון ווערטער געשמידט,
הערט זיי שרייען, זעט לויפן —
אים, דעם קונסט-קנעכט, וויל קיינער נישט קויפן.

ה אַ וו אַ נ ע ר פּ אַ ר נ אַ כ ט

דער פּאַרנאַכט —
אַ נאַרקאָטיזירטער, צו־פּריילעכער מולאַט —
בליצט איבער האַוואַנע
מיט טונקלקייט פון שאָקאָלאַד.

ער טאַנצט, ער ליאַרעמט,
ער אָטעמט אַזוי וואַרעם,
און איך, אַ ייד,
אַליין די ווינטמיל און דער דאָן־קיכאָט,
וויל אינמיטן פון זיין ליאַרעם
דערהערן גאָט.

פאַרנאַכט אין ווענעדיג, ביי האַוואַנע

ווענעדיג שלאָפט,
פאַר'שכור'ט פון רויזן.
דער פאַרנאַכט באַשטייט
פון אַ קלאַנג אַ בלויזן:
דעם איינציקן קלאַנג,
אומענדלעך לאַנג,
וואָס בלייבט דעם ים
פון זיין גאַנצן ברויזן.

אַזוי מוז אויך זיין,
ווען ס'הערט אויף צו הויזן
די נשמה אין גוף.
זי בלייבט ביי אַ בלויזן,
אַן איינציקן קלאַנג,
וואָס טוט אַזוי לאַנג
וויברירן און ברויזן,
ביז אויף זיין רוף
אין דער וועלט פון אַסטראַלן
ענטפערט אַ בעלן:
אַ נייער גוף.

דער אַלטער הער גינטער

דער אַלטער הער גינטער אויס ווין
האָט אויף אַ ווייזע געוואַרט אין האַוואַנע.
געשפּייזט מיט באַנאַנעס דעם מידן גוף
און אַליין שוין אויסגעזען ווי אַ צעקנייטשטע באַנאַנע
פון אייביקן לויפן אין קאָנסולאַט.
אַן אַלטן ווערטערבוך האָט ער געהאַט,
אַזאַ צעפּליקטן ווי ער גופא —
האָט ער פון אים ענגליש געלערנט. די ווייזע, —

זיין איינציקע תרופה,
זיין לעצטע אחיזה, —
פלעגט אים קומען צו חלום און שטראַלנדיק זאָגן:
היר בין איך —
נון זינד זי, מיין קליינער הער גינטער, איין רייזע!

אַ, ווי גרויס פלעגט ער ווערן אין חלום,
ווען ס׳פלעגט אַזוי ריידן די ווייזע.

און גאָט האָט געהאָלפן. ער האָט זי. אָט איז־זי.
נאָך אַלעמען: דער גינטער איז אַ בריה.
מען האָט אים גראַטולירט פון אַלע זייטן
אין דער שמוציק־קליינער קאַפּעטעריע.
גרויס גאָט, הער גינטער. פיל גליק, הער גינטער.
הער גינטער אָבער האָט, אַן אומעטיק פאַרגרינטער,
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ: וואָס טויגן מיר דען דיזע
פּאַפּירע? איך האָב אַנגסט. אַ גאָט, ווי זעט דען אויס
דיזעם אַמעריקאַ? ווי שטעלט מען דאָרט אַ פוס?
ווי עפנט מען אַ טיר? אַראָפּ פון שיף —
און שוין אַמעריקע? מיין גאָט, נישט צום באַגרייפן.
מיר דאַכט, ס׳וועט זיין אַ פאַרזעצונג פון ים,
נאָר אָן אַ שיף — און איך וועל דאַרפן גיין
איבער׳ן ים צופוס, איך אַלטער מאַן.
וואָס זאָל איך טאָן, הער ווערנער? איר זייט, זאָגט מען,
דאָרט איינמאָל שוין געווען. ווי זעט עס אויס?
אַ, ליבער וואָלט דאָך מיר געווען ווען כ׳בין צו הויז —
נאָר וואו איז דען מיין הויז?

זאָ איזט דאַס גאַנצע לעבן, —
האָט גינטער צוגעגעבן טיף באַ׳צערט. —
אימער וואַרט מען און מען וואַרט, און אַז מען קריגט —
פרעגט מען: אויף וואָס האָב איך געוואַרט?

שורות געשריבן אין קובאַ

דער ים איז פול מיט אומרו אויך אין זון־רו.
אַפילו אַז ער רוט אין שטילן בלאַנק,
יאָגט ער זיך מיט דאָרשטיקן פאַרלאַנג
נאָך דעם כוואַליעדיקן עק פון אַ געדאַנק,
וואָס איז אי יאָ, אי ניין,
און האַלט אין איין פאַרגיין —
און ווייס נישט פון פאַרגאַנג.
פאָלג מיך אַ גאַנג — און פאַנג!

די שרים פון די שטאַמען

די קאַרנאַוואַל־פּאַראַדן פון קובאַנער נעגערס
ציען זיך וואָכן־לאַנג דורך קלינגענדיקע נעכט.
זיי זיינען דער באַלעט פון דזשאָנגל, דאָס טעאַטער
פון עלעמענטן אָנגעטאָן אין מאַסקעס;
אור־וואַלד, וואָס פּויקט אויס די סודות און פאַרלאַנגען
פון געצן און פון שלאַנגען;
די טונקלסטע עקסטאַזן אַפריקע'ס; גלגולים
פון ווער ווייס ווען, אין בילד פאַרשטעלט;
דער טאַנץ פון אָדם־הראשונס וועלט;
די דעפּילאַדע
פון נשמות פון פאַרצייטישע מכשפים,
וואָס זינגען, וויינען און זיינען זיך מתוודה.

ווען איך, אַ ייד פון וואַרשע, בין געבליבן הענגען
צווישן האַוואַנאַ און ניו־יאָרק,
האָבן מיך די צוויי און צוואַנציק אותיות
אַראָפּגענומען פון דער תליה און געהאַלטן
אין זייער היים דער הייליקער. און ווען איך פלעג
מיין אותיות־היים פאַרלאָזן און גיין אָנקוקן
די נעגערשע פּאַראַדן אויף האַוואַנער גאַסן,

האָב איך געוואוסט, אַז פּונקט ווי איך, אַ ייד,
בין אַלץ נאָך ערגעץ אין דער מדבר פון יהודה
צווישן פעלזן און נביאים,
אַזוי איז אייביק וואָך די טיף סימבאָליקע
אור-אַפריקע אין אירע קינדער,
אין זייער אויג און בויג און טאַנץ און פּויק,
און גאָרנישט איז געמינערט פון דעם קדמונ׳דיקן כישוף —
און רוישיק טאַנצן די פּאַרצייטיקייטן.

און וואָס ווילדער און וואָס מער ער האָט געביטן זיך,
דער דזשאָנגל-קאַרנאַוואַל, אין זיינע פורעמס,
אַלץ קלאָרער האָבן פאַר מיין אויג געשניטן זיך
נישט-פאַרענדערלעכע אייביקע געשטאַלטן:
די שרים פון מענטשלעכע שטאַמען,
וואָס הויבן זיך ווי ריזן הינטער אָרט און צייטן —
און קאָנען זיך נישט בייטן.

פארמישטע בלעטער

טויט און קינדהייט אין סינסינעטי

לאָזט דיך קינדהייט גריסן,
זאָלסטו, ברודער, וויסן:
ס׳זוכט דער סוף דעם אָנהויב,
ס׳וויל דער קרייז זיך שליסן.

ס׳זיינען טויט און קינדהייט
קינדער פון איין מאַמען;
אָנהויב און פאַרשווינדהייט
ווילן זיין צוזאַמען.

ביי קרובים אין סינסינעטי.
מע זיצט ביים טיש אין קיך.
ערשט זע: איך בין אין האָמעל,
טראָג קליינע קינדערשע שיך.
ווי אַ פוילע גאָלדענע קאַץ
ליגט די זון אויפן בענקל —
האָמעל אין סינסינעטי!
דאָס שיסל בולבעס פאַרעט,
יויך־אויגן ווינקען פעטע.
אין קאָפּ־טיכל דעם ווייסן
זיצט מיין קרובה און רעדט
מיט אַ קול פון רייסן,
מיט אַ קול פון מיין באָבען,
מיט אַ קול פון מיין מאַמען.

די פוילע גאָלדענע קאַץ
ליגט אויפן בענקל אין פלאַמען.

פון האַמעל טוט זי שטאַמען,
די זון — די גאָלדענע קאַץ.
אַריבערגעשפּרונגען איז זי
איבער יאָרן און ים'ען
אַזוי ווי איבער אַ פּלויט.
און ס'זיצט ביי דער וואַנט די קינדהייט —
און באַלד וועט אַריין דער טויט.

אַ גייסט

כ'בלייב שטיין אַמאָל אין מיטן גאַס
מיט אויגן שטאַר־פאַרגלייזטע
און רוף זיך אָן צו זיך אַליין:
טויטער, וואו גייסטו?

איך גיי נישט ווייטער. כ'שטיי אַזוי און גאַף
אויף קינדער, אויף בוימער, אויף שילדן,
אויף אַן אַלטן באָס, וואָס זיינע שמאַטעס
טוט אָוונט־זון באַגילדן,
אויף אַלץ, וואָס טראָגט זיך ערגעצוואו און קרייזט
מיט דעם ערדישן באַלעם.
איך אַליין בין נאָך אַלעם —
איך אַליין בין אַ גייסט.

און אַז עמיצער באַגריסט מיך:
העלאָ, וואָס מאַכט איר?
וואָס שטייט איר אַזוי אַ פאַרטראַכטער?
איז מיר אַ חידוש: ווי קומט עס,
וואָס יענער איז אַ גייסטער־זעער?
און אַז עס באַגריסט מיך אַ צווייטער, אַ דריטער —
ווילט זיך מיר וויינען: ס'אַ מאָדנע וועלט דאָס איז.
מ'קען זיך נישט באַהאַלטן.
אַפילו נאָכן טויט
בלייבט אַלץ ביים אַלטן.

די מאַכט וואָס איז מענטש

יונג זיין הייסט קראַנק זיין.
וואָס ווייסן דערוואַקסענע
פון אַלע דיינע מחלות,
שטורעם־שווערע יוגנט?

זי איז געווען מיין ערשטע תאווה
און כ'האָב זי פיינט געהאַט אַזוי
ווי נאָר פאַרליבטע יינגלעך האָבן פיינט.
יונג זיין הייסט קראַנק זיין.

ביז איינמאָל אין אַ טאָג
האָט זי אַהיימגעפירט צו זיך אין שטעטל
אַן איינזאַם הארץ און אַ דאָרן טשעמאָדאַן.
ס'האָט קיינער נישט געבראַכט
קיין בלומען צו דער באַן.
זינט דאַן
האָב איך נישט געהערט פון איר.
איז זי ערגעץ נאָך פאַראַן?

אַ דאַרער טשעמאָדאַן.
ס'האָט קיינער נישט באַגלייט זי צו דער באַן.
אָבער דאַן, ערשט דאַן
האָב איך דערפילט,
ווי גרויס ס'איז געווען און ווילד
די לאַדונג פון איר מאַכט.
ס'איז מיטאַמאָל די וועלט
געוואָרן פוסטער און גערוימער,
אַנדערש האָט אויסגעזען די זון,
אַנדערש האָבן גערוישט די ביימער.
דעם טאָג האָט זיך געאָטעמט גרינגער.

הייסע נאַכט איז אויף שפּיץ פינגער
נישט געגאַנגען פון איצט אָן.
עפּעס איז אַ סוד געוואָרן
אַרויסגעריסן ווי אַ צאָן.
מ׳האָט פון די פענצטער פון דער וועלט
אַרונטערגענומען די גאַרדינען,
שטייען נאַקעט שויב און וואַנט,
נישט איין שאָטן צו געפינען.
אָן אַנדערע קאָליר האָט פרייד,
אָן אַנדער געשמאַק האָט צער.
און אַלץ דערפאַר,
ווייל י ע נ ע איז נישטאָ שוין מער.

ב׳געדענק ביז איצט די ענדערונג,
דאָס געפיל, אַז מענטש איז מאַכט,
און אַז אַ מאַכט
האָט פון מיין גורל זיך אָפּגעטאָן.
זי מיט די דינע ליפּן,
מיט די באַגערונגען און טרויערן
אין אירע בריענדיקע אויגן,
וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו לויערן, —
געוועזן איז זי — געוויטער;
האָט זי דער ווינט אַוועקגעווייט,
זי זאָל פון איר בליץ דעם ציטער
אויסציטערן ערגעץ אַנדערשוואו
און פון אירע דונערן
אויסלאָדן די טענה
אין הימלען אַנדערע, נישט מיינע.

מיר עלנטע מענטשן אַלע,
ס׳איז אויך דער שוואַכסטער צווישן אונדז
אַ קראַפט אָן אייביק רעאַלע.
און אַז אַ מענטש פאַרשווינדט,

האָט עס נאָר דער ווינט
אװעקגעטראָגן אים
צו אַנדערע ווייטע זומערן,
ער זאָל אין הימלען אַנדערע
אָנצינדן זײַנע בליצן,
קוילערן זײַנע דונערן.

און בין איך אין אַמעריקע
דערהאַנגערונג בלויז און וואָגל-גײַסט,
פֿון פּוילן אַ פּאַרווייטער שפּליטער,
דונער איך מסתּמא ערגעץ אַנדערשוואו —
מענטש איז אַ געוויטער.

דער צווייטער — דער באַגלייטער

דאָ אַנומלט,
ווען כ׳בין פֿון אַ טעלעפֿאָן-ביידל אַרויס
(נאָך אַ שמועס, וואָס האָט מיך אַביסל צעטומלט),
האָט פֿון אַ שפּיגל קעגנאיבער
צו מיר אַ שפּרייז געטאָן אַ הער
אין אַ גרויען הוט.

כ׳האָב אַ מינוט
געטאָן אַ קלער:
עפּעס קענטיק — אָבער ווער?

האָט דער הער
אַ שמייכל געטאָן אין דער קרים
און מיט דער שטילסטער שטים
אַ פֿרעג געטאָן: מעג איך אײַך באַגלייטן?
אהרן צייטלין הייס איך.

— איך אויך, — האָב איך געזאָגט.

— דאָס ווייס איך.
פון צוויי באַשטייט איר,
און איך —
איך בין דער צווייטער.
די עובדא פון דעם צווייטן
איז צו באַגלייטן.
צום סאָבוויי גייט איר?
זייער גוט.
ווערט איר טאַקע האָבן אַ באַגלייטער.

און ס'איז אַוועק מיט מיר דער צווייטער.

נאָענט

איז אַ העלע נאַכט אַראָפּ אויף רייסן.
זיצט אַזוי די שטילע באָבע מיינע,
אַ טויב אין דעם לבנה-ליכט דעם ווייסן,
און הערט מיין קינדיש-וויינענדיקע טענה:

באָבע, זיי אַ גוטע. פאָלג מיך, באָבע.
נעם דעם נייעם לייטער, וואָס דער זיידע
האָט געקויפט — און לאָמיר אַזוי ביידע
גיין אַרויפצו, אויפן ווייסן בוידעם.

אויפן הימל? מ'דאַרף זיין אַ מלאך קודם, —
זאָגט די באָבע און זי גלעט מיין קעפּל.
אויפן הימל? ס'איז דיר נישט קיין עפּל
אויף אַ בוים. מ'קען עס נישט דערלאַנגען.
ס'איז דער הימל וויט, מיין קינד, — אַ מורא!

גיט אויף מיר אַ יאָג מיט מרה שחורה.
ס'לעשט זיך די לבנה פון איר וואָרט.
נאָר איך מאַך מיר הארץ. איך זע דאָך פאָרט,

אַז ס׳איז נאָענט. פּלוצלונג גיט אַ צוק
אין אַ כליפּ עקשנותדיק מיין ליפּ:
ס׳איז דאָך נאָענט — זעסט נישט? גיב אַ קוק!
מע קען, מע קען דערלאַנגען!

איז וועלט נאָך וועלט פאַרגאַנגען
זינט יענער ווייטער נאַכט אויף רייסנס ערד,
וואָס האָט געהערט
מיין כליפּען און מיין טענה.
נישטאָ שוין לאַנג די באָבע פייגע-טריינע.
און נעכט האָב איך געזען, אַזויפיל נעכט.
און כ׳האָב פאַרלוירן אויפן וועג די יאָרן מיינע.
נאָר איצטער וויים איך: כ׳בין געווען גערעכט.
מיך האָבן נעכט פון תפילות און געוויינען,
ווען ס׳האָט דאָס האַרץ מיט בלוט אין מיר געטרערט,
געלערנט: נאָענט איז דער הימל צו דער ערד —
נענטער אָן אַ שיעור ווי מענטשן מיינען.

ד ע ר   ק אָ פּ

זי האָט געזאָגט: איר רעדט פון טויט, איאָ?
טאָ הערט. עס זיינען שווערע פיל מעת-לעתן
אַריבער נאָך זיין טויט. איך בין געזעסן,
געקלאַפּט אויף מיין מאַשינדל אין ביוראָ,
מיט ווערטער שנעל באַזייט אַ שטיק פּאַפּיר,
ערשט ס׳עפנט זיך די טיר. און אין דער טיר —
דער קאָפּ זיינער. דער גוף וואו איז? נישטאָ.
אַ קאָפּ בלויז — אַזוי הילפלאָז, אַזוי קליין.
און קיינער זעט נישט אויסער מיר אַליין.
אָן ווערטער, אָן אַ ריר
הענגט דער קאָפּ אין חלל פון דער טיר
און קוקט אויף מיינע הענט, אויף מיין מאַשין.

צי האָט ער זיך דערמאָנט עפּעס אַ זאַך
און ווײל עס זאָגן מיר, נאָר ס׳פעלט אים שפּראַך?
און אפשר וויל ער, איך זאָל גיין מיט אים... וואוהין?
איך פאַל אַוועק. מע מינטערט מיך. איך עפן
אַן אויג און קרעכץ אַרוים: מאַכט צו די טיר.
זאָגט מען: ס׳איז צוגעמאַכט. נו, גוט. נאָר ס׳קען דאָך טרעפן,
אַ טיר זאָל אין אַ מענטש זיך טאָן אַן עפן,
און מער זיך נישט פאַרמאַכן. — — — ס׳האָט מיט מיר
אַזוי טאַקע געטראָפן. אין מיר איז אייביק אָפן
אַ טיר, און דער קאָפּ, דער קאָפּ זיינער — אין איר.

געשריבן אויף דער שיף „אָריענטע״

אין הימל דריי פלאַמיקע פאַסן
נאָך טאָג, נאָך זון, נאָך אַזויפיל האַרמידער —
אויך נאָך מיר וועלן בלייבן, ווי דריי רויטע פאַסן, דריי לידער,
און אפשר דאָס אויך נישט.

פון וויַיטע פאַנגען
קערט זיך אום דער ווינט. אַ תשבורת פון קלאַנגען
ברענגט ער דעם אַוונט.

אַלע שיפן און אַלע קאַפּיטאַנען
פירן פון דאַנען
צום דאָרט.
שיף, ביי דיין באָרט
שטיי איך און ווייס: איך שווים
נישט צו קיין האַפן —
צו אלהים.

הימלען

פאַרטאָג בין איך אַהיימגעגאַנגען
מיד פון אַן אסיפה,
עפּעס אַן אסיפה.

שטום זיינען אראָפּגעהאנגען
יוני־הימלען טיפֿע.

כ'גיי און זע אין ווינקל
אַ קאַץ אַ טויטע ליגן.
נאָך אַ קאַץ, אַ לעבעדיקע —
אַבלדיק אַנטשוויגן.
סוד פֿון דעם נישט־היגן.

די, וואָס לעבט, פּרוּווט אויפֿוועקן
די טויטע — און עס צאַפּלען
שווער אין אירע אַפּלען
פֿלעמלעך פֿון פֿאַרטראַכטעניש.

שטום האָבן אַראָפּגעגלאַנצט
יוני־הימלען טיפֿע.
וואָס האָסטו געררוישט אַזוי,
נאַרישע אסיפה?
אָ, איר הימלען טיפֿע.

1942

ווערטער אַ פּאָר

דער סך־הכל פֿון פֿיר און פֿערציק יאָר
זיינען ווערטער אַ פּאָר, וואָס איך גיי פֿאַרקינדן.
אַלץ איז פֿאַראַן, נאָר נישט דער טויט,
און אַלץ איז מעגלעך, אַ חוץ פֿאַרשווינדן.
און וואָס איז דער טייוול, דער וועלטס דעספּאָט?
ער איז נאָר דאָס, וואָס באַשטעטיקט גאָט.
און אַלע יסורים זוכן איין זאַך,
שטערן און טרערן ריידן איין שפּראַך,
און אייביק באַוואַכט אַלץ אַן אייביקע וואַך.

1942

שלאָף

נאַכטצייט אויף מיין געלעגער
קלער איך: ביסט ווידער א יי נ ע ר.
ס׳האָט ווידער געטאָן פאַרקריכן
אין אָן איינציק פּעקל ביינער
דיין מאָדנע געזינדל איכן.

איין איך — אין קאָפּע געזעסן
צווישן פּראָזער און ריימער
פון מלך־אביונס גיטער,
אַ צווייטער — פאַרפּאַסט אַ מאמר,
תפילה געטאָן — אַ דריטער.

אין יאוש איז דער פערטער
שטאַרבן געווען אַ בעלן,
דער פינפטער — געשפּילט מיט ווערטער,
און טיף איז ערגעץ געפאַלן
דער זעקסטער, אַ פאַרקלערטער.

ווער האָט די אַלע איכן
געכאַפּט ווי אַ פלינקער טרעגער,
פאַרוואָרפן איבער דער פּלייצע,
געוואָרפן אויף איין געלעגער?

איך ליג אַזוי און איך פרעג עס —
ערשט זע: זיי נעמען זיך שטויסן.
איין איך דעם צווייטן נעמט שטופּן
אין שלאָף־טייך אריין דעם גרויסן,
וואָס גלאַנצט מיט פינצטערע שופּן.

זיי פאַלן אריין... זיי שווימען...
וואוהין, וואוהין, איר איכן?
ליידיק און שוואַרץ באַוואונדערט
דעם שווים זייערן דעם גיכן
דאָס זעקל ביים ברעג פון שלאָף־טייך.

אויפן טויט פון דער שוועסטער

אויף גענשער בית-עולם
אַ שנייאיקער טאָג,
פון לעצטן חודש
דער לעצטער טאָג:
מע טראָגט זי.

עס שיטן און שיטן
די רידלען די צוויי,
קלאַפּן און שיטן
איינס-צוויי, איינס-צוויי:
מ׳איז קובר.

ערד פאַרשיט
דער ערדס געשריי,
און דער הימל שיט
מיט שניי, מיט שניי
אויפן קבר.

זאָל שנייען — — עס בליט
דער טויט ווי אַ בלום.
מיר קערן זיך אום
צוריק צו די נעסטער.
גוט פרילינג דיר, שוועסטער!

דעם זייגערס שפּראַך

ס׳האָט אַ זעלנער דערציילט: ס׳איז געווען אין דיעפּ.
אַרום זיינען באָמבעס געפלויגן — און קעפּ.
קוילן — פון לופט און פון לאַנד און פון ים,
נאָר אין מיטן דעם קראַך און אין מיטן דעם פלאַם —

א וועקזייגער קלינגט! ס׳האָט, ווייזט אויס, אַ פּראַנצויז
אים אָנגעשטעלט נעכטן. פאַרברענט איז דאָס הויז,
און טויט דער פּראַנצויז, און ס׳איז אַלץ שוין געעקט,
נאָר דער וועקזייגער — וועקט:
ער איז געגאַנגען — געגאַנגען — דערגאַנגען.

אַ האַנט האָט אים אָנגעדרייט נעכטן ביינאַכט —
האָט אויפגעלעבט איצטער אין קלאַנגען
דאָס, וואָס די האַנט האָט געמאַכט:
ס׳איז געגאַנגען — געגאַנגען — דערגאַנגען.

און אין מיטן דעם פלאַם און אין מיטן דעם קראַך
האָב איך פאַרשטאַנען דעם זייגערס שפּראַך:
ס׳פאַרשווינדט דער מענטש ווי ס׳פאַרשווינדט אַ מינוט,
און ס׳קומט די זון און טרינקט אויס דאָס בלוט;
ס׳פאַרשווינדט דער מענטש, אָבער דאָס וואָס ער טוט —
גייט ווייטער, גייט ווייטער.

1942

ט י י ו ו ל

פּאַרן טראָן פון באַשעפער
שטייט דער טייוול פאַרטראַכט,
האַלט דעם שטאָק פון אַ שעפער
און ס׳איז לייוונט זיין טראַכט.

„איך טייוול, איך טייוול,
בין אָרעמער הערט
פון אַלעם, וואָס תאוהט
ביי דיר אויף דער ערד.

שאַף זיינען תאוות
און כ׳פיר זיי צום קוואַל.

וואָס ווייסן זיי ? גאָרנישט.
ס'איז בלינד און אָן וואָל.
און גיפט איז אין קוואַל,
און קראַנק ווערט מיין שאָף,
און איך — איך בין אַלט
און ס'נויגט מיך צום שלאָף.

און אַלט איז מיין וויי,
כ'קען נישט צוזען דעם צער...
אויף מיר און אויף זיי
האָב רחמנות, מיין האַר!"

1930

געבעט־ליד פון אַ זינדיקן

שיק צו, שיק צו
יעדן טויטן זיין רו,
יעדן טרינקער זיין וויין,
יעדן וועבער זיין ליין,
זיין האַמער דעם שמיד,
דעם דיכטער זיין ליד,
דער פרוי איר קינד
און דעם זינדער זיין זינד.

אָ, די זינד אַליין
איז דאָך נאָר אַ געוויין
פאַר דיין הויכער טיר
און אַ תפילה צו דיר —
און ס'איז איטלעכער חטא
נאָר אַ וועג צום על־חטא.

ט ו י ט

דער בלינדער, וואָס איז יאָרנלאַנג געזעסן
אין דער מיט פון מײַנע מעת-לעתן,
פאַרהאָרכט אין גערויש פון הימלישע פליגן —
וועט זאָגן צו די טעג: „איר האָט דערעסן",
עפענען די אויגן און זיך נעמען קריגן.
און מיט אַ קללה און מיט אַ ניגון
וועט ער פון מיר אַרויס.
(ברענענדיקע אָרעמס וועט ער קריגן,
צו גאָט וועט ער שפּאַנען פאַראויס).

כ'וועל ליגן,
אויסגלײַכן זיך מיטן שוועל פון מײַן הויז,
און צום טלית, וואָס וועט מײַן געוועזנס באַדעקן,
וועט שמעקן
דער טויט ווי אַ קליינע, אַ בלייערנע מויז.

1929

פ ר ו י

פון דער פרוי נישט לאַכט
און פון איר נאַכט דער בלינדער:
עס טרײַבט זי אַ מאַכט,
וואָס וויל פורעמען קינדער.

אַזוי האָט דאָס געדאַכט
דאָס האַרץ פון אוניווערס:
יעדער פרוי — איר נאַכט,
יעדן דיכטער — זײַן פערז.

אַזוי איז דאָס געוואָלט,
אַזוי איז דאָס געדאַכט:
יעדן גאָלדשמיד — זײַן גאָלד,
יעדער פרוי — איר נאַכט.

1929

אָוונטיקער האַפן

פייערן פון האַפן! טרויער פון יבשה!
אויף אַ שטאָט הייַנגט אָוונט ווי אַן אַלטער רשע.

שטערן מוטנע צינדט ער מיט אַ האַנט אַ קאַרגער.
וואַלקן־העלזער וואַרגט ער, דער געהיימער וואַרגער.

שטאָט מיט פרעמדע נאָמען! וואַרפסט אַריבער תהומען
פייערן, וואָס בלאַנדזשען פינצטער ווי פאַנטאָמען.

דיינע הייזער שטייען שאָטנדיק און אַשיק,
איבער זיי אַ הימל — אַ צעדרייטער דאַשעק.

קוימענס קרום־צעבויגן ליגן ווי געשאָסן.
אויסגעדאַרטע זונות וואַרטן אויף מאַטראָסן.

ערגעץ אין אַ פינצטער שענקל צווישן פעסער
לויערט מאָרד און צערטלט, ווי אַ טרוים, דאָס מעסער.

לאַנד ניט, שיף, פאָר ווייטער! וויסט איז די יבשה.
ס׳הענגט אויף איר דער אָוונט ווי אַן אַלטער רשע.

1929

צוגן ביינאַכט

ווי אַ געוויין,
אַ געוויין, וואָס עס ווייַנען נשמות פון זינדיקע —
ס׳קול פון צוגן ביינאַכט.
ווי אַ געשריי,
דעם מענטשנס געשריי: כאַפט מיין גליק דאָס פאַרשווינדיקע —
ס׳קול פון צוגן ביינאַכט.

און ווי אַ גרוס,
אַ גרוס פֿון אַ לאַנד פֿון אַ ווייטן, באַגינעקן —
ס׳קול פֿון צוגן ביינאַכט.
ווי אַ כרוז,
אַ כרוז פֿון אַ וועלט, וואו די העלקייטן קיניגן —
ס׳קול פֿון צוגן ביינאַכט.

ליד צו די וואָס באַוויינען טויטע

ווען ס׳קומט גאָטס ווינט — בלייבט הויל און פֿינצטער שטיין
דער בוים דער גרינסטער.
ס׳איז ווי אַ זומערנאַכט דאָס לעבן קורץ
און ווי אַ האַרבסטנאַכט מוז עס ווערן פֿינצטער.

נאָר וואָס איז פֿינצטערניש? אַ וואַרטן צווישן
אַ טאָג וואָס איז אַנטקומען און אַ טאָג וואָס גייט.
באַקומען וועט דער מת אַ גוף אַ פֿרישן
און אַ האַנט ערגעץ נייט אים אַ קלייד.

שטיל וואַרט ער אין אַ קאָרידאָר אַ פֿינצטערן
אויף העלע קולות און אויף נייע טריט,
אָט ווי אַ צווייג, וואָס וואַרט אַ נאַקעטע
אויף פֿייגל און אויף צוויט.

צו וואָס דאָס טרויערן? מיר וועלן אַלע
נישט איינמאָל בייטן דאָס לייב.
בייט זיך און שווינד — זאָגן ערדישע יאָרן.
דער טויט זאָגט: בייט זיך — און בלייב!

ליד צום פּאָעט

נישט געטרוי, נישט געטרוי,
דער פּאָעזיע, פּאָעט!
זי איז פֿרוי, אייביק פֿרוי,
און פּאַראַט איז איר גלעט.

ערשט פון שלאָף אַז זי רעדט —
כאַפּט צומאָל זיך אַרויס
איר געהיימסטער סעקרעט,
טיפסטער אמת דער פרויס.

אויף דער וואָר, אויף דער וואָך
איז איר אמת אַן וואָג.
ליגן זאָגט דיר איר שפּראַך:
ס'ליגן פרויען בײַטאָג.

אירע רייד נישט געטרוי,
זי איז דײַן און נישט דײַן.
ווילסט זי האָבן, די פרוי, —
גיי און שלעפער זי אײַן!

ווײַטע הענער פאַרטאָג

ערגיץ קרייען שוין הענער —
און מײַן נאַכט איז נאָך וואַך.
ווײַטע הענערשע טענער,
ווײַט־באַגיניקע שפּראַך.

עפּעס זינגט האָן צו האָן —
עפּעס זאָגן זיי אויס,
עפּעס זאָגן זיי אָן.
און איך הער זייער טאָן
מיט דער שרעק פון אַ מויז
אין איר אײַנזאַמער לאָך —
און איך האָרך און איך האָרך.

נאָך נישט טאָג, שוין נישט נאַכט —
איז עס עפּעס, וואָס קלאָגט?
איז עס עפּעס, וואָס לאַכט?

אָ, ווער זאָגט מיר, וואָס טראַכט
גאָט, דער צינדער פון טעג,
ווען ער הרגעט די נאַכט?

וואָס זאָגט אָן אייער זאָג,
וויטע הענער פאַרטאָג?

אַ נסיעה

ווייב, לאָמיר פּאַקן די טשעמאָדאַנען
און לאָמיר אַוועקפאָרן פון דאַנען.

שוין לאַנג איז וואַרשע מיר דערעסן.
צום טייוול, מ׳ווערט דאָך דאָ פאַרזעסן.

וואוהין זשע זאָלן מיר זיך קערן?
וואַרט, אָט וועל איך די זאַך באַקלערן.

פּאַריז איז מיר צו קלוג, צו טומאה׳דיק;
וואָס מער זי רוישט — מער איז זי אומעטיק.

בערלין איז רוצחיש, בערלין איז וועלפיש.
לאָנדאָן — אָן אַלטער פוילער וואַלפיש.

קיין מאָסקווע וויל גאָט נאָך אַלץ נישט קומען.
ניו-יאָרק — פאַרנומען מיט מזומן.

ס׳פאַרפעסטן קלויסטערס און גלחים
די שטאָט פון מיין גאָט און פון מיינע מלכים.

איטאַליע? אָפּערע. ביליקע אַריע.
בעלגיע — אַ פאַבריק. אַ האָטעל — שווייצאַריע.

נאָר פאָרן מוז מען ... איז לאָמיר פאָרן
און לאָמיר דעריאָגן די ערשטע יאָרן.

זיי מוזן נאָך ערגעץ אויף וועגן וואָגלען;
זיי טראָגן גליק אין לעדערנע לאָגלען.

זיי מוזן נאָך ערגעץ אויף וועגן וואַנדלען.
זיי זיינען געפאָרן מיט ווינטן האַנדלען,

מיט אַלטן גן־עדן פון אדם־חוה
און מיטן עק פון דער גאָלדענער פּאַווע.

לאָמיר פאָרן — געשווינד, געשווינדער!
לאָמיר דעריאָגן — און ווערן קינדער.

ל י ד צ ו ז י ך

דער ווינט האָט צעגנבעט
מיין ביסל פאַרמעגן —
און וואָס וועל איך זאָגן
בשעת מע וועט פרעגן?

בשעת מע וועט הייסן,
בשעת מע וועט רופן,
בשעת מע וועט דאַרפן
מיין נפש אַנטגופן.

ס׳צעקריכן די טעג
און ס׳פאַרגייען די יאָרן.
מע בלייבט אָן אַ וועג
אין דערמיט פון דעם פאָרן.

און וואָס וועל איך מאַכן,
און וואָס וועל איך זאָגן,
בשעת מע וועט הייסן
אַראָפּגיין פון וואָגן?

מיט וואָס וועל איך קומען,
איך אהרן-אליעזר?
די ווייטקייטן שטומען,
ס׳בלאָזט טויט אין די גרעזער.

דער הימל נאָך קלאָר —
און שוין וועלקן די סעדער.
אַ פּאָר און אַ פּאָר —
און באַלד שטייען די רעדער.

באַלד בויגט זיך דער קאָפּ —
און סטאָפּ.

וועלט־פּרוי

דעכער זיצן
אין בלויען וואַלד פון שניי ווי לויערדיקע וועלף.
ס׳טאָגט מיט שניי די נאַכט. זי האָט זיך בלוי צעזונט.
דורך בעלמע-בלינדע גאַסן לויפט אַ לעצטער טראַמוויי
אויסגיין אין דער רעמיזע ווי אַן אַלטער הונט.

עלעקטרע בלוטיקט נאַקעט
אויף פּלאַטשיק-האַרטן בויך פון טראַמוואַיס פּוסטע בענק.
אויסגעלאָפן איז ער אומעטום — אַ סוף!
שטעקט אַרויס פון שניי זיין האַלז דאָרט אַ לאַמטערן —
ווי אַן אָפּגעפליקט עוף:
שאַ,
שטאַרבן לויפט אַ טראַמוויי...

פלוצלינג הימלט אויף
איבער בלוילעכער, בלינדלעכער נאַכט-זון דעם שניים
די וועלט-פרוי.
איר פנים? ווער ווייס!
פאַרלוירן אין שניי!
אָבער היים
גיבן אַ שימער און גיבן אַ וויי
אירע ווייסע בריסט
איבער דעם טראַמוויי, וואָס שטאַרבן לויפט ער,
דער מויד אונטערן טוך, דער בלאַסער, נישט-געקויפטער,
און איבער מיר,
דער לעצטן זון פון מקובלים.

ווינטער, 1926

פון טאָגבוך

מקנא בין איך יעדן פראַסטן פייוול,
וואָס וויל און גלוסט און פאָלגט זיין פענים, דעם אידיאָט.
פאַרשטיינערט בלייבט זי פאַר מיין שוועל, די תאווה,
אַ זייל פון טרויער, ווי דאָס ווייב פון לוט.
ווי אויסערמענטשלעך מיין באַגער איז — ווייס איין טייוול,
און ס'אַרא גאָט-ניצרך איך בין — דאָס ווייס איין גאָט.

מערץ, 1931.

גילגולים

פערד מיטן בליק
פון אַ דולן פאַרגעסער,
ביסט מיט יאָרן צוריק
געווען אַ פּראָפעסאָר.
האָסט קאַנטן פאַרגעסן,
פאַרגעסן סאָקראַטן.
די אויערן הענגען
ווי טויטע ציטאַטן.

פערד, דו קוקסט מאַט,
מיט פאַרשוואָומענעם ווײ;
אַרויסציִען ווילסטו
דעם קוואַדראַט פון צווײ...
שאַ, אפשר געדענקט
די פאַרכישופטע קאַץ,
וואָס איז דאָס אַזוינס
דער סינטעטישער זאַץ.

פירעקיקער בולדאָג,
געפירט אויף שפּאַציר, —
ביסט ערגעץ געווען
אַ פעטער באַנקיר.
מיט אויגן קוקסטו
פאַרגליווערט פאַרראָסטע
אויף דער אַלטער מויד,
דײַן באַלעבאָסטע,
און ווייסט נישט: אין אַכצן
הונדערט און צוויי,
אין טאָג פון פרילינג,
ווען ס׳שטאַרבט דער שניי,
(און אפשר אין זיבעצן
הונדערט און פיר?),
האָסטו, אַ מענטש נאָך,
געפירט אויף שפּאַציר
אַ הונט אַ סטאַטעטשנעם
אַזאַ ווי דו,
אַ הונט פול מיט טרויער
און פול מיט רו;
געפירט דורך אַ גאַס
פון אַ ווייטער שטאָט
פאַרביי קליינע קינדער
אין אַ סאַד.

1939

טויט־געפיל

איך גיי אַהין, וואו וואָלקנס גייען,
איך גיי אַהין, וואו ס׳גייט דער ווינט,
איך גיי אַהין, וואו טעג פאַרגייען
און וואו דער וואַסער־שטראָם פאַררינט.

איך גיי צו אָפּגעבלאַנקטע שנייען,
איך גיי צו לאַנג־פאַרטאָרפטן וואַלד,
צו שלאָף־געוואָרענע געשרייען,
צו וועלט־געוואָרענער געשטאַלט.

איך גיי צו אָנהייבן אַן סופ׳ן,
איך גיי אַן אָפּשטעל און פאַרצוים
צום לעצטן אינזל פון די שטאָפּן,
צום האַרץ פון קוימיקסטן קוים־קוים.

איך גיי צום שוועל פון ערשטן עיקר,
איך גיי צום א י י ן, וואָס רופט זיך א ו י ס;
איך גיי צוריק און אַלץ צוריקער,
איך גיי פאַראויסער ווי פאַראויס.

איך גיי צום אמת פון די דנאָען,
איך גיי פון גרויסן אַלערליי,
און יעדע שעה פון מיינע שעה׳ן
איז נאָר אַן אָנזאָג, אַז איך גיי.

מאַי, 1939

הויך און איינזאַם און דער ערד פאַרדעכטיק

טונקל־גאָלדענער סערפּ
איבער פעלדער שוין לאַנג נאָכן שניט!
פאַרדעכטיק ביסטו דער ערד.

זי זעט נישט די האַנט וואָס האַלט דיך.
וואָס פאַר אַ פעלד קומסטו שניידן?
אַ הונט אַ דערשראָקענער קען דיך ניט ליידן,
באַפאַלט דיך
מיט בייזן ערדישן ביל.
איר שניט האָט די ערד שוין געשניטן —
וואָס וויל
שניידן דער הימל?

טונקל־גאָלדענער סערפּ
איבער פעלדער שוין לאַנג נאָכן שניט!
הויך און איינזאַם און דער ערד פאַרדעכטיק
אַזוי ווי דער ייִד —
הויך און איינזאַם און דער ערד פאַרדעכטיק
ווי ישראל איבער די פעלקער —
די פוסטע פעלדער פון די פעלקער.

הינטערשטאָטישער פאַרנאַכט

אין מערב פאַרבלאַסן
אָראַנזשענע פאַסן.
דער אָוונט איז ווי
אַ קילער פאַרפרי.
שטיל דעמערט אויף די
הינטערשטאָטישע גאַסן.

און פענסטער און גזימסן —
פאַרוועבט אין געשפינסן
פון בלווילעכן גרינס.
ווי צאַרט דאָס געשפינס
פון בלויליכע גרינסן!

פאַרנאַכט־שאָטנס שפּינען
אַ גרינעם באַגינען.

און צווישן די שאָטנס,
אין טיפסטן פון טראַנסן,
טאַנצט ווינט אַ קאַדריל
— פאַרצייטישדיק־שטיל
אַ טאַנץ פון ניואַנסן.

ס׳פאַרטאָגט מיט פאַרנאַכט און
ס׳פאַרנאַכטיקט מיט צאַרטן
פאַרטאָג, און ס׳איז צאַרט דער
קוש דער געגאַרטער,
ווען ס׳טוט זיך פאַרקנסן
די שפּעט מיטן פרי — —

גאָט שפּאַנט איבער די
הינטערשטאָטישע גאַסן.

הינטערשטאָטישע באַלאַדע

פאַראַן פאַרנאַכטן אַזוינע,
פאַרנאַכטן פאַרשלייערט־ברוינע,
ווען אויף הינטערשטאָטישע גאַסן,
צווישן דאַמע און זונה,
שפּאַצירן אומגעזען מיט
פרויען נישט פון דאַנען,
מיט העלזער ווי ביי שוואַנען
און גרויסע מאָדנע הים.

די גרויסע הים פאַרשטעלן
פנימער, וואָס קאָנען
זיך ווייזן און געפעלן
בלויז איינעם אויף מיליאָנען.

ווי ס׳לויערדיקע ליד מיינס,
וואָס אין דער דיכטונג אויף יידיש

שווימט עס זייטיק־יחידיש,
פאַרטיפט אין אייגענעם אהנען, —
שווימען זיי מוזיקאַליש,
די געהיימע כלות,
באַשטימט פאַר ווייטע מאַנען.

אונטער די גרויסע היט
שווימען זיי פאַמעלעכל.
ווי אין וואַלד אַ קוועלעכל
רוישן זייערע טריט.
רוישן און פאַררוישן
מיט אַ פלעסקעדיק פלוישן,
ווי אין מאַי אַ רעגנדל.

טרעפט: אַן אַלטער בעטלער,
וואָס חלומט ביי אַ וואַנט
און קוקט זיך אויף דער האַנט,
ווי ער וואָלט געווען
זיין אייגענער כיראָמאַנט, —
זעט זיי און ציט אויס
די האַנט נאָך זייער גאָב.

שטעלן זיי זיך אָפּ
און שענקען אים אַ זון־שטראַל,
ציטערדיק און לענגלעך,
אַ לעצטן דינעם זון־שטראַל,
וואָס צאַפּלט העל־פאַרגענגלעך.

און זיי שווימען ווייטער,
שווימען און נעמען־מיט
די אונטיקע גאַסן.
שווימען און פאַרשווימען
אונטער די גרויסע היט,
אויף גליטשיקע אַפּצאַסן.

ווי אויף איר שטאַנג אַ מידע הון

ווי אויף איר שטאַנג אַ מידע הון —
שלאָפֿט אײַן די זומערדיקע זון,
שלאָפֿט אײַן, שרומפּט אײַן און פֿאַלט אַרײַן
אין קילן טיפֿן גאָרנישט.

און טאָקע דערפֿון
שרײַבן די שטערן, די היעראָגליפֿן.
און אָט וואָס די שטערן שרײַבן דערפֿון:
„עס שלאָפֿט אַ זון אין גאָרנישט דעם טיפֿן;
עס שלאָפֿט אין דעם גאָרנישט אַ זון״.

זעקס שורות

כ׳וויים: קיינער דאַרף מיך נישט אויף אָט דעם עולם,
מיך, ווערטער-בעטלער אויף דעם יידישן בית-עולם.
ווער דאַרף אַ ליד — און נאָך דערצו אויף יידיש?

נאָר בלויז דאָס האָפֿנונגסלאָזע אויף דער ערד איז שיין,
און געטלעך איז נאָר דאָס, וואָס מוז פֿאַרגיין,
און נאָר הכנעה איז מרידה׳ש.

ביידע אַליין

נעכט קומען, נעכט,
ווען גאָטס קול גייט דורך שטילקייטן וויסטע,
פֿרעגט שטרענג און גערעכט:
וואו ביסטו?

ענטפֿערט אַ מענטש אין דער נאַכט:
„דאָ בין איך. פֿאַרשפּילט איז די שלאַכט.
איך, מענטש, בין דײַן חרובע הייליקייט.

פאַר מיר, דיין בותל־מערבי,
שטעל דיך און וויין!
ביידע געבליבן אַליין,
ביידע אַליין...
איינער דעם צווייטן פאַרשוועכט —
און קיינער נישט שולדיק,
ביידע גערעכט" — —

נעכט קומען, נעכט,
ווען גאָטס קול גייט דורך שטילקייטן וויסטע.

שאַפּענישע מעלאָדיע

אַמאָל איז מאַי געווען, און איך בין נײַ געווען,
און אַלץ איז נײַ געווען, און זי איז בייגעווען —
זי איז דערבײַ געווען.

און עס איז ווייט געווען, און עס איז הויך געווען,
און עס איז וויים געווען, און זי איז אויך געווען —
און זי איז אויך געווען.

און ווער בין איך געווען? און וואָס איז זי געווען?
איך וויים נישט. כ'וויים נאָר, אַז דאָס אַלץ איז הי געווען,
געווען דאָ־הי.

די אויגן ווילן זיך אַ רגע צומאַכן:
עס וועט זיך אפשר זײַ אַ רגע רו מאַכן,
אַ רגע רו מאַכן.
אין חלום ווילט זיך זײַ אַ רגע גליוורען —
וועט ווידער וויים ווערן, וועט ווידער פרי ווערן,
און מאַי, נישט היגער שוין, וועט ווידער הי ווערן,
און וויים און לעבעדיק וועט זי, אויך זי ווערן —
אויך זי.

אַמאָל איז ווייט געווען, אַמאָל איז הויך געווען,
און עס איז ווייס געווען, און זי איז אויך געווען,
און ז י איז אויך געווען —
אויף מיינע קני.

ר י י ד צ ו ד ע ר ק ר אָ

דער סוף פון טעג: נאָר חושך, פינסטערנישן נייערט, —
אמת, קראָ, ס'איז אמת!
נאָר אַז נאָך יעדער נאַכט גייט זונליכט אויף און פייערט —
איז עס מינדער אמת?
איז עס מינדער אמת, קראַנקע קראָ?

די מאַיען טראָגן מאַי־קלייד אַזוי לאַנג ביז זיי פאַרגייען, —
אמת, קראָ, ס'איז אמת!
נאָר אַז די שנייען שנייען אַזוי לאַנג ביז זיי צוגייען —
איז עס מינדער אמת?
איז עס מינדער אמת, קלוגע קראָ?

עס קומט אַ צייט, ווען בוימער שטייען נאַקעטע און לאַמע, —
אמת, קראָ, ס'איז אמת!
נאָר אַז מען וויל — איז ווינטער נאָר צו פרילינג אַ הקדמה.
איז עס מינדער אמת?
וואָס־זשע קראַקעסטו מיט זיכערקייט אַזוינער,
ווי איין־אויגיק וואָלט געווען דער אמת,
ווי ס'וואָלט נישט אויגן צ ו ו י י געהאַט דער אמת —
צוויי טיפע, טיפע אויגן?

ק י נ ד ע ר ־ ק אָ פ א י ן ל י כ ט

כ'בין אומבאַמערקט אַריין אין צימער
און בין געבליבן שטיין געפּלעפט
פאַר דעם געקרויזטן בלאָנדן קעפּל,
וואָס בויגט זיך שטיל איבער אַ העפט.

עס האָט דאָס קעפּל בלאָנד געלויכטן,
ס׳האָט די עלעקטרע רויט געברענט —
נאָר איך, אַ שאָטן אַ פאַרטראַכטער,
האָב גרוי געשאַרט זיך ביי די ווענט.

מיר האָט געדאַכט: מיין לעבן האָב איך
שוין לאַנג פאַרלוירן און פאַרפּאַסט.
איך בין נאָר צוקוקער געהיימער,
איך בין נאָר גייסט, וואָס קומט צו־גאַסט.

בגנבה קום איך און בשתיקה
צוריק אין אייגן־פרעמדן תחום,
און זע אַ קינד און זע אַ צימער —
און קיינער זעט נישט ווי איך קום.

פאַר מיר, שוין נישט־מער־מענטש, האָט לויטער
דאָס בלאָנדע קעפּל זיך געמענטשט.
פון יענער זייט האָב איך באַטראַכט עס —
און עס פון יענער זייט געבענטשט.

דער פאָדעם פון שווייגן

האָט געזאָגט רב שמעון בר יוחאי
צו אלעזרן זיין זון:
מחשבה האָט דאָך אויך
דיבור, קול און קלאַנג,
טרייב זשע קול פון זיך און קלאַנג,
טרייב אַפילו פון געדאַנק,
שווייג טיף, שווייג הויך, שווייג לאַנג,
שווייג.

געשוויגן האָט אלעזר,
געטריבן קול און קלאַנג.
געשוויגן האָט אלעזר,
געשוויגן טיף, געשוויגן הויך, געשוויגן לאַנג.
דערנאָך — געזאָגט אַזוי:

בינה די מאַמע — אין אויבערשטן מקדש,
מלכות די טאָכטער — אין אונטערשטן מקדש...
מלכות די טאָכטער, כדי מלכות צו זיין,
מוז קליידער זיך באָרגן ביי בינה דער מאַמען.
וועמען זשע שיקט זי צו דער מאַמען? מיך.

וואָרום אויבן מיט אונטן בינד איך צוזאַמען,
איך, דער בן־אָדם,
מיט אַן איינציקן פאָדעם —
דעם פאָדעם פון שווייגן.

פראַגער מהר״ל־שול

דער שמש ריגלט אויף.
מיר נידערן. עס דרעמלט
דער גולם דאָ — און ס׳קומט
צו חלום אים דער ד ע מ ל ט.

און יידן אין צילינדערס
זינגען אַלטע פסוקים.
זיי זעען נישט דעם גולם.
שטיי איך און באַקוק אים.

ער ליגט אַהינטער טרעפּ —
אַ מישונג אַ געהיימע:
געמישט איז ער פון מענטש,
פון מלאך און פון בהמה.

אַ פּויסט אונטערן קאָפּ.
ס'באַוואַכט אַ נאַכט פון בליי אים.
שטיוואַלעס פּוילן שוואַרץ
אויף ריזיקע רגלים.

און אים צוקאָפּנס — מייז.
זיי לויפן נישט. זיי גליווערן.
וואָס טראַכטן זיי? צי וועט
שוין קיינמאָל דאָ נישט פרי־ווערן?

דער גולם ליגט. און ס'קומט נישט
מהר"ל אים וועקן.
שאַ, האָרך דיך איין: צי קלאַפּט נישט
ערגעץ שוין זיין שטעקן?

ער קומט צוגיין און ברענגט
אַ נייעם שם־המפורש
און שטעלט דעם גולם אויף
און מאַכט אים צו זיין יורש.

און שטעלט דעם גולם אויף
און מאַכט זיין פּנים שטראַליק.
יאָ, ס'קומט אַ צייט — און ס'ווערט
דער גולם מהר"ל'יק.

נאָר זיין וועט יענער נס
דער מאָרגן־נס די קינדער'ס.
איצט דאַוונען דאָ נאָר טויטע
טאַטעס אין צילינדערס.

פּראַג, 1921

אַ לאַנד־הויז אין שטאָט
ניו־דזשוירזי

ווי אומרעאַל איז דאָס רעאַלע,
אויב אין נײַנצן הונדערט פערציק פיר,
ווען שרפה־אַש באַדעקט די וועלטן אַלע,
קען איך עפענען אַ טיר
און פון מײַן אייגענעם בלוטיקן טויט
אַנטלויפן אין אַ הויז פון צײַטן האַלב־פּאַטריאַרכאַלע
געבויט אין אַכצן הונדערט זעקס.
אַנטלויפן — און לאָזן זיך שפּאַנען דורך צימערן,
וואו דורות פאַר מיר האָבן מענטשן געשפּילט
די שפּילן דער תאוותס, דער האָפענונגס, דער שרעקס.

אַ הויז צווישן ביימער און בלומען.
צום זעלביקן זומער
האָבן אויגן אַרויסגעקוקט דורות פאַר מיר.
אַוועק זײַנען תאווה און האָפענונג און שרעק,
נאָר דער זעלביקער זומער
פאַרבט דעם זעלביקן הימל מיט בלויען קאָליר.

באַלאַגערט פון בינען
וויגן זיך דרויסן געוויקסן,
און אינעווייניק, ביי שטילע קאַמינען,
דרימלען פאַרצײַטישע ביקסן.
אַ שוואַרצער קדמון — אַ טאָפּ. אַ געשטעל
צום שפּינען פלאַקס — און נישטאָ מער די האַנט,
וואָס האָט געשפּונען.
וואָס נאָך? אַ האָלענדישער אויוון אין וואַנט.
אַ גרויסער ברייט־בייכיקער דעמי־דזשאָהן —
אַמאָל פלעגט מען זויפן פון אים ראָם —
שטייט גלאַנציק און פוסט.

דער פאַרגאַנגענהייט׳ס תהום
גלאָצט צום זומער אַרויס דעם באַזונטן.

אַ גרויסע קאַמער אונטן.
ווי אַ שפּייכלער זעט זי אויס.
פאַרשפּאַרן פלעגט מען דאָ אַמאָל
ווידערשפּעניקע קנעכט.

בייטאָג איז נישט שלעכט:
כ׳הער זיך צו צום הייסן קאָנצערט
פון דער ערד,
און צום וואַסער גיי איך,
ווען די זומער־זון קלאַפּט איבערן קאָפּ צו שטאַרק
מיט איר שווערן גאָלדענעם האַמער.
נאָר אין די נעכט
הער איך ווי פון אונטן, פון דער קאַמער,
פון דאָרט, וואו הונדערט אַלטע זאַכן שטייען,
טראָגן זיך געשרייען
פון קנעכט, פון געפּייניקטע קנעכט.

געשריבן אין העמפּטאָן־טאַונשיפּ

איבערן פענסטער, אין דער נאַכט פון אויגוסט,
איז געהאַנגען דער לבנהס זילבערן בילד.
פאַרן פענסטער, אין דער נאַכט פון אויגוסט,
האָט ס׳גרילוואַרג ווילד געשפּילט —
אַ קאַפּיקע קאַפּעליע מוזיקאַנטן.

אַ גרילעכץ ווי דאָס פלינקע שאַרפן מעסערס אָן אַ שלייפשטיין;
אַ גרילעכץ ווי דאָס רייסן מעשה־כעסן אָן אָן אויפהער
אַ דינע, דינע, דינע סטרונע;
אַ גרילעכץ ווי דאָס זידעניש פון הייסע וואַסער,
אַ גרילעכץ ווי אַ שאָס פון ווייטן רעגן;

אַ גרילעכץ ווי אַ זינגענדיקע זעגעניש פון זעגן,
אַ גרילעכץ ווי דאָס מידע מאָלן פון אַ מיל,
אַ גרילעכץ ווי דאָס צימבלעניש פון צימבלען אַלערליי.

נאָר מיטאַמאָל, אין מיטן דעם געשפיל און דעם געגריל,
צייטנווייז צעשניטן פון אַ פויגלשן געשריי,
האָב איך פאַרנומען זילבן הארבע צוויי —
און דער בעל־דיבור איז געווען אַ פויגל.
ער האָט זיין וואָרט געחזרט נאָכאַנאַנד,
נישט קיין שרייער און נישט קיין מוזיקאַנט;
אַ שליח פון אַ וויי, וואָס שרייט נישט,
פון אַ וויי, וואָס זינגט נישט,
פון אַ וויי, וואָס רעדט —
אַ טראַגישער פּראָזאַאישער פּאָעט.

ק אַ פּ ו י ר

די בוימער אינעם וואַסער קוקן קרום
אויף די בוימער, וואָס באַפּעלקערן דעם ברעג:
אונדז, אמתדיקע, מאַכן נאַריש נאָך
לצים קאַפּויריקע אין גרינע רעק;
לצים קאַפּויריקע און טרויריקע,
צעשויבערט מרה־שחוריקע,
פול מיט שאָקל און מיט פלאַפּל און מיט שרעק
פאַר זעגן און פאַר העק.

אין וואַסער זיצט אַ זון און רעדט צו זיך
פון דער זון, וואָס הימלט אויבן־אָן:
האָט ליכט ביי מיר געבאָרגט — און איז דאָך נאָר
אַ נאַכט, וואָס טוט אין טאָגיקייט זיך אָן.
אַ נאַכט איז זי אַ טרויריקע,
אַ נאַכט אַ מרה־שחוריקע,
פול מיט פחד טאָמער מאָן איך אויף דעם חוב,
טאָמער גייט זי אַרונטער —
און איך גיי אַרויף.

אַ יוביליי

אויבנאָן איז געזעסן אַן אַלטער נאַר,
פון צעטראָגנקייט רויט ווי אַ סאַמאָוואַר:
דער יובילאַר.

אַרום אים האָט געפּלאַצט מיט געטראַסק און געברויז
דאָס ווערטל גרויס.

ס׳האָט געלאַכט אים אין פּנים אַריין אַ נאַכאַל:
ס׳וואָרט געניאַל.

אַ לאַך און אַ טראַסק, אַ פּלאַץ און אַ קנאַל:
גרויס — געניאַל — גרויס — געניאַל —
געניאַל.

פון אַ ווינקל זאַל
האָט געקוקט איינער שטאַר
צום יובילאַר.
געקוקט, געטראַכט, געבלייבט, געגרויט:
דער טויט.

אַ מעשה

אַמאָל איז געווען אַ מעשה,
האָט די מעשה גענומען פרעגן
אַ קשיא אויף אַ מעשה —
אויף זיך אַליין אַ קשיא.

האָט געזאָגט די מעשה:
וואָס איז עס פאַר אַ מעשה?
געפין איך נישט דעם תּירוץ,
טו איך זיך אָן אַ מעשה.

און זי איז געגאַנגען זוכן
איבער דער ערד אַ רש״י,
ער זאָל איר באַשיידן די מעשה,
פאַרענטפערן די קשיא.

האָט זי געפונען רשי׳ס,
האָבן געענטפערט די רשי׳ס,
איז פון די אַלע ענטפערס
געוואָרן אַ ים מיט קשיות.

האָט זיך צעוויינט די מעשה:
איך האָב געפרעגט אַ קשיא,
זיינען געוואָרן קשיות —
וואָס איז עס פאַר אַ קאַשע?

בלאָנדזשעט ביז איצט די מעשה
און פרעגט: וואָס איז די מעשה?
וואָס אַ טאָג מער קשיות —
ס׳איז אָן אַן עק די מעשה.

און אַלע וועלטן וויינען
און אַלע דורות דערציילן
די מעשה מיט דער מעשה,
וואָס האָט געפרעגט אַ קשיא —
אַ קשיא אויף אַ מעשה,
אַ קשיא אויף אַ מעשה.

ביים לייענען אַ פילאָזאָף

דער דענקערישער חסר־דעה
זוכט פאָרמולעס פאַר מיין געוויין.
ער שטעלט טערמינען אויף אַ מאה,
קומט מיט זיין שפּרוך און זיין קמיע.

פאַרוואַנדלט גאָט אין אַן אידייע,
נאָר איך — איך וויין: כ'דאַרף גאָט אַליין.

ווי קראַנקע קינדער זיינען ביכער:
עס שטילט אַ צאַצקע זייער וויי.
דער שכל איז אַ מאַרעוויכער,
דער פילאָזאָף — אַ בלינדער קריכער.
אָ גאָט, קום ראַטעווע וואָס גיכער,
ווייל איך פאַרגיי, ווייל איך פאַרגיי!

פערזן וועגן נס און נסיון

ווי טוי באַגיניקער, פרומער, פריער,
איז די מעשה מיט ר י ק נ ב אַ ק ע ר דעם פליער.

פייגל, צוויי פייגל אין פאַרכטיקע שעהן:
איין פויגל — נס, דער צווייטער — נסיון.

אין זכות פון אַ מענטשנס תפילות און טרערן
פליט אַן דער ערשטער, אַ קרבן צו ווערן.

עס שיקט אים די האַנט, וואָס צעטיילט מתנות,
צו אַ מענטש אויף איין ברעטל אין ים־אוקינוס.

ער שטייט אויף זיין אַקסל, דער פויגל פון נס.
טויט מיך, פאַרהונגערטער! נעם מיך און עס!

און אָט — פון טויט ווערט לעבן געבאָרן:
דעם פויגלס טויט איז לעבן געוואָרן.

דערנאָך אָבער קומט אַ פויגל אַ צווייטער —
ער קוקט, ער וואַרט, אויף זיין אַקסל שטייט ער.

נאָר אומגעקערט האָט ער צום הימל דעם בלאָען
דעם פויגל דעם צווייטן, וואָס איז נסיון.

ער, אויף איין ברעטל אין ים אוקינוס,
האָט מיט רחמנות באַצאָלט פאַר רחמנות.

וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל טייטן
דעם פויגל פון אויספּרואוו, דעם פויגל דעם צווייטן?

דער טויט וואָלט געזאָגט: נישט ווערט די חסדים.
דער נס וואָלט געשטאָרבן — און מיט אים דער בן־אדם.

ווען יאוש קראַקעט: אָן רחמים פאַרגעס,
קומט תמיד צופליען דער פויגל פון נס.

נאָר אַז דו שטייסט דעם נסיון נישט ביי —
איז דער נס פאַרביי און דו ביסט פאַרביי.

דרום לערן, דו אהרן, דעם סוד און דעם רמז
פון דער פּאָעמע איבער פּאָעמעס,
וואָס האָט פּאַסירט אויף אָן אמתן אמת.

און שטיל אויף נס און נסיון טו הארן,
און גרייט דיין הארץ צו גאָט און געפאַרן,
און וויים און שווייג —
שווייג, ווי ס'ע שטייט: וידום אהרן.

1943

אַ געזעגנס

קלעזמאָרימלעך ליבינקע,
טייערע, זיסע,
שפּילט מיר אַ ביסעלע
קודם המיתה.

שפילט אַ געזעגנס,
נאָר שפּילט אַן געוויין.
אויך איך האָב געקלעזמערט,
איצט קלייב איך זיך גיין.

נישט פון דעם וואָרעם
טוט שפּילן, קלעזמאָרים,
קלעזמאָרימלעך זיסע!
זון איבער קברים,
אַ קינד אויפן אָרעם —
דאָס טוט מיר אויסשפּילן
קודם המיתה.

וואָס איז אַ מת?
אַ קינד צווישן קינדערלעך.
גאָט ברוך הוא
גרייט צו פאַר אים ווינדעלעך.
אַ מענטש גייט אַוועק,
אַ מענטש קומט אַפער,
אַזוי ווי דער סמיק
גייט אַהין און אַהער.
אַזוי ווי דער סמיק
אַהין און צוריק,
אַזוי ווי מוזיק,
אַזוי ווי מוזיק.

הייבט-זשע די אָרעמלעך,
שפּילט מיר, קלעזמאָרימלעך,
האַרציקע, זיסע!
זון איבער קברים,
אַ קינד אויפן אָרעם —
ד אָ ס טוט מיר אויסשפּילן
קודם המיתה.

אַ הויז אויף ריווערסייד דרייוו

צום אנדענק פון י. י. זינגער

אַ וואָלקן איז געבליבן שטיין איבערן האָדסאָן,
אַן אָוונטיקער וואָלקן ווי אַ בלויער באַרג.
אונטער אים — ניו-דזשוירזים פייכטע פייערן:
זיי טוען זיך זײַערן
טרערנווייז אין טייך אַריין.

צום האָדסאָן אַרויס
שטייט אויף ריווערסייד דרייוו אַ הויז.
פאַרנאַכט, קעגנאיבער ניו-דזשוירזים פייערן,
גליווערט עס בלייערן,
פאַרשטאַרט אין אַ קלער.
כ׳האָב אַ חבר געהאַט דאָרט, אַ חבר אַ טייערן —
איך האָב אים נישט מער.

בענקט נאָך אים ס׳הויז און עס קלערט:
אפשר וואוינט ער אויף יענער זייט,
אויף דער בעסער-זייט, דער שענער-זייט,
אין אַ הויז אַ שענערן, אַ נייערן.
אויף יענער זייט זוכט עס אים,
צווישן די פייערן.

אויף אַ סעמעטערי

ס׳לאָזט אים אין קבר אַראָפּ אַ מאַשין.
לאַנגזאַם פאַלט ער אַרונטער.

ברוגזדיק וואַרטן די קאַרס:
ענדיקט דעם פאַרס,
מיר ווילן אַנטלויפן —
אין שטאָט איז בונטער.

אַט באַלד. אַט באַלד.
אַ רגע וואַרט אונטער.

די בלומען אהער!
מע זעט אים נישט מער—
ער איז שוין אַרונטער,
אינגאַנצן אַרונטער.

די באָבע פֿאַרט פֿון אַ חתונה

צוריק פֿון אַ חתונה.
פֿינצטער אין בויד.
ס׳גיט זיך די באָבע
אין דרימל אַ הויד.

דעם נעפּל דעם ווייסן,
וואָס שלייערט איין
אַ באַגינען אין רייסן,
גיט זיך נישט איין
דעם ווינט צו צערייסן.

ווייס אויף די פֿעלדער
און פֿינצטער אין בויד.
ס׳גיט זיך די באָבע
אין דרימל אַ הויד.
זי האָט זיך דעם שלאָף
ווי אַ הינדל פֿאַרטרויט;
ער טריפֿט איבער איר
אַזוי זאַנפֿט און באַטויט.

דעם נעפּל דעם ווייסן,
וואָס שלייערט איין
אַ באַגינען אין רייסן,

גיט זיך נישט איין
דעם ווינט צו צערייסן.

ס׳גיט זיך די באָבע
אין דרימל אַ הויד.
די חתונה — אוים;
באַגינען פאַראוים,
באַגינען און טויט.

זאָגט דער באַגינען:
די באָבע איז געווען
אַ קליינע מויד;
ווי דער נעפּל ווייס,
נאָר אַמאָל געווען
ווי אַן עפּל רויט.

וועט פריש זיין ווידער, —
ענטפערט דער טויט.
ער זעצט זיך אַריין
צו דער באָבען אין בויד
און גלעט די קנייטשן
אויף איר אַלטער הויט.

דעם נעפּל דעם ווייסן
(ער הענגט אויף צופליים
און הינטער אים וואַרט
די זון) וועט צאַרט
דער טויט צערייסן.

אַ טויטע פעל

מאַנהעטן. זונטיק. זון. איך גיי אַרוים
און זע ביים טראָטואַר אַ געלבלעך־גרוי׳ם:
דאָס שמאָלע פעלכל פון אַ טויטער מויז.

אין פּולער גרוים
ציט זי זיך אויס, די גאַס. אַ פּרעכע רויז
ברענט אין אַ נעגערס לאַץ. אַ יונגער פרוי׳ס
געלעכטער רייצט זיך: כ׳זאָג אייך גאַרנישט אויס.

צי ווייס די גאַס, אַז זי איז בלענדונג בלויז,
אַז זי איז בלענדונג בלויז און פּוסט געברויז
אַרום דעם טויטן פּעלכל פון דער מויז,
אַרום דעם שמאָלן פּעלכל פון דער מויז?

פּאַראַד. מוזיק. פון פענער דאָס געפּאַך.
קאָרס בלייבן שטיין און קינדער לויפן נאָך.
כ׳קוק ערגעץ אַנדערשוואו אין מיטן קאָך:
דאָרט, ביים טראָטואַר, וואו ס׳ליגט די פעל,
איז גאַטס געהיימע שוועל.

אַ נאַכט־ליד

רייף זיין איז אַלץ
(האַמלעט)

די גאָרטן־גריל פּייפט,
סעפּטעמבער־הימל רייפט,
זיינע שטערן גרינען.

צום שלאָפן רייפט,
אין שאָטן פאַרשטייפט,
די ערד. עס פּייפט
די גריל ביז באַגינען.

ס׳הארץ הערט
און באַגרייפט:
אויף הימל און ערד
ווערט איינס נאָר באַגערט --
רייפקייט צו געפינען.

ס'האַרץ הערט און באַגרייפט,
סעפּטעמבער־הימל רייפט,
די גאָרטן־גריל פּייפט
ביז באַגינען.

ד אָ ס   פ ע נ ס ט ע ר

דער שטיין ביים וועג, אַט דער אַלטער תּם —
זיין יחוס ווייס איך, איך קען זיין שטאַם:
זון איז זיין מאַמע, זיין ברודער — דער פלאַם.

אַט דער איינזאַמער בוים, דער פאַרשטומטער רוף,
דער פאַרגליווערטער פלי — ער איז אַ פּרואוו
צו פאַרוואַנדלען גאָט'ס וואָרט אין אַ גרינעם גוף.

און איך, ווען איך שטיי און טו קוקן אויף זיי —
בין ס'פענסטער, דורך וואַנען גאָט קוקט אויף די צוויי.
איך בין נאָך גרעסער, געהיימער ווי זיי.

ד ע ר   ט ו י ט

דורכ'ן באָס צווישן גרענד רעפּידס און דעטראָיט
האָב איך געקוקט, געזען ווי ס'לויפט דער טויט.
ער האָט זיך פאַר מיין בליק געטאָן אַ טראָג
אין האַרבסטיק־רייכן רויט,
מיט פאַקלען העל געצונדענע אין מיטן טאָג:
ברענענדיקע ביימער.

כ'האָב יענע־וועלט געזען אויף דער־וועלט ברענען.
ס'האָט זיך דער טויט געלאָזט צו מיר דערקענען
אין פייער שבפייער, הוד שבהוד.

האָב איך דעם טויט
געבענטשט צווישן גרענד רעפּידם און דעטראַיט
און האָב באַגריפן מיט׳ן אויג, מיט בלוט און הויט,
דאָס אַלטע וואָרט פון טיפזיניקע אָבות:
טוב מאד —
זה המות.

ה אַ מ ל ע ט

וואויל דיר, פּאָטער! געלעבט אויף אַן אמת, טויט אויף אַן אמת!
בין איך דעם לעבנ׳ס? דעם טויט׳ס?
כ׳ווייס נישט ו ו ע מ ע ס.

פון גאָט׳ס צעבראָכן געשיר,
גייסט פון מיין פאָטער, קיין מעשים נישט מאָן.
קוק מיך אָן:
איך שטיי ביי אַ שאַרבן און פילאָזאָפיר.
ווען ווייט אַרום מיר
פאַלן וועלטן און שרייען —
וואָס טו איך? כ׳דעקלאַמיר
טיפזיניקע ריידערייען.

משוגע-קראַנק,
דער קאָפּ באַנדאַזשירט מיט נאַסע טיכער,
אַזוי האָט די וועלט זיך געוויזן צו מיר
און געגעבן מיר ביכער.

ביכער, ביכער, ביכער.
זיי האָבן אַזוי מיך צעמישט,
אַז כ׳ווייס נישט אויף זיכער:
בין איך דאָ, צי נישט?

זיין אָדער נישט־זיין? איז דאָס זיין אַ זיין?
וואָס איז דאָס זיין און וואָס מאַכט מען דערמיט?
וואָס קען דאָס זיין,
וואָס איך, האַמלעט, דריי זיך אַרום אינדערמיט?
און ווער איז הבל? און וואָס איז קין?
און וואו איז די בריק צווישן איך און דו?

און וועלטן פאַלן, וועלטן בעטן, וועלטן שרייען:
ט ו!

1936

קעניג ליר

אַז דו ביזט רייך און קעניגליך, ווי איך,
האָב איך אין מיין קעניגשאַפט געדאַכט.
אַז דו האָסט מאַכט,
האָב איך אין מיין מאַכטיקייט געטראַכט.
נאָר איצט, אין אָט דער שטורעמדיקער נאַכט,
ווען איך שטיי פאַר דיר צע'טענה'ט,
גאַפסטו דורך די אויגן פון אַ לץ
און בליצסט אויף מיר פאַרפייניקט.
פרעגסט צוגלייך מיט מיר,
דעם מלך ליר.

די וועלטן, דיינע טעכטער,
וואַרפן דיך אַרויס הינטער דער טיר,
און עלענט שטייסטו, אַ פאַרשוועכטער,
ווי איך, ווי ליר.
ווער וועט אַריינלאָזן? ווער דאַרף דיין קומען?
קלאַפּסט אָן צום מענטש —
פאַרנומען!
דאָ דאַרף ער ציילן ס'ביסעלע מזומן,

דאָ זינדיקן מיט ווייבער, דאָ פאַרברענגען צווישן לייט,
און אַט גאָר דאַרף ער הרגענען אַ ברודער —
נישטאָ פאַר דיר, הער גאָט, קיין צייט.
נישטאָ קיין צייט.

פלוצלינג, ווי איך שטיי אַזוי און טענ׳ע,
דערזע איך, אַז מיין טענה איז אויך דיינע.
פרעגסט צוגלייך מיט מיר,
דעם מלך ליר.

וואַרשע, 1936

מ ע ל אָ ז ט נ י ש ט

מ׳וואָלט געקאָנט שטאַרבן, נאָר מע לאָזט נישט.

ס׳קומט צוגיין רחמנות
מיט אַ לבנה׳ס
פרום געזיכט —
און לאָזט נישט.

די ליבע קומט אַנטקעגן;
ווי אַ זון מיט אַ רעגן
וויינט זי און לאַכט —
און לאָזט נישט.

אין אַ ווינקל שטייט די תפילה;
איר ברעם איז פייכט,
דאָס פנים לייכט,
די ליפּן שעפּטשען: גאָט פאַרלאָזט נישט.

מ׳וואָלט געקאָנט שטאַרבן, נאָר — מע לאָזט נישט.

אַ זמר

א

זאָגט דער רבי רב מאָטעניו:
אַ גוט מאָרגן דיר, גאָטעניו!
ראַד סטאַראַטסיאַ! גיב אַ פּריקאַז —
וועט מען טאָן כדין וכדת.

צדיקים ילכו בם
ופושעים יכשלו בם.
בים, באָם, בים־בירי־באָם —
צדיקים ילכו בם.

ב

זאָגט דער רבי רב מאָטעניו:
אַ גאָט העלף דיר, גאָטעניו!
דער טאָג איז היים, די מלחמה איז שווער,
נאָר מע לאָזט נישט אַרוים ס'געווער.

צדיקים ילכו בם
ופושעים יכשלו בם.
בים, באָם, בים־בירי־באָם —
צדיקים ילכו בם.

ג

זאָגט דער רבי רב מאָטעניו:
מע האַרעוועט, גאָטעניו!
די סיטרא־אחרא איז שטאַרק אין כעס,
אָבער מע טוט דיין פּריקאַז.

צדיקים ילכו בם
ופושעים יכשלו בם.

בים, באָם, בים־בירי־באָם —
צדיקים ילכו בם.

ד

זאָגט דער רבי רב מאָטעניו:
אַ גוט נ'אָוונט דיר, גאָטעניו!
מיין טאָג איז אַוועק, איך האָב אַלץ געמאַכט —
גיב מיר אַ שטילע נאַכט.

צדיקים ילכו בם
ופושעים יכשלו בם.
בים, באָם, בים־בירי־באָם —
צדיקים ילכו בם.

מאָרגנשטערן

כ'בין אויפגעשטאַנען היינט פאַרטאָג,
האָט זיך געטאָן צו מיר אַ טראָג
די תפילה פון דעם מאָרגנשטערן,
וואָס האָט געוואַרט אויף מאָרגן־ווערן.

געדאַוונט האָט דער מאָרגנשטערן,
דער פייערדיקער מאָרגנשטערן,
און ס'איז אַזוי געווען זיין זאָג:
כ'באַגער נאָר איינס — ס'זאָל מאָרגן ווערן;
כ'באַגער נאָר איינס — פאַרבאָרגן ווערן.
קום, ווער דער קבר מיינער, טאָג!

אַ פרוי

דעם ערשטן —
האָט זי ביי טאָג פאַראַכט
און ליב געהאַט ביי נאַכט.

צווישן טאָג און נאַכט
האָט זי אים פאַרלוירן.

דעם צווייטן —
האָט זי בייטאָג געאַכט
און פיינט געהאַט ביינאַכט.
איינמאָל אין אַ נאַכט
איז זי פון אים אַנטלאָפן.

דעם דריטן —
האָט זי בייטאָג פאַראַכט
און פיינט געהאַט ביינאַכט.
ער האָט געהייסן מיסטער גימפּל.
ס'האָט גאָרנישט איבערראַשט אים. אויף אַלץ האָט ער געזאָגט:
איט'ס סימפּל, ווערי סימפּל.

נאָר ענדלעך האָט אויך ער געהאַט אַן איבערראַשונג.
ס'איז געווען נישט לאַנג צוריק.
ער איז אַריין אין באָד־צימער זיך וואַשן
און זי געפונען הענגען אויף אַ שטריק.

גאָט, דו האָסט אויפגעהערט גלויבן אין מיר

גאָט, דו האָסט אויפגעהערט גלויבן אין מיר,
גאָט, דו ביסט כופר, ביסט כופר אין מיר —
קריך איך אין אָפּגרונט אויף אַלע פיר
און ווייס נישט, ווי קריכט מען פון אָפּגרונט אַפיר.

איך ווייס נישט, ווי קומט מען, ווי קומט מען צו דיר.
זינט דו האָסט אויפגעהערט גלויבן אין מיר,
איז אָפן מיין תהום און פאַרשלאָסן דיין טיר,
פאַרשלאָסן דיין טיר.

וואָס טוט מען, זאָלסט אָנהויבן גלויבן אין מיר?

שולד און אויסלייז

כל־זמן דאָס ליכטעלע ברענט,
קען מען נאָך אַלץ פאַרריכטן.
(ר' ישראל סאַלאַנטער)

ווי לאַנג סע ברענט דאָס ליכטל,
לאָזט זיך נאָך אַלץ פאַרריכטן.
נאָר ווער קאָן פאַרריכטן אַ לעבן,
וואָס ווערט פאַרשווענדט אויף דיכטן?

זינד פון ווערטער און בילדער,
נאַכט־זינד פון מיין נשמה!
אויף יענער וועלט וועל איך קומען
אַ ווערטערדיקער טמא.

באַגלייט פון מחנות ווערטער,
ווי מחנות ווילדע פליגן,
וועל איך בלאָנדזשען אויף יערידן,
וואו שדים פאַרקויפן ליגן.

פון שד צו שד וועל איך שלעפן
מיין שטרויכל־פוס דעם מידן
איבער די קראָמען פון בלענדוואַרג,
איבער די פוסטע יערידן.

ביז וואַנען צום טייוול, דעם בלענדער,
וועט זאָגן גאָט: באַפריי אים!
און פון דער דיכטונג'ס מצרים
וועל איך קומען אין לאַנד פון לענדער,
וואו שטילקייט אַן ריר, אַן ענדער,
זיצט אין אייביק ווייסע געווענדער.

אָנונג

אַט די גאַנצע געשיכטע,
וואָס מיר רופן וועלט,
וואָס מיר רופן מענטש,
וואָס מיר רופן געשיכטע,
מוז זיין אין תוך
אַזוי מורא׳דיק פשוט,
אַז ווען מיר וועלן
הויבן דעם שלייער —
וועלן מיר לאַכן זייער
און וויינען זייער
און פאַלן גאָט צו די פיס:
זע נאַר, זע,
ווי פשוט דאָס איז!

צום לעצטן שאָטן

פון יעדער פרוכט
האָט מיין גומען שוין פאַרזוכט —
און ס׳איז געבליבן
בלויז דאָס ליד,
וואָס ווערט פאַר קיינעם נישט געשריבן.

ס׳ליד פאַרשלים איך
אין דער שטרענגקייט פון דער שיינקייט
און מיין גאַנג
צום לעצטן פאַנג
גיי איך אין אַליינקייט.

איך גיי אַליין,
מייד אוים אַ צווייטן:
קיינער קאָן מיך נישט באַגלייטן.

מען קען פון קיינעם
נישט זיין באַגלייט,
מע גייט נישט אינאיינעם
ווען מע גייט
דאָס שווערע גיין
צום לעצטן שאָטן,
וואָס ציט די דראָטן
פון יאָ און ניין.

וואַרשע, 1936

דזשעסיקאַ

ס'האָבן שיילאָק'ן ווינטן ביים קאַפּטאַן געריסן,
זיין באָרד האָט געציטערט.
אַ פינסטערער הימל האָט צאָרניק געפיטערט
משוגענע וואָלקנס.

און דזשעסיקאַ, די טאָכטער, איז ערגעץ געלאָפן
מיט לאָרענצאָ'ן, דעם בלייכן פאַרפירער,
געלאָפן בלינד צו דער ליבע צו אירער,
און ס'האָט זי מיט דונערס געיאָגט אַ כל־נדרי,
ס'געזאַנג וואָס רודפ'ט געשמד'טע.

ס'האָט איר הארץ ווי אַ צונג פון אַ שלאַנג זיך געוואָרפן.
איין העלפט האָט געשריגן: לאָרענצאָ!
די צווייטע העלפט: טאַטע!

שלאָפן

און אַמאָל טו איך תפילה אַזוי:

דריי מיך אוים מיטן פנים צום אייביקן צפון.
לעש מיך אוים מיט איין בלאָז
און לייג מיך אין אָפּגרונט שלאָפן.

צעטראָג מיינע ווענט
מיט אייןווענד,
קער
מיט איין קער
מיך אום
צום
אור-תּהום דעם גרינעם —
און אינעם
איינגעווייד זיינעם לייג שלאָפן.

נישט וויין איבער מיר און נישט ווייטיק.
קלאָג איז נישט נייטיק.
לאָז שלאָפן.

קוק אָן: ווער בין-איך און וואָס ?
קאָנסט מיך אַפילו נישט שטראָפן.

פּרוב מיך נישט אוים מער. נאָכוואָס ?
כ׳בין אַן שוץ און אָן וואָפן.

לעש מיך אוים מיט איין בלאָז —
און לייג מיך אין אָפּגרונט שלאָפן.

וואַרשע, 1938

א ו י ס ט ע ר ל י ש

אַלץ אויסטערלישער ווערט
מיין גאַנג דאָ אויף דער ערד:
פון הימל הענגט אַ שווערד,
פון אָפּגרונט ווינקען בלומען.

רויט-בלומיק האָט געבליט
דער הימל איבער מיר

ווען ס׳פלעגט זיין זון אראָב
און ווען זי פלעגט אַפיר.
דער אָבגרונט האָט געהיט
אַ לויערדיקע שווערד.
און איצטער איז פאַרקערט,
און ס׳שטרויכלען מיינע טריט
און ס׳קלעבט מיין וואָרט צום גומען.

איך ווייס נישט, וואָס באַדייט
דער אויסטערלישער בייט,
נאָר ס׳גייט די שפיל פאַרקערט:
דער הימל האַלט אַ שווערד,
דער אָפּגרונט צערטלט בלומען.

אַלץ מורא׳דיקער ווערט
מיין גאַנג דאָ אויף דער ערד:
רויט רעדט דעם הימלס שווערד
צום אָפּגרונט׳ס קלוגע בלומען.

אַלץ מאָדנער, מאָדנער ווערט —
באַלד לאָזט זיך אויס די ערד,
און איך, פון שרעק באַנומען,
בלייב הענגען צווישן שווערד
און בלומען.

וואַרשע, 1938

עלעגיע ביים ים

ביים ברעג פון ים, וואָס זיינע כוואַליעס גיסט ער
אין שיינקייט מדברדיקער, מאַיעסטעטיש-וויסטער,
אָטעמט מיטן ריח פון די ערשטע שטאָפן
און האַלט די אָרעמס אייביק אָפן, —

ביים ברעג פון ים איז ליבע ווייטע, ערשטע,
פון גליק און אַנגסט באַהערשטע,
מיר אויפגעגאַנגען פונדאַסניי, זיך אָנגעטאָן אין גראַס
און זיך אויסגעמישט מיט ים.

ס'איז ערשטע ליבע מיר געקומען אויפן זינען,
ווען ס'האָבן כוואַליעס מיר גענומען גרינען,
ווי גרינס, וואָס צירט רואינען.

גרין ווי אָט די וועלן
פלעגן מיר אַמאָל די אויגן אירע העלן,
און ווי דער ים-ווינט, וואָס וועקט אויף אַ זעקסטן חוש,
איז מיר געווען איר קוש.

אויף רוקנס פון די טעג איז זי פאַרשוואומען
און מער שוין נישט געקומען.
עס האָבן זי די טעג אַהין פאַרטראָגן,
וואו ס'וויל שוין מער נישט טאָגן.
און איך—ביים ברעג—קוק צו, ווי אין אַ שוואַרצן אָרון
שווימען מיינע יאָרן,
און זע דעם ים, ווי זיינע כוואַליעס גיסט ער
אין שיינקייט ווייסטער.

לאַנדשאַפט

די זון האָט פון מערב געשריגן.
ראַטעוועט, — האָט זי געשריגן.
דער וואַלד האָט געשוויגן.
ס'האָט בלויז אַ ווינט צווישן גראָזן געפּיזמונט אַ ניגון,
אַ סענטימענטאַלן פאַרנאַכטיקן ליגן.
נישט געווען וואו צו קריגן
קיין הילף — און דער וואַלד האָט אַלץ שוואַרצער געשוויגן,
וואָס רויטער די זון האָט געשריגן.

מע איז זי פון הינטן באַפאַלן,
און זי איז געפאַלן,
פאַרבלוטיקט אַלץ טיפער און טיפער געפאַלן,
ביז זי איז פאַרפאַלן,
פאַרפאַלן געוואָרן, — און שטאַלץ איז געשטיגן
איבער וואָלקנס ווי טונקעלע שטיגן
אַ פעטע לבנה מיט גלאַנץ פון מעטאַלן,
מיט פרייד פון רשעים, וואָס זיגן.

גאָרנישט. דער וואַלד האָט געשוויגן.

דאָס דריטע

אויף אַ באַנק זיצן פינצטערע צוויי.
וועלטן אָן צאָל
זיינען וואַך צוליב זיי,
די פינסטערע צוויי
אויף אַ באַנק אין אַ שווארצער אַליי.

צוליב צוויי אויף אַ באַנק
דעקאָרירן די וועלטן אַ זומערנאַכטהימל,
פילן אים אָן מיט געצאַנק,
וואַרפן די וועלטן אַ זומערנאַכטדרימל
אויף ביימער, וואָס שאָטענען שלאַנק,
באַפעלן די פעלד־גרילן שפילן
(ווי שיכור זיי שפילן, די גרילן!),
און לאָזן לבנה־ליכט לאַכיקס און וויים
שווימען ווי קריעס אייז
צווישן צווייגן צעבליטע און שאָטנס צעגליטע.

דאָס אַלץ טוען וועלטן, כדי
פון די צוויי, פון די אָרעמע צוויי,
אַרויסצובאַקומען — דאָס דריטע.

פּאַסטאָראַל

אין פעלד איז זי געגאַנגען,
און ס׳האָבן זיבן זאַנגען
פאַר איר געקניט.
און ווי זי איז געגאַנגען —
זענען זיבן געזאַנגען
געווען אין אירע טריט.

די זון איז געהאַנגען
ווי אַ פויגל, געפאַנגען
אין אַ שטייג, וואָס גליט.
און ווי זי איז געגאַנגען —
האָבן זיבן זאַנגען
זיך פאַרבענקט נאָך שניט.

און ווי זי איז געגאַנגען —
האָבן זיבן פאַרלאַנגען
דערלאַנגען נישט געקאָנט,
נישט געקאָנט זי דערלאַנגען,
און פלאַטערדיק געהאַנגען
ביים האָריזאָנט.

און ווי זי איז געגאַנגען —
איז מיין אויג געגאַנגען,
געגאַנגען נאָך איר פוס.
ווען ס׳פעלד האָט זי פאַרשלונגען,
האָט לאַנג אין מיר געקלונגען
פון בועז און פון רות.

און ס׳פרעגן אלע וועגן,
פאַרוואָס איך בין אַנטקעגן,
אַנטקעגן נישט אַרויס.

ס׳געשטאַלט פון די געשטאַלטן
אויף אייביק צו פאַרהאַלטן
און ברענגען אין מיין הויז.

ס׳געשטאַלט פון די געשטאַלטן
אויף אייביק צו פאַרהאַלטן,
באַפעלן: נישט פאַרשווינד!
און מיט איר געבוירן,
און מיט איר געשטאַלטן
דאָס הייליקע קינד.

אַ קאָפּ

ער האָט מיט בלוט געטריפט פאַמעלעך,
אָט ווי מיט וואַסער טריפט אַן עמער,
און האָט אַריינגעברענט אַ בייזער
אין מידן אָונטיקן דעמער.
געגלאָצט אויף שטולן, אויף טאַפּעטן,
געקוקט מיט בלוטנדיקן חוזק
אויף הויכע יוסט-געבעטע בעטן
און אויפגעלויכטן רויט און רויזיק.
און ווי אַ קינד אויף פיר געקראָכן,
מיט שנירלעך בלוט באַדעקט די דילן,
אין ווינקל לאַנג מיט בלוט געבראָכן,
געזעצט זיך צו דער פּיאַנאָ שפּילן.
מיט געלע צאָרנדיקע ציינער
געקלאַפּט אין פּיאַנאָ, געבעטהאָוונט,
געשפּילט אַ שטורעמדיקע מעשה,
אַדורכגעלעכערט וואַנט און אָוונט.
דערנאָך אַרויסגעשטעלט דעם שפּיגל
אַ צונג אַ ציטערדיקע, שמאָלע,
אַ וואַרף געטאָן צו די גאַרדינען
אַ בליק אַ האַרבן ווי אַ קללה;

נאָר פּאָר אַ פרוי־פּאָרטרעט געבליבן
פּאַרגאַפּט, ווי פּאָר אַ הויכן גילוי,
געבענטשט די שטריכן פון איר פּנים,
געזופּט זיי לאַנגזאַם ווי נאַרגילע.
און תּפילה טויאיקע געמורמלט,
געבעטן גנאָד און זיך פאַרגעסן
צוריק אין חלום פון די יאָרן,
צוריק אין טאַנץ פון די מעת־לעת׳ן.
און אָפּגעפּאָרן מיט די שאָטנס,
און אויסגעזען אויף זייער וואָגן
ווי אַ געה׳רג׳עטע לבנה,
ווען ס׳הייבן הימלען אָן צו טאָגן.

פון קעגנאיבער קלינגט מען אַריבער

פון קעגנאיבער
קלינגט מען אַריבער
צו אונדז אין די שטיבער,
צו אונדז אין די שטיבער.

צום קעגנאיבער
קוקן אַריבער
די פענצטער אַלע
פון אונדזערע שטיבער.

אונדזערע ריגלען
שרייען נאָך פליגלען,
אונדזערע טירן
ווילן דעזערטירן,
ווילן זיך פאַרלירן,
ווילן זיך פאַרלירן.

די ווענט אונדזערע לויפֿן
צו טעג, ווען זיי וועלן
אויפֿהערן פֿאַרשטעלן,
אויפֿהערן פֿאַרשטעלן.

אונדזערע שוועלן
זיינען רעבעלן,
ווילן ווערן וועלן,
ווילן זיך צעגיסן.

אונדזערע שלעסער
לאָזן אונדז וויסן:
מ׳קאָן גאָרנישט פֿאַרשליסן,
גאָרנישט פֿאַרשליסן.

פ אַ ר ב י י פ ל י

האָט מיך אָנגערירט, האָט מיך אָנגערירט,
ווען כ׳בין אָפֿהענדיק געבליבן זיצן,
וואָרטלאָז וואָרטנדיק אין מיין ליידיקייט,
ווי אַ פֿעלד אין גרויסע היצן.

צו דער טיפֿעניש פֿון מיין ליידיקייט
האָט קיין עמער נישט גענידערט.
יאָ־און־ניין־געפֿעכט האָט זיך איינגעשטילט,
גאָרנישט האָט געקידער־ווידערט.

ס׳ליכט נישט אויפֿגעדרייט, ס׳טראַכטן אָפּגעשטעלט,
ווי אַ וואָגן: ווייטער פֿאָר נישט!
האָט מיך אָנגערירט, האָט מיך אָנגערירט,
בלויז אַן אָנריר — און מער גאָרנישט.

ס׳איז אַ בליץ געווען, ס׳איז אַ פּלי געווען —
כאַטש ס׳איז אַלץ אין מיר געשטאַנען.
דאָס איז זי געווען, דאָס איז זי געווען —
אָבער ו ו ע ר איז זי? פון וואַנען?

האָט מיך אַנגערירט, האָט מיך אַנגערירט,
ווען כ׳בין אַפּהענדיק געבליבן זיצן.
איז אַדורך מיר, איז אַדורך דורך מיר,
ווי אַן אוונט-ווינט דורך שווארצע שפּיצן.

א ליד פון טאַגבוך

אַזוי, אַזוי, דו נאַר פון נאַרן,
אַזוי, אַזוי, דו נאַר, דו אהרן.
אלה תולדות קאַריקאַטור.
אין יאָרן, אין אומגליק, אין ליטעראַטור
אַריינגעוואַקסן ביסטו גאָרנישט אויף קאַטאַוועס,
און פאַרגעסן: אויף יענער זייט שוועל,
אויף יענער זייט שוועל,
וואַרטן די גוואַלדיקע ריכטער — די אָבות.

וועסט אַרויסוואַקסן, אַרויסוואַקסן צוריק
פון דעם אַלעם —
אַרונטערקוילערן, אַרונטערקוילערן פון זיך
די וועלט ווי אַ באַלעם.
אויף יענער זייט שוועל,
אויף יענער זייט טאָג,
זיצן די היטער פון דער וואָג,
וואַרטן די ריכטער.
און דו —
וואָס וועסטו זיי ענטפערן, דיכטער?

אַ צווייט ליד פון טאָגבוך

איך ווייס דאָך, ווי ווערטער ווערן געמאַכט, —
ווערטער מאַך איך אַליין.

איך ווייס דאָך, ווי ווערטער ווערן געמאַכט
און וואָס מען קאָן פון זיי מאַכן.
מען מאַכט פון זיי בערג און מען מאַכט פון זיי טאָלן,
מען מאַכט פון זיי בלוט און מען מאַכט פון זיי זאַכן,
קאַלטע קרישטאָלן און זילבערנע שאָלן,
הינט וואָס הוילן און טונקעלע היילן —
מיר קאָנט איר מיט ווערטער נישט צאָלן!
מיך וועט איר מיט ווערטער נישט היילן!

נעמט אייך די ווערטער און גייט.
מאַגיקער, נעמט אייך די ווערטער און גייט.
פלוך צו די רייד.
גיי אויף, גיי אויף, בילעריי
צו אלהים —
וואָיע, נשמה, צו אים
אַ ווילד וואָיעריי!

אַ דריט ליד פון טאָגבוך

געפעלשט האָב איך, געשיקטער, אין מיין שיקער.
ווי קאָנען לידער אויסקויפן מיין חטא?
דעם ווייַן פאַרזוכט בלויז — נישט געוואָרן שכור.
נאָך אַלץ פּאָעט, נישט מער ווי אַ פּאָעט.

און ווי! זיך אויסגעמישט מיט זיי, מיט אַלע.
אַ שווערע שטראָף, דו קייטן-שווערע שטראָף!
מיט זיי צוזאַמען פרעפלען זייער אלף,
ווען דו אַליין ביסט וויַיט נאָך תיו.

און שטיין אין קיך, וואו ס׳פּרעגלען זיך די ווערטער,
אַליין זיין קאָך און פיינט-האָבן די קיך,
און שפּעט באַנאַכט ערשט בלייבן זיצן אַ פאַרקלערטער
אין שטומען דיאַלאָג מיט זיך.

און זען אין פענצטער אויסגעשטעלט די שטערן
און הערן, ווי זיי טרייבן פון דיר שפּאָט,
למאַי דו מוזסט נאָך זיצן אַלץ און קלערן,
אַנשטאָט אָן פאָרכט אַרויסצוגיין צו גאָט.

ווייב, דורך איין פינצטערניש

ווייב, דורך איין פינצטערניש גייען מיר ביידע.
וואָס מיר רופן ליבע — ווער ווייס, ווי עס דאַרף הייסן.
שטראָף איז עס אפשר און גאַנג צו **עקידה**.
נישט מען פרעגט ביי אונדז און נישט מיר ווייסן.

די נאַקעטקייט פון גוף דיינעם איז גרויזאַם-געשליפן.
ס׳איז גלאַטקייט פון אַ ים: אויף איר גייען מיינע שיפן
צום אָפּגרונט דעם אַלטן, צום אָפּגרונט דעם טיפן.

אַ קינד יוסטו געבוירן און דאָס קינד וועט שרייען,
אַ קינד ווי אַ לעבעדיק געוואָרענער רעיון.
דערשראָקן וועל איך האָרכן — און ווער וועט באַשיידן,
צי רופט עס משיח אָדער שרייט עס קין?

פון דער ריגוועדא

נאָך איז דאָס אומזיין נישט געווען און נישט דאָס זיין,
נישט לופט-שפּרייטונג, נישט הימל-שפּרייטונג אויבן.
ווער האָט די וועלט באַוואַכט און ווער איר גרענעץ
געצייכנט? וואו איז ים געווען, וואו ים-גרונט?

ס'איז טויט נאָך נישט געווען און אויך נישט אומטויט,
ס'איז נאַכט נאָך נישט פאַראַן־געווען, בלויז אָטעם,
אור־ערשטיקס נאָר — און גאָרנישט מער.

בלינדע בלאָנדזשעניש האָט וועגן נאָך געטאַפּט,
איינס איז נאָך געווען דאָס הויכע און דאָס טאָליקע.
מיטאַמאָל האָט דרוק פון ווייטיק ברעניקן
אויפגעבראָכן דאָס פאַרזיגלטע,
אַ שפּאַלט־געטאָן דאָס שאָליקע.

די ערשטע פון די ווערנדיקע איז אַרוים די ליבע,
אור־שפּראָץ אויס די קערנער פון דעם וויסן.
אין די געדאַנקען פון אַ מענטשנ'ס האַרץ
האָבן שפּעטער אויפגעדעקט די ווייִסער
וואָרצלען פונעם אומזיין,
וואָס פירן צו דער ליבע.

און דאָך — די ווייסער —
וואָס האָבן זיי געפונען איבן און וואָס אונטן ?
שפּראָצונגען קוים־קוימיקע, דאָך שוין פּאַראַניקע,
דראַנגען שוין אַפּערגעדרונגענע,
אין דער הויך — די צווייִקייט,
אין דער נידער — זעלבסטיקייט.

ווער אָבער האָט אָנהייב'ס אָנהייבונג באַנומען ?
אַליין די געטער
זענען שפּעטער ערשט געקומען.
ווער האָט אָנהייב'ס אָנהייבונג באַנומען ?
ווער האָט אור־אורעניש דערקענט ?
ער, וואָס האָט אַפּערגערופן די יצירה,
ער, וואָס האָט מיט העלקייטן פון העכסטן הימל
זיך געשפּיגלט אין די שפּיגלען אירע,
ער, וואָס האָט די וועלט פון זיך אַרויסגעדאַכט —

ער ווייס!
ער ווייס — און אפשר נישט.
ווייל ער, וואָס איז פון יענער־זייט פון יענע־זייטן אַלע,
איז אויך מחוץ פון וויסן.
ווי קאָן ער אינעם וויסן זיך פאַרשליסן?

1936

אין דולהויז. אדער
צווישן גאָט און גאַרנישט

הער דאָקטאָר, איך בין גאָט.
איר מעגט עס מיר פאַרגינען.
ווען כ'האָב, נישט היינט געדאַכט, געמענטשט,
בין איך כמעט אַרונטער פונעם זינען.
נו, איז געשען אַ גליק און כ'בין געוואָרן גאָט.

כ'בין אַזוי מעכטיק, אַזוי גרויס און גליקלעך!
ווייל איך — כאַפּ איך אָן די ערד
און צעטראַסקע זי אויף שטיקלעך.
זי איז עס ווערט — איר הערט?
זי איז עס ווערט,
דאָס שטיק נבֿלה!
נאָר מילא.
איך בין אַ גוטמוטיקער גאָט.
איך האָב רחמנות
אויף הינט אין גאַס —
און אַפילו אויפן ים־אוקינוס,
וואָס אים איז, נעבעך, אייביק נאַס.
איך, אַ גאָט מיט יושר,
זאָל נעמען און צעטראַסקען אַזאַ ערד?
זאָל זי קומען אויף אַנדערע הענט.
זאָל זי גיין אין דר'ערד.

איך בין אַ וואונדערבאַרער גאָט, הער דאָקטאָר.
כ׳האָב רחמנות אויף דער גראָער מאַסע.
ווער נאָך ווייס ווי איך, וואָס ס׳הייסט זיין מענטש?
כ׳בין אַליין געווען פון אייער ראַסע.
אַ מענטש צו זיין איז דאָך אַ בראָך אַזוינע,
אַז כ׳ווינטש עס נישט דעם ערגסטן שונא.
כ׳האָב פשוט מיטגעפיל מיט אייער פּאַרכעוואַטן מין.
וואָס קענט איר ווייסן, ס׳אַרא גוטמוטיקער גאָט איך בין!
איך לאָז מיך אַנטאָן אַ משוגעים־העמד אפילו —
און שטיי אַזוי און האָרך ווי עס טוט צו מיר תפילה
דער גאָרנישט.

ווער דער גאָרנישט איז?
טאַקע ווידער איך, הער דאָקטאָר.
קעניג גאָרנישט דער דרייצנטער בין איך.
ניין, גאָרנישט דער אומענדלעכער.
איך בין אַזוי נישט־זייעוודיק,
אַז אָט־אָט — און כ׳הער אַפילו אויף צו גאָרנישטן.
כ׳בין נישטאָ אין ערגעץ — כ׳גאַראַנטיר! —
און קיין שום ערגעץ איז נישטאָ אין מיר.
דאָס איז דאָך אַזוי גוט, הער דאָקטאָר,
נאָך בעסער ווי צו זיין אַ גאָט.
שטעלט אייך פאָר: איך בין נישטאָ אויף קיין שום עולם.
מ׳קען מיך נישט געפינען בשום אופן שבעולם,
ווייל כ׳בין נישטאָ שבנישטאָ שבנישטאָ.
קענט איר עס באַגרייפן?
מיין גליק איז פשוט צום באַוואונדערן.
נאָר זייט מיך נישט מקנא, דאָקטאָר.
ס׳האָט מיך גענוג געקאָסט.
כ׳בין אַ געמאַזלטער און אַ געפּאַקטער.
ס׳האָט אַרום מיר גענוג געדונערט און געבליצט.
אַ, ווען איך דערמאָן זיך אין די פּחדים פון מיין מענטשישאַפט,
שווידערט מיך, אומענדלעכן גאָרנישט, ביז איצט.

נו, ס׳איז שפּעט. דער זייגער איז שוין איבערמאָרגן.
מיר׳ן זיך טרעפן אַן אַנדערש מאָל, דאָקטאָר.
כ׳וועל שיקן נאָך אייך דעם שמש.
כאָטש — ווי קענען מיר זיך טרעפן,
אַז כ׳בין נישטאָ שבנישטאָ שבנישטאָ,
נישטאָ בפּועל ממש — —?

עפּעס קוקט איר מיך אָן אַזוי נאַרישעוואַטע,
ווי איר וואָלט נישט קיין אויגן געהאַט,
נאָר צוויי שטיקער וואַטע.
מ׳טאָר אַזוי נישט קוקן. מ׳טאָר נישט.
האָט נישט קיין פאַריבל. ס׳שלעפּערט מיך.
כ׳גיי מיך לייגן שלאָפן צווישן גאָט און גאָרנישט.

מערדער און ווערטער

פון טאָג צו טאָג
קען איך זיי אַלץ ווינציקער פאַרטראָגן,
די ווערטער וואָס איך זאָג,
די ווערטער וואָס אַנדערע זאָגן.

איבערפול די וועלט מיט וואָרט.
איבערפול די ערד מיט מאָרד.
נישטאָ אַזעלכע ערטער,
זאָלסט קענען דאָרט אַוועק
פון מערדער און פון ווערטער.

אַ מענטש פאַרנאַכט

א

איך בין נאָך צו יונג, ס׳זאָל זיך נויגן מיין קאָפּ
צום לעצטן שווארצן דרימל,
נאָר ס׳פאַרפאָלגט מיך אַ לידל אַ סענטימענטאַלס,
ווי אַן אַלטער וואַלס,

די אַריע פֿון באַראָן קימל *):
„קינדער מוזן שלאָפֿן גיין,
ווען די זון טוט אונטערגיין".

ווען מיין יינגעלע, קליין און בלאָנד,
וויינט אין דערבייאיקן צימער,
וואַרים די מאַמע צווינגט אים צום שלאָף
(ער זעט: די שוואַרצע שווימער,
די שאָטנס, רודערן שנעל צום ברעג) —
ווייס איך: זיין שרעק איז מיין אייגענע שרעק,
און קעגן פֿאַרנאַכטיקן הימל
ברום איך מיר פֿון מחשבות אַרויס
דאָס לידל פֿון באַראָן קימל:
„קינדער מוזן שלאָפֿן גיין,
ווען די זון טוט אונטערגיין".

אַ קינד האָט מורא פֿאַר דער נאַכט,
ס'וויל האַלטן די אויגן אָפֿן.
קינדער ווילן נישט שלאָפֿן גיין,
און ס'זינגען די פֿילאָזאָפֿן
דאָס אייביקע ליד, אַז באַשר־בכן —
דאָ ווערט נישט העלפֿן קיין געוויין:
שלאָפֿן מוז מען, צי מ'וויל, צי ניין.
שלאָפֿט איין דאָס קינד — און דערזעלבער סוף
קומט אויך אויף אים, דעם פֿילאָזאָף.

נאָר ס'טרעפֿט: כ'הויב דאָס אויג צו די שטערן אַרויף
אין מיטן מיין שרעק און מיין טראַכטן —
דערהערט זיך מיר אַן אַנדער ליד,
אַן אַנדער ליד,
אַ טרייסט פֿאַר דעם עולם־תחתון:

*) אין דער אָפּערעטע: ציגיינער־באַראָן.

„קינדער מוזן שלאָפֿן גיין —
נאָר זיי שטייען ווידער אויף;
זונען מוזן אונטערגיין,
נאָר זיי גייען ווידער אויף.
זאָלן זיך קינדער און זונען נישט שרעקן:
דאָס לעבן קאָן זיך נישט ענקן".

ב

א חשבון־הנפש מאַך איך פאַרנאַכט,
איידער די ווייטקייטן ווערן פאַרמאַכט.

דאָס וואַסער, וואָס האָט צו דער זון געזונגען,
האָט זיך ביים מילנער צום קנעכט פאַרדונגען.

צו חברה קלעזמער אַוועק איז דער ווינט,
און נישט אומזיסט האָט דער קאָרן געגרינט:
ברויט איז געוואָרן פון דעם קאָרן.

און ס'איז בעאַטריטשע א ווייבל געוואָרן,
און ס'איז בעאַטריטשע געגאַנגען צו קינד, —
און נאָר פון איינס איז גאָרנישט געוואָרן,
גאָרנישט, חוץ טינט:
פון מיין ביסל לעבן איז גאָרנישט געוואָרן.

ג

פון מ י י ן ביסל לעבן איז גאָרנישט געוואָרן, —
רייד איך צו זיך פאַרנאַכט־צו.
קומט אָן פרוי נ ש מ ה און זאָגט אַזוי
(האַלב וויינט זי און האַלב לאַכט זי):

ווערן ג אָ ר נ י ש ט, מיין ליבער פריינד,
איז נישט פון די קליינע זאַכן.

עס ווענדט זיך נאָר, וואָס מען מאַכט דערפֿון —
אוי, לאָזט זיך פֿון גאָרנישט מאַכן!

דער האַר האָט פֿון גאָרנישט אַ וועלט געמאַכט
אין טעג סך־הכל זיבן,
פֿון זיבן מאָל גאָרנישט אַ וועלט געמאַכט —
און דער גאָרנישט איז געבליבן.

עס שטערט דיר בלויז דאָס ביסל טינט
צום גאָרנישט צו דעם פֿולן, —
נו, גיסט מען עס אויס און מען ווערט אַ טייל
אינ׳ם נול פֿון אַלע נולן.

פֿאַרנעם דאָס וואָרט פֿון דעם ווינט פֿאַרנאַכט —
ער זאָגט עס און ער ווייס עס:
ס׳איז אַלץ נאָך אינ׳דיק די וועלט,
ס׳איז איצט ווי דענסטמאָל — בראשית.

ד

צום מערב קוק, פֿון מערב לערן,
און ווער נישט פֿאַר זיך אַליין דערשראָקן:
נאָך פֿייערן קומען שטערן.

און שטערן זענען לעצטע שטילקייט,
און רו פֿון טיפֿסטער איינציקייט
זאָגט אָן דיר זייער פֿילקייט.

ווי גאָט איז איינער אין צען ספֿירות,
אַזוי איז איינציקייט פֿאַראַן
אין אַלע דיינע סתירות.

דאָס אור־לעצט־איינציקע — דערשפּיר עס,
דאָס פֿלעמלדיק־גלאַנציקע — פֿאַרליר עס,

אַט ווי דער מערב טוט פֿאַרלירן
קאָלירן נאָך קאָלירן.

ח

איך הער —
אַ שטיין האָט זיך צערעדט:
„איך ליג
ביים שליאַך
אַליין,
האַלב שלאָפֿיק און האַלב וואַך,
פֿאַרשוואַרצט, פֿאַרגרינט,
און ווינט
לאָזט גריסן מיך
פֿון איר,
דער ווייטער,
דער רויז
פֿון באַרג.
איר שוים
רופֿט שפּעט, רופֿט פֿרי.
כ׳וויל גיין —
נאָר ווי?
איך בין אַ שטיין...
פֿאַרנאַכט־צו טרעפֿט׳ס:
איך מורמל
מיט שוואַרצער לעפֿץ
צו איר,
דער ווייטער.
נאָר אַרום מיר —
אָוונט געשלאָסענער,
אָן אַ ריר,
ס׳ברענט בלויז דעם מערב׳ס
רויטער שייטער.

װער װעט
פֿאַרשטײן
די תּפֿילה פֿון אַ שטײן?"

ו

אין מיטן ברױנעם אָװנט אױף דער לאָנקע
הױבט דעם קאָפּ אַפּער פֿון גראָז
אַ געפּענטעטע פֿערד
און קלערט —
פֿון װאָס?

עפּעס האָט זיך אים דערמאָנט.
אַ לעבן אַ װײטס?
אַ טױט אַ װײטער?
אַ רגע װערט עס װידער נאָנט.

אפֿשר אַ שטאָט?
אפֿשר טירן, שטיגן, װענט?
און אָנשטאָט
די פֿאָדערשטע צװײ פֿיס —
צװײ הענט? — — — —

אַ רגע זיך פֿאַרקלערט —
און װידער קאָפּ צום גראָז,
און װידער פֿערד.

און װאו, אין װעלכן דור, אױף װעלכער ערד,
אין װאָס פֿאַר אַ געשטאַלט און אָנטאָן,
װעט דאָס, װאָס איצטער איז עס פֿערד,
זיך װידער אַ דערמאָן-טאָן?

ז

איך בין אַ חלום
און ס׳קומט מיר צו-חלום

אַ חלום אַ צווייטער —
און גיט מיר אָפּ שלום.

איך בין אַ טיר
און גרויס אָן אַ שיעור
איז די טיר די צווייטע,
צו וועלכער איך פיר.

ח

אָן אָטעם וואַרטן נידעריקע קרײַטער,
אָן אָטעם וואַרטן זיי אויף נאַכט'ס באַריר.
דער טאָג האָט זיך געטראָגן ווי אַ דולער רייטער —
געפאַלן איז ער פאַר זיין שיקער'ס טיר.

ער ליגט אין שווערן פיבער און די אַנגסטן רינען—
אַ פייערדיקע באָד;
און אַרום אים דער מערב, ווי רואינען
פון אַ פאַרברענטער שטאָט.

באַלד וועט דער האַר מיט ליכט-געטראַנק אין קילע שאָלן
אַרוים צום קנעכט, וואָס איז געוואָרן שלאָף,
און וועט מיט העלסטן שטערן-גאָלד באַצאָלן
זיין מידן שקלאָף.

ט

פון קינדער געשטאָרבענע זיץ איך און טראַכט
און פון יענער טראַכט,
וואָס געבוירט זיי און נעמט זיי צוריק
אין איר פורפורנער וויג.

צום מערב-תהום קוק איך און טראַכט
פון דער אייביקער טראַכט,

פון דער אייביקער טיר,
וואָס דורך איר
גייען מיר, קומען מיר, גייען מיר ווידער.

פורפורנע פינסטערניש, טיף אין דיר זיצן
געשטאָרבענע קינדער, ווי לידער,
וואָס וואַרטן אויף זייער פּאָעט.

זיי וואַרטן אויף מאַמעס,
וואָס וועלן אויפסניי זיי געבערן,
און זענען ווי בליצן,
וואָס ליגן נאָך שטיל ביי דער כמאַרע אין בעט.

י

מוזיק פון אַ פליג.
סטאַדעס קערן זיך אום.
אויך איך גיי צוריק
צו דער נאַכט, פון וועלכער איך קום.

דער טייוול, דער פּאַליגלאָט,
שווייגט; דער מערב פאַרבלאַסט.
דער גוטער גאָט
האָט שוין צוגעגרייט נאַכטמאָל פאַר מיר, זיין גאַסט.

זומער, 1936